STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05219

IN TSAYTN FINSTERE UN BEYZE

E. Y. Goldshmidt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Index No
159

HOME OF THE DAUGHTERS OF ISRAEL
LIBRARY
5th Ave., N.Y.

א. י. גאָלדשמידט

אין צייטן פינסטערע און בייזע

פּאָעמעס און נאָוועלן

אַרויסגעבער — אַברהם פּלאָטניק / פילאַדעלפיע — אַמעריקע.

1930 ווילנע תר"ץ

Fl. J. Goldszmidt: W czasach groźnych i burzliwych.
Wyd. A. Płotnik.

Drukarnia B. Cjonsona i S-ka, Wilno, Trocka 13.
דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ׳, ווילנע, טראָקער 13.

אינהאַלט.

I. צווישן האָפענונג און יאוש.

זייט.

1. דער אויפגעדעקטער ספינקס — — — — — — — — — 5
2. אויפן גרענעץ — — — — — — — — — — — — 13
3. פאַרגרייזט— — — — — — — — — — — — — — 21
4. אַ מוטער — — — — — — — — — — — — — — 27
5. פאַרשוואונדן — — — — — — — — — — — — — 32
6. וואוהין? — — — — — — — — — — — — — — 38
7. מיין פרילינג — — — — — — — — — — — — — 75
8. ווידער פרילינג — — — — — — — — — — — — 80
9. ווען דער שיינער פרילינג איז געקומען — — — — — — 85
10. האַרבסט=מאָטיוון— — — — — — — — — — — — 89
11. גייט אום אַ מענטש— — — — — — — — — — — 95

II. צווישן רויכערדיקע חורבות.

12. אַ מוטערס קלאָג— — — — — — — — — — — — — 97
13. פון טרויער — אַ שמחה... — — — — — — — — 100
14. „אַך, דו פינסטערע מאַכט"!— — — — — — — — — 106
15. פאַרהיט... — — — — — — — — — — — — — 116
16. נייע לעגענדעס:
    א. מידה כנגד מידה.
    ב. די באַשערטע שטראָף.
    ג. פאַר חילול הקודש.
    ד. „אַ פאָטער פון יתומים"...— — — — — 138
17. היימלאָזע:
    א. פייגעלעך.
    ב. אין אַן אַטמאָספערע פון יאוש און משוגעת— 145
18. איבער דער חרובער פראָווינץ (רייזע=נאָטיצן און שטריכן) — — — — — — — — — — — — — — 165

א. צווישן האָפענונג און יאוש

דער אויפגעדעקטער ספינקס

אַמאָל אין טיפן האַרבסט,
נ׳אַ קאַלטער שוואַרצער נאַכט,
האָב איך אין קלעם געזען
אַ חלום — אַ קאָשמאַר — — —
— — — — — — — — — —
אַרום האָט שנעל געפלאַטערט
אַ מענגע רויטע שאָטנס...
די לופט איז מיט אַ ריח
פון רויזן צוויבער־זיס
געוועזן אָנגעטרונקען.

אַ ווינטל מילד און לייכט
האָט קוים באַרירט די ערד
און האָט אונז, דאַכט זיך, טרייסט
און פרייד אַ סך געטראָגן.

דער מזרח האָט קוים־קוים
זיך נאָר־וואָס אָנגעצונדן
און האָט. באַגילדנדיק
די שפּיצן ביימער העל,
באַצירט די ברייטע פעלדער,
פון שלאָף ערשט אויפגעוואַכטע,
מיט פּורפּור־רויטע פאַרבן:

אָט האָט דער ערשטער שטראַל
באַרירט לייכט מייבע אויגן —

איך האָב געטאָן אַ ציטער — — — —

דער שיין איז מער און מער
געשטיגן אַלץ, ביז וואַנען
גאַנץ מזרח האָט געברענט
אין פלאַמען רויט ווי בלוט — — — —

און נאָכדעם מיט אַמאָל
איז אומגעריכט די וועלט
געוואָרן חושך־פינסטער...
געוואָרן דאַן איז אַלץ
פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט
און אַלץ איז דאַן אַוועק
אַ ווילדן טייוול־טאַנץ...

ס'איז דענסטמאָל, דאַכט זיך, אַלץ
אַריין אין טיפן תהום...
כ'בין דענסטמאָל, דאַכט זיך, אויך
אין טיפן תהום אַריין — — —
— — — — — — — — —

נאָר וואָס איז דאָ געשען?
גאַנץ אומגעריכט געשען?

ווי וואונדערבאַר! — איך זע: —
די הימלען האָבן זיך
געעפנט־אויף פאַר מיר...
אַ העלער שיין האָט שאַרף
די אויגן מיר פאַרבלענדט — — —

און פלוצלינג האָב איך באַלד

דערהערט אַ דונער־שטים,
וואָס ט׳אויפגעציטערט און
פאַרגליווערט גלייך געוואָרן — — — —

אַ רגע איז אַוועק —
און שטוינענדיק האָב איך
אין יענעם רויטן שיין
אַ וואונדער־בילד דערזען —
אַ יונגפרוי שלאַנק, אַ פּראַכט — — — —

פון אירע אַקסלען איז
אַ פּורפּור־מאַנטל — טול
און גאָלד — אַראָפּגעהאַנגען
און צוגעדעקט די פיס;

און אין איר חופּה־קרוין,
ווי שטערן, האָבן העל
פיל שטיינער טייערע
פילפאַרביקע געברענט — — — —

נאָר ווי אַ בייזן ספינקס,
האָב איך — ניט איר געזיכט
און אויך ניט אירע אויגן
געקענט דאַן אונטערשיידן...

עס האָט אַ שלייער־שילד
פון שוואַרץ־בראָנזירטן שטאָל
איר פּנים גאַנץ פאַרדעקט...
זי האָט געשוויגן האַרט — — — —

* * *

און דאָ פון אַלע זייטן
אַרום איר, רוישנדיק

מיט פּאָנעס, האָט זיך פריי
אָן עַם־רַב אָן אַ צאָל
פאַרזאַמלט און מיט גייסט
און ליבע האָט ער איר
אַ מעכטיק פרייהייטס־ליד,
אַ הייליק ליד געזונגען...

און פּלוצלינג מיט אַ האַנט
האָט מאַיעסטעטיש זי
באַרירט און עטוואָס קוים
דעם שלייער אויפגעהויבן — — —

דאָס פאָלק איז שטיל געבליבן...
און אַ נישט־קלאָרע שטים
האָט עס דערהערט אַ האַרטע:

„דו האָסט אויף מיר געוואַרט,
מיין פאָלק, און איך בין איצט
געקומען און געבראַכט
דיר פרייהייט אייביקע..."

ס'איז! ס'איז!... — האָט ס'פאָלק
געשריען, רייסנדיק
זיך ווי אַ מעכטיקער
און ווילדער שטראָם צו איר.

— „וואוהין? וואוהין? וואוהין?...
אָ, שטעל דיך אָפּ, דו נאַר!" —
האָט לאַכנדיק צו זיי
די שיינע פרוי געשריען —
„איך האָב דאָך דאָס געשפּאַסט!"...

די גאַנצע לופט איז גלייך

געוואָרן אָנגעזאַפּט
מיט אַ הויך פון סם — — — —

ווי פון אַ צויבער־שלאַנג
פאַרגיפטעט און פאַרבלענדט,
האָט ס׳פאָלק גערוישט, געברויזט:

— „אַראָפּ די מאַסקע! לאָז
אונז גלייך אַ קוק טאָן דיר
אין ד׳אויגן און ס׳געזיכט!"...

— „אַראָפּ, אַראָפּ דעם שלייער!" —
האָט אַלץ דאָס גאַנצע פאָלק
גערעשט און געלאַרימט — — —

נאָר דאָ—אָ, האַרץ מיינס!—איז
אַ בייזער דונערקנאַל
פון ביקסן־שיסעריי
דער ענטפער אים געווען...

פון אַלע גלאַנצפולע
אבנים טובות פון
איר רייכער קרוין האָט זיך
שטראָם־שנעל אַ גאָס געטאָן
אַ רעגן מערדער־בליי,
אַ רעגן פייער־טויט — — —
— — — — — — — — — —

אַרום איז מער און מער
געוואָרן פייער־רויט...
אַלץ איז פאַרגאָסן באַלד
געווען מיט זודיק בלוט — — —
— — — — — — — — — —
און דורך דעם רעגן בליי

און דורך דעם פייער־טויט
האָט ס׳פאָלק מיט אימפעט זיך
און אויפגעוואַכטער קראַפט
צו איר אַ ריס געטאָן,
און מיט דערביטערונג
און פעסט געפאַסטן מוט,
מיט רויטע פאָנען שטאָלץ,
געטונקט אין זודיק בלוט,
פון איר דאָס גאָלד־געוועב
און ס׳פורפור־קלייד און קרוין
געריסן און געפליקט...

ס׳האָט, אום צו רעטן זיך
פון אירע צוואַנגען־הענט,
די כוחות אָנגעשטרענגט — — —
און זי האָט, ווי אַ שלאַנג
געזוכט דערדריקן אים,
מיט קראַלן־צוואַנגען זיך
געצילט צערייסן אים — — —

און נאָך איין אויגנבליק
האָט ס׳פאָלק, מיט כוחות ניי
דערפרישט, פון איר געזיכט
דעם שילד אַראָפּגעריסן — — —

דאָ ט׳אַלעמען אַרום
געכאַפּט אַ שרעק, אַ גרויל...
אַ דאַרע, טרוקענע,
איינגאַנצן שוואַרץ, פאַרפוילט,
מיט אויגן פינסטערע,
שוין גאַנץ פאַרלאָשענע,
און מיט אַ העליש מויל,

א גרויזאַם אָפּענעם,
און מיט איר טויט-אָטעם
פאַרסמענדיק די לופט, —
איז זי, א נאַקעטע,
אַליין דער טויט געווען...

. . . .

דער גאַנצער הימל איז
מיט בליי און באַלד מיט פּעך
באַדעקט געוואָרן גיך,
די זון — פאַרפינסטערט זיך...

אַרום איז אויגנבליק
געוואָרן פינסטער-שטאָק — — — —
— — — — — — — — — —

זי איז פאַרשוואונדן שנעל,
דאָ איבערלאָזנדיק
נאָר טויטע גופים בערג
און אויף דעם פינסטערן
און קאַלטן שלייער-שילד
פון שוואַרץ-בראָנזירטן שטאָל— — —

* *
*

א קברים-שטילקייט האָט
דעם טרויער-טאָל פאַרהילט,
א שוואַרצע טויט-שטילקייט,
וואָס שטיקט דעם אָטעם איין
און דריקט און קלעמט דאָס האַרץ,
און גרוילט און שרעקט מיט איר
געהיימניספולן זיפץ —
דעם בלוט-געשריי, וואָס גרייכט
ניט צו דעם אויער, נאָר
צום האַרצן טיף און שאַרף...

אין לעכער, גריבער שלוים,
אין פעלזן־שפּאַלטן טיף,
אין היילן קאָפּ אויף קאָפּ
פאַרבאָרגן זיינען באַלד
געלעגן שטיל די לייט,
צעלאָפּענע פון שלאַכט...

פאַרצווייפלטע צום טויט,
מיט אויגן ווילד און שטאַר,
פול טויט־שרעק, אין דער קלעם
געדענקענדיק נאָר זיך, —
באַלד האָבן דאָרט די לייט
גענומען יעדערער
זיך זוכן, נישטערן
אַ ווינקעלע, אַן אָרט
וואָס ווארימער, באַקוועמער
פאַר זיך אַליין מיט האסט,
מיט איילעניש, געוואַלט,
מיט שאַרפע בליקן נאָר,
ווי רויבער, אָפּגעהיט
דעם פּאַסיקן מאָמענט...

און באַלד, ווי גאָר משוגע
פון מאָרגנדיקן טויט,
זיינען ווילד זיי אַלע
אַוועק אַ טויטן־טאַנץ — — —
— — — — — — — — —
דאָ האָב איך אויפגעשווידערט
און — אויפגעוואַכט פון שלאָף. — — —
— — — — — — — — —

אויפן גרענעץ

געווידמעט—חנה־איטלען

ערגעץ ווייט הינטער די הימלישע גלגלים, אויפן שיידוועג צווישן עטער און אין־סוף, אויפן גרענעץ פון זיין און ניט־זיין— האָבן זיך באַגעגנט צוויי מלאכים — — —

איינער איז געווען אָפּגעשוואַכט און אָן אַ צייט פאַרעלטערט. די שטראַלן־קרוין פון זיין קאָפּ איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוועזן, זיינע אויגן—האַלב אויסגעלאָשן, דאָס פּנים — פאַרשרפּעט פון אַ שוואַרצן פייער און פול מיט רויטע פלעקן. די אייבערשטע פּאָר פליגלען, וואָס מיט זיי פלעגט ער אַלע ווײַלע צודעקן דעם פּנים און פּרוּוון קילן אים ווי מיט פעכערס, און די מיטלסטע, וואָס מיט זיי איז ער געפלויגן, און אויך די אונטערשטע, וואָס מיט זיי האָט ער געהאַט פאַרשטעלט די פיס,—זיינען אַלע געוועזן אַרומגעברענט און מיט רויטע נאַסע שפּורן. זיין געוועזענע שנייווייסע עטערדיקע הילע איז כמעט אינגאַנצן געווען פאַרפלעקט פון פאַרבאַקטן און פון פרישן בלוט — — —

און מיט אַ שוואַכן און ניט־זיכערן הילוך האָט ער זיך געלאָזן אין דער אייביקייט אַריין — — —

דער צווייטער מלאך איז געווען אַ נאָר־וואָס געבאָרן הימלסקינד. אויף זיין שיינעם קעפּעלע איז אַ שטראַלן־קרוין געווען, געשאַפן פון ליכט פון ששת ימי בראשית, און די זוניק־שיינענדיקע אויגעלעך זיינע האָבן מיט אַן אומבאַקאַנטער הימלישער צערטליכקייט געקוקט, מיט אַ טיפער אייביקער ליבע, פול האָפענונג און בטחון, גליק און אינווייניקסטער פרייד אָן אַ שיעור און אָן אַ גבול. זיינע פליגעלעך זיינען געווען. ווייס און זויבער, ווי דער שניי אויף די שפּיצן פון די העכסטע בערג אין ערשטן טאָג פון

פרילינג. ער האָט מיט זיי ניט־צוגעדעקט זיין אָפן־שטראַלנדיקן פנים און אויך ניט זיינע קליינע ריינע פיס; מיט אַלע זעקס פליגלעך זיינע האָט ער אָן ראַסט און רו געפלאַטערט און געשוועבט אַלץ ווייטער, ווייטער אינם אָנסופיקן רוים. זיין שנייווייסע העלשטראַלנדיקע הילע איז דורכזיכטיק געווען, און ער האָט געשיינט מיט אַ שיינקייט פון צאַרטסטער יונגשאַפט און פון נייעם לעבן, מיטן רייץ פון ליבער תמימות. ער איז אַליין געווען דער סימבאָל פון בליען און פון לעבן. אַלץ האָט אין אים געאָטעמט מיט שמחה, מיט אמונה און מיט האָפענונג. אַלץ אין אים האָט באַפליגלט און פאַרשפּרייט אַרום אינם וויסטן חלל פונם עולם התוהו ליכט און טרייסט און אַ צאַרטן ציטער פון דערוואַרטונג. אַ בליענדיקער און אַ פריידיקער האָט ער זיך געלאָזן פון צווישן די הויכע ווייטע הימלישע וועלטן אַראָפּ צו דער חושכדיקער ערד — — —

און ערגעץ ווייט הינטער די אַלערהעכסטע הימלישע גלגלים, אויפן שיידוועג צווישן עטער און אין־סוף, אויפן גרענעץ צווישן זיין און ניט־זיין, אין אַ שטילשווייגן פון אייביקן חושך־אפלה האָבן זיך ביידע מלאכים באַגעגנט — — —

— פונוואַנען פליסטו, הימל־וואַנדערער? — האָט דער יונגער מלאך געפרעגט דעם אַלטן, וואָס האָט אינגאַנצן געשווינדערט פון אייביקייטס־קעלט און קוים באַוועגט זיך מיט די אָפגעשלאָפטע פליגלען.

— פון דאָרטן! — האָט יענער געענטפערט, און מיט אַ ציטערדיקן פליגל האָט ער געוויזן אויף דער ערד, וואָס איז געווען איינגעהילט אין חושך.

— וואָס הערט זיך און וואָס טוט זיך דאָרטן? וואָס האָסטו דאָרטן איבערגעלאָזן?

— תוהו ובוהו אומעטום, טויט און חורבן...

— אויף דער לעבעדיקער ערד, וואו ס׳בליט דאָס שיינע לאַנד פון עדן, וואוהין עס שטרעבן אַלע מיינע יונגע ברידער? !

— אינם טרויערטאָל, וואָס רופט זיך ערד, איז שוין לאַנג נישטאָ קיין עדן... ס׳איז געווען אַמאָל, אַמאָל, גאָר־גאָר פאַרצייטנס, אַ שיינע ליבע וועלט — און איז שוין מער נישטאָ! געווען אויף

איר גאַנץ שיינע זאַכן — און זיינען מער נישטאָ! אַ רוח־המשחית, פון די טיפענישן פון גיהנום געקומען, איז איבער דער גאַנצער ערד אַדורך און האָט זי אומגעקערט אין תוהו ובוהו. איצט הערשט דאָרטן בלויז עלנט און פאַרוויסטונג, יאוש, טויט און אימת־מות...

— ווי האָסטו דאָס, אַ הימל־זון, געקאָנט שטיין פונדער־ווייטנס און ניט דערהייבן זיך צו באַשיצן די אומגליקליכע קעגן דעם שוואַרצן בייזן גייסט?...

— ניין, מיין ליבער יונגער כרוב, איך בין פונוויטנס נישט געשטאַנען, איך האָב דערפילט מיין באַשטימטע שליחות און האָב זיך אויפגעהויבן צו פאַרטיידיקן דעם אמת פונם אַבסאָלוטן יושר און די גערעכטיקייט פונם אַבסאָלוטן אמת, אָבער — צו מיין גרויסן אומגליק, דעם גרעסטן אין אַלע אייבערשטע און אונטערשטע עולמות, אין די ערשטע און די לעצטע — איז אַ גייסט פון כאַאָס געקומען אויף דער וועלט, אַ גייסט, וואָס זיין גלייכן איז נאָך נישט געווען זינט ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן ערד און הימל: ס׳זיינען צעטומלט געוואָרן די געמיטער פון דעם מענטשן־מין, צעמישט געוואָרן זיינע דעות און באַגריפן פון גערעכטיקייט און אומרעכט, פון אמת און פון שקר, פון ליכט און חושך און פון גוטס און שלעכטס... אויסגעמישט איז געוואָרן ליכט און חושך, צעטראָטן ליגט דער ריינער אַבסאָלוטער אמת און דער ריינער אַבסאָלוטער יושר, און פאַרשוואונדן איז דאָס גוטס געוואָרן. עס הערשן נאָר דער אַבסאָלוטער שקר און דאָס אַבסאָלוטע אומרעכט, — דעריבער איז געקומען אויף די מענטשן גאָר דאָס בייז; דעריבער איז אויף זיי געקומען שווערד און הונגער און אימהדיקע מחלות; דעריבער צאַפּלען זיי זיך אין יסורים פונם גוף און עינויים פונם נפש און גייען־אויס און קומען־אום אין טרויער! און אַ דערשלאָגענער, אָן כוח זיך צו ראַנגלען קעגן דעם שאַלקהאַפטיקן גייסט פון כאַאָס, גיי איך איצטער אָפּ אין דער אייביקייט אַריין...

— אוי, פאָטער פון דער וועלט! ווי איז דאָס מיגליך? צי איז דאָס אַלץ טאַקע געשען?

— גיב אַ קוק, יונג ברודערל דו תמים, אונטן־צו אַראָפּ!

זעסט: שוואַרצע וואָלקנס רויך טראָגן זיך צו די הימלען פון די פאַרברענטע שטעט און דערפער און זיילן שלעכטע שטיקנדיקע ריחות גייען־אויף פונם געשטאַנק פון די טויטע גופים פון מענטשן און בהמות, וואָס וועלגערן זיך אויף די פעלדער און אויף אַלע גאַסן, פאַרדאַרבן די לופט און פאַרגיפטיקן דעם עטער... לייג־צו אַן אויער, ליבינקער, וועסטו פאַרנעמען: מאַוויימדיקע זיפצן, וואָס דרינגען־דורך ביז אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה. און אַ געיאָמער און אַ געוויין פון אומגליקליכע, וואָס קומען־אום פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע זינד און אויך פאַר זינד פון די פריער־דיקע דורות... אַ קרעכצן פון דערשלאָגענע — דערשלאָגענע פון פייערגעווער און פון תּליות, פון שווערד און הונגער,—אַ שטים פון צאַפּלען־זיך צווישן לעבן און טויט — אַ שטילע שטים פון גסיסה פון דורכגענעגלטע זקנים און דערשטאָכענע יונגעלייט, פון געקוילעטע מאַנסבילן און פאַרשוועכטע פרויען, פון צעשניטענע מאַמעס און צעשמעטערטע קליינע קינדער,—די שטים פון בלוט פונם געפייניקטן און געפּליקטן פאָלק, וואָס ווערט פאַרגאָסן ווי וואַסער אין די שחיטה־שטעט — שרייט פון דער פאַרשאָלטענער ערד צום הימל און רופט צום משפט, מאָנט גערעכטיקייט און פאָדערט שטרענג נקמה פאַר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט... אַ ווילדע קנאה און אַ פינסטערע איינגעגעסענע שנאה פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק האָט פאַרסמט די גאַנצע מענטשהייט, — און עס ווילדעוועט אויף דער בלוטיקער ערד אַ שגעונדיקע מלחמה צווישן פאָלק און פאָלק, אַן אומאויפהערליכער געראַנגל פון שכן קעגן שכן און פון ברודער קעגן ברודער,—פון אַלעמען קעגן אַלעמען, — און אין דער דאָזיקער טייוולאָנישער מלחמה און אין דעם דאָזיקן ווילדן געראַנגל גייט־אָפּ מיט בלוט דער בהיר פון אַלע ברואים. ניט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס און ניט פאַרנעמענדיק אַליין פאַרוועו... מיליאָנען, צענדליקער מיליאָ־נען מענטשן פאַלן ווי די סגאָפּעס אונטערן חלף איינער פונם צווייטן און גאַנצע פעלקער שטאַרבן אויס פון הונגער און מגפות... גאַנצע לענדער און מדינות ווערן ליידיק אָן איינוואוינער און פאַר־וויסט, און פון דער גאַנצער פרוכט פונם מענטשנס אַרבעט, וואָס

האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרפולקומט אין משך פון הונדערטער און פון טויזנטער יאָרן, ווערט תוהו ובוהו — — — איך האָב איבערגעלאָזן אויף דער חושכדיקער ערד ווילדע אמונות און פאַלשע פינסטערע טעאָריעס, וואָס פאַרטעמפּן דעם מוח און פאַרדאַרבן דאָס האַרץ; איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזן איבערפּילטע תּפיסות, וואו עס שמאַכטן און ווערן פאַרפייניקט די פרייע דרייסטע גייסטער, די נביאים פון העלן ליכט און אמת; איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזן גאַנצע מחנות שוואַרצע מחבלים, וואָס ווילדעווען מיט שׂדימשער אכזריות, פּייניקן און שטיקן, שׁחטן און ראַבירן אויף רעכטס און אויף לינקס, פאָראויס און הינטער זיך — — — אַ פאַרקערטע און אַ משוגענע וועלט האָב איך פאַרלאָזן — — — איך האָב איבערגעלאָזן הינטער זיך — ביטערע זיפצן פון פאַרוואָרלאָזטע עגונות און זייערע ניט דערהערטע תחנונים; טיפן שטילן טרויער פון מאַמעס פון שׁכולות, וואָס גייען־אויס אין שטילן שווייגן; געיאָמער און געוויין פון יונגע אלמנות און פון יתומים און יתומות, און דעם לעצטן אָטעם פון אומקומענדיקע אומשולדיקע עופהלעך — — — איך האָב איבערגעלאָזן דאָרט...

— האַלט־אָפּ אַ ווײַלע, הער־אויף, דו שׂר פון צער און טרויער! רוק זיך אָפּ פון מיר, — דו פאַרשפּריצט מיך באַלד מיט בלוט פון דיינע פליגלען! דו מאַכסט מיר מיט די בליקן דיינע פינסטער אין די אויגן און טרויעריק מיט דיין ריידן מיין געמיט! — — זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס ביסטו אַזוי בייז און האָסט פאַר די אומגליקליכע קיין טרייסטוואָרט ניט געפונען צו פאַרלייכטערן דעם צער פון זייער וועלט?

— ניין, קליין ברודערל דו מיינס, איך בין גאָרניט בייז; איך האָב אויך גוטס און ליכט איבערגעלאָזן פאַר די לייט אונטן אויף דער ערד! אויך איך בין יונג ווי דו אַמאָל געווען, און אויך גוט אַזוי און פרום און פול האָפענונג ווי דו! איך האָב אָבער אַ בייזע ירושה פון מיינע עלטערע באַקומען, וואָס האָט באַרויבט די שטראַלן־קרוין פון־אויף מיין קאָפּ, די ליכט פון מיינע אויגן און די פרייקייט און די לויטערע ווייסקייט פון מיינע פליגלען, די פרייד פון מיין געמיט, מיין גליק און מיין עצם לעבן! אָבער

איין פונק ליכט איז נאָך ביי מיר פאַרבליבן, אַ פונק פונם אור הגנוז, וואָס אונזער פאָטער, דער פאָטער פון דער אייביקייט, האָט מיר אים געשאָנקען בעת איך האָב מיך צום ערשטן מאָל געשטעלט פאַר זיין סַפיר־שטול צו שירה און וואָס קיינער־קיינער אינם גאַנצן וועלטאַל קאָן אים ניט און וועט אים ניט אַוועקרויבן ביי מיר! און אָט דעם פונק דעם דאָזיקן האָב איך אין דער ערשטער רגע פון מיין שליחות אַ וואָרף געטאָן אַראָפּ אויף דער ערד — און ער איז אויף איר פאַרבליבן. און איצט, פאַר מיין פאַרשווינדן אין דער אייביקייט, פאַרטרוי איך דיר, ליב יונג ברודערל דו מיין, דעם דאָזיקן פונק מיינעם און בעט דיך אים געטריי אָפּצוהיטן און פאַרשטאַרקן! — — —

די אויגן פונם יונגן מלאך, וואָס זיינען שוין געווען פאַרטונקלט געוואָרן מיט אַ הילע פון טרויער, האָבן ווידער אָנגעהויבן פינקלען מיט פרייד און לעבן, און ער האָט געזאָגט:

— און איך וועל נעמען דיין פונק ליכט און וועל אים באַהעפטן מיט מיין יונגער האָפענונג און ליכטיקן גלויבן און וועל זיי טראָגן צו די דערשלאָגענע מענטשן אויף דער ערד, און עס וועט זיך צעשטראַלן אין די מוחות זייערע אַ ליכט פון וויסן, וואָס מיט איר וועט פול ווערן די גאַנצע ערד. דען איך גלויב באמונה שלמה, אַז אָט דער פונק וועט מיט דער צייט, און אפשר נאָך אין מיין צייט, זיך צעפלאַקערן אין אַ פלאַם, אין אַ מעכטיק־גרויסן פלאַם, וואָס וועט שוין קיינמאָל־קיינמאָל מער ניט פאַרלאָשן ווערן, וואָס וועט אָנוואַרימען די פאַרגליווערטע ערד און וועט זי פול מאַכן מיט ליכט עד סוף כל הדורות! אין די הערצער פון די מענטשן וועט זיך אַ וואַרימקייט צעגיסן און עס וועט זיך אין זיי עפענען אַ פרישער באַלעבנדיקער קוואַל פון ליבע, האָפענונג און גלויבן. אַ נייער גייסט וועט זיי באַפליגלען און זיי וועלן באַגרייפן מיטן שכל און דערשפירן מיטן האַרצן דעם אמתדיקן ציל פון לעבן און דעם תכלית פונם מענטשן אויף דער ערד; זיי וועלן דאַן פאַרשטיין, אַז זיי זיינען אַראָפּ פון דעם איינאייציקן וועג, וואָס פירט צום דאָזיקן ציל, צום ציל פון גליק פון אַלע מענטשליכע משפחות אויף דער ערד און פון אַלע יחידים

אין די דאָזיקע משפחות, און אַז די נאַרישע קנאה און די מענטשנפרעסערישע שנאה האָט זיי אַלעמען אומגליקליך געמאַכט און גורם געווען דעם חורבן פון זייער וועלט. דעמאָלט וועלן די יחידים און די קיבוצים, די פעלקער און די ראַסן פּהאחד אָנערקענען, אַז זיי האָבן זיך אַלע איינער פאַרן אַנדערן פאַרזינדיקט און אַז זיי זיינען אַלע שולדיק אין דעם תּל פון זייער שלום און פון זייער גשמיותדיקן און רוחניותדיקן גליק; וועלן זיך קעגנזייטיק מוחל זיין און זיך איינער מיטן אַנדערן איבערבעטן און וועלן אַלע ווערן איין בונד מיט איינע און דיזעלביקע פאַרלאַנגען, מיט איינע און דיזעלביקע שטרעבונגען און צילן פון ניט־געפעלשטער פרייהייט. דעמאָלט וועט פאַרשווינדן די ווילדע קנאה און די בייזע שנאה פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק. דער וועלט־שקר וועט ווערן נעלם און דאָס וועלט־אומרעכט וועט זיין מויל פאַרמאַכן, די גאַנצע רשעות וועט ווי אַ רויך צעגיין און די ממשלה פון הפקרות וועט פאַרשווינדן פון דער אויסגעפייניקטער ערד. ס׳וועלן איינפאַלן די ווענט פון די פעסטגעבויטע תּפיסות פון אַלע פאַרבן און שאַטירונגען און ס׳וועט געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער פאַרשקלאַפונג פון מענטש דורך מענטש, פון קלאַס דורך קלאַס און פון פאָלק דורך פאָלק; ס׳וועט שוין מער ניט אויפהייבן קיין שווערד קיינער קעגן קיינעם און ס׳וועט זיך שוין קיין בלוט קיינמאָל מער ניט גיסן; ס׳וועט איטליך פאָלק זיין אַרב באַקומען און יעדער מענטש זיין חלק אויף דער ערד. די וועלט־גערעכטיקייט וועט זיצן אויפן טראָן און ס׳וועט הערשן אַן אמתדיקער שלום ביז צום סוף פון אַלע דורות. טייער־הייליק וועט דענסטמאָל זיין דאָס לעבן פונם מענטשן און ס׳וועלן ווערן אָפּגעווישט פון אַלע פנימער די טרערן; קיין זיפצן, קרעכצן און קיין וויינען וועלן מער זיך שוין ניט הערן און דער צער פון דער וועלט וועט שוין מער ניט ווערן. אַ לעבן פון אמתער פרייהייט וועט קומען אויף דער ערד, אַ לעבן אין גליק פון לויטער־ריינע קוואַלן, אַ לעבן פון אייביקער אומגעשטערטער פרייד. דעמאָלט וועלן גאָר די ברואים פון דער וועלט פאַרגיין־זיך אין אַ הפלאדיקער שירה,

פול גן־עדנדיקער זיסקייט און צאַרטקייט פון הייליקע נשמות. אַ שירה וועגן דער שיינקייט פון נאַטור און לעבן, וועגן רייניע הערצער און דערהייבן־שיינע גייסטער, וועגן דער פּראַכט פון אמת און דער שטאַרקער ליבע, וואָס מאַכט פול דעם גאַנצן חלל פון דער וועלט, — און דעמאָלט וועט דער טרויער־טאָל ווידער ווערן אַ גן־עדן — — — איך טראָג צו די מענטשן די טרייסט פון דער האָפענונג און דעם טיפן גלויבן אינם ענדגילטיקן נצחון פון דיין ליכט!

— דו האָסט מיין צער געשטילט דעם מאָל און איך קען רואיק איצט פאַרשווינדן, דו שר פון טרייסט, פון האָפענונג און גלויבן! — האָט קוים אַרויסגערעדט דער מלאך פון צער און טרויער און איז כהרף־עין נעלם געוואָרן אין אין־סוף — — — —

און דער יונגער מלאך, דאָס קינד פון הימלישן לאַנד פון עדן, איז אַוועק ווייטער צו דער שמאַכטנדיקער און זיפצנדיקער ערד— —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרגרייזט

... אַ פֿאַרפֿישופֿט־שיינער טאָג איז יענער ערב יום־כפּור געווען.

פֿון אַ העל־בלויען און לויטערן טיפֿן הימל האָט צו דער האַלב־נאַקעטער און גאַנץ פֿאַרשמאַכטער ערד ליכטיק און וואַרים אַראָפּגעשמייכלט עפּעס ווי אַ יונגע, גאָר ניט קיין האַרבסטיקע זון. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ניט קיין פֿאַרכמאַרעט־קאַלטער און לאַנגווייליקער האַרבסט איז אָנגעקומען, נאָר אַ שיינענדיק־וואַרימער און אַ פֿריש־בליענדיקער פֿרילינג האָט פֿון ערגעץ ווייטע שיינע וועלטן צו אונז פֿאַרצווייפֿלטע מענטשן־קינדער אַ פֿרייליכע בשורה געבראַכט, אַ בשורה, אַז ער גייט, אַז ער קומט שוין אָן, אָט דער שיינער לאַנג געווינטשטער פֿרילינג, און ער וועט אונז מער שוין קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן. דער בלעטערפֿאַל האָט זיך אײנמיטן אָפּגעהאַקט, ווי פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין וואָלטן זיך די ביימער צו וועלקן אין אַזאַ דערפֿרישטער בליאונגס־צייט. די פֿויגל־צוגן האָבן זיך אין מיטן פֿליען קיין דרום אָפּגעשטעלט, ווי פֿאַרוואונדערט פֿון דער אומגעווייִנליכער דערשיינונג, וואָס זייערע אייביקע פֿאַרפֿאָלגער — די קאַלטע בייזע צפֿון־ווינטן זיינען פּלוצלינג ערגעץ וואו פֿאַרשוואונדן... צוריק האָט ווי אויפֿגעלעבט גראָז און בוים און בלום, באַרג און טאָל, און פֿעלד און וואַלד, פֿונוואַנען ס׳האָבן זיך דערטראָגן מחיה־נפֿשותדיקע ריחות אַזש אין די שמאָלסטע חושכדיק־פֿאַרשטיקטע געסלעך אַריין פֿון דער שטיינערנער שטאָט — — —

די מילדע צאַרטע זונענשטראַלן זיינען אַריינגעדרונגען אין די פאַרקילטע אָדערן פון די באַלעסטיקטע, פאַרהונגערטע און אין קנעכטשאַפט פאַרפייניקטע מענטשן — און דאָס בלוט האָט אין די דאָזיקע אָדערן אָנגעהויבן לעבעדיק צירקולירן, און עס איז זיי וואַרים געוואָרן אין אַלע אברים. זיי זיינען אַריינגעדרונגען, אָט די שטראַלן, אין די אומבאַוועגליכע פאַרנעפּלטע מוחות און אין די צעווייטאָגטע פאַרצווייפלטע הערצער — און עס איז אין די דאָ-זיקע מוחות ליכטיק געוואָרן און אין די הערצער האָט זיך אַ היי-לונגס-באַלזאַם צעגאָסן, און אַ ליכטיקע האָפענונג האָט דאָרטן אויפגעבליט, אַ האָפענונג און אַ גלויבן, אַז נאָענט איז די ישועה, אַז באַלד-באַלד קומט אָן דער גליקליכער טאָג פון דער גאולה, אַז אָט-אָט שלאָגט שוין די שעה פון באַפרייאונג — — —

אָ, יענעם טאָג וועט יונה דער טרוימער קיינמאָל-קיינמאָל נישט פאַרגעסן. וואָס עס זאָל מיט אים נישט געשען, אין וואָס פאַר אַ מקומות ער זאָל נישט פאַרוואָגלט ווערן, — יענער טאָג בלייבט ביי אים אויף אייביק טיף איינגעקריצט אין זיין האַרצן! דאָס איז געווען איינער פון די זייער-זייער ווייניק גליקליכע טעג פון זיין לעבן. דאָס איז געווען אַ טאָג פון אַ גאַנץ הויכער מדרגה פון אַנטציקונג, פון התפעלות און התלהבות, פון ביטול היש... דאָס האַרץ איז אים געווען פול-איבערפול מיט ליבע, עס האָט זיך אים געוואָלט אַרומנעמען און צודריקן צו זיך צום האַרצן אַלע די, וואָס זיינען לנו, פאַר אונז, און פאַרגעבן, מיטן גאַנצן האַרצן גלייך נאָכן נצחון מוחל זיין די, וואָס זיינען לצרינו, פאַר אונזערע שונאים... עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען די נשמה האָט זיך, דאַכט זיך, בתכלית אויסגעטאָן פון גוף און אין אַלע פיברען אירע האָט זיך אויסגעגאָסן איין באַגער, איין טיף-ליידנ-שאַפטליכער באַגער פון מסירת-נפש — — —

יאָ, אַ פאַרכישופט-שיינער טאָג איז געווען יענער ערב יום-כפור!

* * *

די ראָלן זיינען געווען צעטיילט. די וועקער, די בשורה-

אָ נ ז אָ ג ע ר, האָבן באַקומען יעדערער זײַן פונקט. ווי די פיר ברידער אין דער אַלטער שײנער מעשהלע, האָבן זײ זיך צעטײלט און צעשפּרײט אין אַלע זײטן, אום צו ברענגען די גוטע לאַנגדערוואַרטע בשורה פון דער גאולה, צו טרײסטן די פערצווײפלטע דערשלאָגענע געמיטער און צו וועקן די וואָס שלאָפן און צונויפנעמען די עצמות היבשות, די טרוקענע, אָבער ניט צעפוילטע בײנער פון דעם טויטן־טאָל, אַרויפציען אויף זײ אָדערן און הויט און אַרײנבלאָזן אין זײ אַ לעבעדיקן אָטעם, אַ לעבנסלוסטיקע נשמה — — ═

אויף די גאַסן און אין די געסלעך האָט געשווירבלט און געגריבלט פון אַלט און יונג, פון קינד־און־קײט. אַלץ האָט געלעבט און עפּעס מאָדנע מילד גערעשט. אַלץ האָט עפּעס זיך געסודעט, עפּעס וואָס דערוואַרט אַ טײערס, שײנס און ליבס, און דאָך, דוכט, נישט פאַרשטאַנען וואָס. דאָס וואָרט, דער נאָמען איז נאָך אומבאַקאַנט געווען.

אַלץ אַרום האָט עפּעס־וואָס געזונגען, שטיל, פאַר זיך. אוימעטום האָט זיך געטראָגן אַן אָנווערטערדיקער געזאַנג. ס'האָט געזונגען שירה אַלײן דער ליכטיק־בלויער סאַמעט־הימל מיט זײן שײנער מלכה־זון. די שירה האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אויף שטיל־פלאַטערנדיקע זאַנפטיקע מלאכים־פליגל דורך דער ריחות־פולער לופט און האָט זיך אַרײנגעגאָסן אין די הערצער פון די מענטשן — פון דעם יונה מיט זײנע חברים — — —

אין זײערע הערצער האָט עס געזונגען, ס'האָט געזונגען די נשמה, ס'האָבן געזונגען אין זײ אַלע אברים. די געזיכטער האָבן געשטראַלט, פון די אויגן האָט זיך געגאָסן אַ זעלטזאַמער מילדער שײן, אַ שײן פון העלדנמוט און ליבע, אַ שײן פון התפעלותדיקער האַרצנס־שירה.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פאַרוואונדערט לאַנג געקוקט אויף זײ. זײ האָבן זײערע בליקן הינטער זיך געשפּירט.

* * *

דער טאָג האָט זיך שוין שטאַרק אַ נײג געטאָן צו מערב.

אין די שולן און בתי־מדרשים איז שוין געווען לאַנג נאָך מנחה. דער פרומער עולם איז שוין נאָכן פאַרפאַסטן־זיך געגאַנגען צו כל נדרי.

א מאָדנע גאָטספאָרכטיקייט האָט יונה פלוצלינג דערשפּירט אויף די גאַסן, דעם מאָל עפּעס מער ווי אַלע מאָל. שוין וויפיל יאָר איז ער ימים־נוראים אין אַ שול נישט געווען,—דעריבער איז ער דעם מאָל אַזוי אומגעריכט איבערראַשט געוואָרן. אַזאַ דערשלאָגנקייט, אַזאַ הכנעה, אַזאַ צער און געבעט האָבן אַרויסגעקוקט פון די אויגן פון די דורכגייער, אַז עס האָט אים עפּעס אַ נאָג געטאָן אין ברוסט און פאַרנומען ביים האַרצן. דאָס זיינען דאָך אַלץ אָרימעלייט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און זיין באַשלוס איז ביי אים אין מוח נאָך פעסטער געוואָרן. די איינציקע אויפגאַבע איז—נאָר טרייסטן דאָס פאָלק, הויבן זיין מוט און שטאַרקן זיין גייסט. אין באַוואוסטזיין — איז אונזער קראַפט, אין פעסטן גייסט — אונזער מאַכט. איבערהויפט — וואָס מערער טרייסטן, טרייסטן און וועקן, וועקן און רופן, מיט ווייכע רייד, מיט גוטסקייט, מיט ליבע!

מיט די געדאַנקען איז ער מיט זיינע עטליכע באַגלייטער אין שול אַריין. צוויי האָבן זיך געשטעלט ביים טיר און איינער איז מיט אים אויפן בימה אַרויף.

אין שול איז שוין געווען אַ היבשער עולם. דאָס רוב זיינען עס געווען אַלטע לייט, יידן פון מיטעלע יאָרן און קינדער, קליינע קינדער. יונגע בעלי־ביתלעך זיינען געווען ווייניק, און בחורים איז כמעט גאָר ניט געווען צו זען.

ס'האָט אים ווידער אַמאָל אַ נאָג געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך אין יענער מינוט ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון,— ער האָט אָבער עפּעס געוואָלט זען דאָ בעלי־ביתלעך און בחורים. ער האָט געוואוסט, אַז אין זיינע רייען זיינען זיי נאָך אויך זייער ווייניק דאָ. וואו זיינען זיי דאָס? — — —

אפשר אַ מינוט האָט ער באַטראַכט דעם עולם און געגרייט זיך זאָגן, אָבער, מעשה שטן, איז אים זיין גאַנצע צוגעגרייטע רעדע עפּעס לגמרי צעשוואומען געוואָרן. ער האָט זיך געערגערט

אויף זיך אַליין, ווארום די רעדע איז גראָד אַ גוטע געווען, אַ זייער פּאָפּולער דורכגעטראַכטע, און זי וואָלט אוודאי אַ ווירקונג געמאַכט.

און דאָ דער עולם קוקט אויף זיי פאַרגאַפּט — די יינגערע מיט שרעק, די מיטעלע פאַרוואונדערט און די עלטערע מיט טרערן אין די, דוכט זיך, לאַנג שוין אויסגעטריקנטע אויגן...

אַלע, ווייזט אויס, האָבן אָבער באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, ווארום פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שטים פון מזרח-וואַנט:

— בעל-תפלה, כל נדרי!

דאָס האָט יונהן צו זיך געבראַכט און ער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַפּריער. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ליבע יידן! שרעקט זיך נישט און וואונדערט זיך און גיסט אויך נישט קיין טרערן"... און ער האָט געפּרובט ריידן וועגן דעם פּעקל צרות, וואָס יידן ליידן אַלס יידן און אַלס אָרימע האָרעפּאַשנע לייט, און אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן שעכטן ווי די שאָף... אָבער כמעט קיינער האָט שוין מער אים ניט געהערט... אַ יונגער בעל-הביתל האָט זיך גלייך ביי די ערשטע ווערטער אַ לאָז געטאָן צום טיר... אייניגער פון די צוויי, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, האָט מיט אַ געווער אין האַנט אים שטרענג געוואָרנט נישט אַרויסצוגיין ביז נאָך דער רעדע. דער בעל-הביתל האָט געמאַכט אַ געוואַלד. ס'איז געוואָרן אַ מהומה, אַ שטופּעניש צו דער טיר, צו די פענסטער — — —

יונה איז געשטאַנען אויף דער בימה בלייך ווי קאַלך, עפּעס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אָפּגעריסן און ס'האָט גענומען אָן אויפהער נאָגן עס און נאָגן...

ער איז אַראָפּ פון בימה אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרשפּילטער.

ער איז געגאַנגען פאַראויס און די חברים נאָך אים שווייגנדיקע, פאַרשעמטע פאַר זיך אַליין.

הימליש-הויך און גרויס איז זיין אידעאַל — און ער האָט אים היינט פאַרשוועכט און באַשמוצט. און נאָך עפּעס האָט ער פאַרשוועכט — דאָס אַלטע הייליקטום פון פאָלק. קעגן פרייען

געוויסן האָט ער געהאַנדלט און ווי אַ פּחדן איז ער אונטער אַ שמירה געגאַנגען און האָט איבערגענו־מען דאָס גראָבע שוך־מיטל פון זיינע קעגנער. און קעגן וועמען האָט ער זיך ווערן עס געדאַרפט? קעגן די הילפ־לאָזע, דערשלאָגענע, וועמען ער איז לערנען און טרייסטן געקו־מען! ער פילט, אז נישט ווי אַ העלד האָט ער פאַר זיין הייליקטום געליטן! אַ געטליך־שיינער טאָג האָט פריער דעם הימל זיינעם באַצירט, און מיט אַ פינסטערער כמאַרע־נאַכט איז ער איצט באַ־צויגן געוואָרן. דעם גליקליך־שיינעם טאָג קאָן ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אָבער פון דער נאָכגעקומענער נאַכט, וויל ער, זאָל ביי אים קיין געדעכעניש נישט בלייבן. דער וואָרעם האָט זיך אָבער אַריינגעכאַפּט ביי אים אין האַרצן טיף און נאָגט און נאָגט — — —

אַ מוטער.

דעם אָנדענק פון מיין חבר דעם
מאַרטירער שלמה דינצעס.

מיט יאָרן צוריק פלעג איך זי שטענדיק באַגריסן, ווען איך פלעג זי באַגעגענען, און זי פלעגט מיר אַלע מאָל ענטפערן מיט אַ פריינדליכן גלעטנדיקן בליק און מיט אַן אומעטיקן שמייכל אויף די ליפּן.

איך בין אין יענער צייט ביי איר אין שטוב אַן איינגייער געווען: איך האָב מיט איר זון דאַן „עסקים" געהאַט. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זיינען עס געווען פאַר עסקים, ווער בין איך געווען, און די אַלע אַנדערע, וואָס פלעגן אַריינקומען צו אים,— זי האָט וועגן דעם נישט ביים זון, נישט ביי קיין אַנדערן קיינמאָל נישט געפרעגט; זי האָט אָבער געפילט, אַז דאָס זיינען עסקים אומגעוויינליכע, וועלכע ווערן געפירט בסוד און פאַר וועלכע מען קאָן אַמאָל כאַפּן אַ מיאוסן אָפּשניט. זי האָט אפילו דעם געדאַנק נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז דאָס, וואָס יוספל טוט, זאָל זיין שלעכט אָדער אומאָרנטליך: ער איז דאָך אַזאַ גוט, אַזאַ איידל, אָרנטליך קינד! זי האָט נאָך קיינמאָל פון אים קעגן זיך קיין הויך וואָרט נישט געהערט. ער איז בכלל געווען אַ שטילע טויב. מער נישט בשעת אַ וכוח מיט זיינע חברים—אָ, דעמסטמאָל פלעגט ער, דער שוואַכינקער, ווערן אַ לייב: זיינע אויגן פלעגן בליצן, זיין שטימע — דונערן און פון זיין מויל פלעגן זיך שיטן פּערל. זי האָט מערסטנטיילט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט, הגם ער האָט מערער גערעדט יידיש, ריין, קלאָר, מיט אַלע

קליפּערלעך; נאָר זי האָט שטענדיק געפילט, אַז ער רעדט שיין, קלוג און די חברים האַלטן אים פאַר אַ גאַנצן רבין איבער זיך. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי אָנגעקוואָלן פון נחת. קוקנדיק אויף אים, אָבער נאָכדעם פלעגט זי אַלעמאָל נאָך מער אומעטיק ווערן און עס פלעגט איר נישט זעלטן אַ שוידער טאָן...

מיט די נעמען האָט זי געקענט נאָר ווייניקע פון אונז, נאָר יוספס געוועזענע שול־חברים,—די אַלע איבעריקע זיינען ביי איר אָן נעמען געווען; זי האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען זיי קומען און וואוהין זיי גייען און נעמען־מיט איר יוספלען. נאָר זי פלעגט אונז תמיד באַגעגענען און אויפנעמען פריינדליך, ווייל יוספס חברים „זיינען געוויס אַלע איידעלע קינדער,—מיט אַנדערע וואָלט ער גאָר קיין עסק נישט האָבן".

יוסף איז ביי איר איינאיינציקער געווען און זי האָט אים אומגעווייינליך ליב געהאַט, זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן אים, געלעבט פאַר אים און צוליב אים.

געוואוינט האָבן זיי אין איין קליינעם צימער, זייער אָרעם, אָבער ריין, זויבער, ליכטיק און היימליך. זי האָט אַליין געהאָרעוועט, אַלץ אין אָרדענונג געבראַכט, צו דער צייט און פּינקטליך אים צוגעזען. „זאָל דער אָרעמער יתום נישט פאַרשמאַכט ווערן, חלילה! מ'טאָר אים נישט מצער זיין, קיין מינדסטע שמערצן אים פאַרשאַפן, — אַן עלנטער יתום!"

און שטענדיק שטיל, אָן ווערטער, האָט זי איר אַרבעט געטאָן, און טיף פאַרטראַכט, ווי אַריינגעטאָן אין עפּעס אַ וויכטיקן ענין. אייביק אַן ערנסטע, פאַרשלאָסן אין זיך, ווי זי וואָלט עפּעס אַ סוד אין זיך געטראָגן, וואָס זי טאָר נישט, וואָס זי קאָן נישט קיינעם נישט פאַרטרויען. מיט ווייבער, מיט די שכנות, האָט זי קיין מגע ומשא נישט געהאַט. זי איז, דוכט זיך, געווען פונקט אַזאַ קאָנספּיראַטיווע נאַטור, ווי איר זון.

און ער, יוסף, איז אויך מיט איר פאָרזיכטיק געווען, אויף וויפיל דאָס איז אים מיגליך געווען אין זיין לאַגע, האָט ער געסטאַרעט זיך אויסצומיידן אַן איבעררייד, אַלץ, וואָס עס קאָן איר פאַרשאַפן איבעריקע האַרצווייטאָג, אומזיסטע יסורים. זי איז,

דאַכט זיך, גאָר נישט גלייך געווען צו אַלע אַנדערע מאַמעס, און דער זון איז אויך אַן אַנדערער געווען. זיי האָבן זיך ליב געהאַט און פאַרשטאַנען זיך.

מיר, איינגייער, פלעגן בכלל זיך גאָר נישט אינטערעסירן מיט איר. אַרייַנגיין, אַ פרעג טאָן: „יוסף איז דאָ? ווען איז ער געווען? ווען דאַרף ער זיין?“ — און יוצא. אויף מער האָט זי ניט עקזיסטירט פאַר אונז. מען איז שטענדיק געווען אַזוי פאַרטאַראַראַמט מיטן כלל, אַז פאַרן פרט איז גאָר קיין אָרט נישט געבליבן. — אָבער זי פלעגט שטענדיק אויף אונז קוקן מיט מאָדנע פאַרטיפטע אויגן, און וועלכע איך האָב אַ מאָל אַ מין מיטלייד און אַ מאָל עפּעס אַ האַרציקע רחמנות־געבעט אויסגעלייענט, אָבער קיינמאָל ניט קיין פאָרוואורף.

וואָס האָט זי געטראַכט, אָט די ליידנדיקע מוטער, וועגן איר זון מיט זיינע חברים.

ווער פון אונזערע לייט קאָן עס גרינדליך פאַרשטיין, ווען אַ מענטש שווייגט שטענדיק און רעדט נאָר מיט די בליקן פון די אויגן?

מיט דער צייט אָבער האָבן אירע אויגן גענומען מאַכן אויף מיר אַ שווערן, אַן אומרואיקן אַיינדרוק. איך האָב אָנגעהויבן שפּירן עפּעס אַ מין פאָרוואורף אין דעם שווייגנדיקן קוקן, אין די טרויעריקע בליקן, וואָס זי פלעגט איבערוואַרפן פון איינעם פון אונז אויפן אַנדערן, איבערהויפּט, ווען יוסף פלעגט דאַרפן אָוועקפאָרן — און פאָרן פלעגט ער אָפט — און. מיר פלעגן זיך צונויפקלייבן געזעגענען זיך. אין די פאַלן פלעג איך, באַגעגענענדיק זי, מאַכן זיך, ווי איך זע זי פלומרשט נישט, אום אויסצומיידן אַ „גוט־מאָרגן“ אָדער אַ „גוטן־אָוונט“, אינסטינקטיוו פילנדיק פאָרויס אַ פאָרוואורף אין איר ענטפער.

מיר האָט זיך דענסטמאָל געדוכט, אַז אַן „אַרייַנפאַל“ וועט זיך אויף איר זייער שלעכט אָפּרופן, און „שולדיק“ וועלן דערין זיין מסתמא די „גוטע חברימלעך“. דעריבער האָב איך באַשלאָסן, מער אינגאַנצן צו זיי נישט צו גיין.

איינמאָל בין איך געגאַנגען אַזוי פאַרטראַכט. פלוצלינג וועקט מיך אויף פון מיינע געדאַנקען אַ באַקאַנטער קול:

— חבר! אַ שיינער חבר! שוין דריי וואָכן ווי יוסף זיצט, און איר קומט אַפילו נישט נאָכפרעגן זיך, — איך רייד שוין נישט וועגן אַ „סווידאַניע"...

איך בין אַנגעגעגען פאַרוואונדערט געוואָרן פון דעם אומגע־ריכטן מונטערן, שטאַרקן און איראָנישן טאָן, מיט וועלכן יוספס מוטער — אַגב ווייס איך נישט איר נאָמען עד היום — האָט זיך צו מיר געווענדעט.

איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז וועגן יוספן ווייס איך, נאָר נישט קוקנדיק אויף מיין גוטן ווילן, קאָן איך איבער פאַרשטענד־ליכע סיבות נישט גיין — נישט זען זיך מיט אים, נישט צו זיי אין שטוב. דאַן האָט זי מיר גענומען לעבעדיק דערציילן די פּרטים פון דער הויז־זוכונג און וועגן איר דרייסטן האַלטן זיך. מ'האָט גאָרנישט געפונען, און זי האָפט דעריבער אים קירצליך צו האָבן צוריק, — אַגב אויך „ווייל זי שלאָפט נישט אין דעם", זי לויפט, זי „טוט"...

— זייט איר כאָטש פאָרזיכטיק! איר האָט דאָך מסתּמא וועלכע נישט איז עלטערן, — האָט זי פּלוצלינג אַרויסגערעדט, ווי מיט אַ געבעט.

נאָר איך האָב דערויף אַ שמייכל געטאָן.

זי האָט זיך באַליידיקט.

— איר זייט אַלע אַזוי, ווי איין מאַמע וואָלט אייך געהאַט. יוסף פּלעגט אויך אַלע מאָל פּונקט אַזוי שמייכלען. אַפילו איצטער אויף „סווידאַניע" שמייכלט ער אַלץ, ווען איך טרייסט אים אָדער גיב אים עצות...

איך האָב זיך ווידער פאַרענטפערט, נאָר פילנדיק זיך אין פאַרלעגנהייט, האָב איך מיך מיט איר באַלד געזעגנט און בין אַוועק מיין וועג.

ווען יוסף איז אַרויס פון טורמע, בין איך געקומען צו זיי אים געוואָר ווערן און, ווי געוויינליך, זיך וואַרעם מיט אים צע־קושט. אַ שטראָם פריידן־טרערן האָט אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן, זעענדיק דאָס, און זי איז אַרויפגעפאַלן יוספן אויפן האַלז קושן און האַלזן, בעטנדיק אים רחמים, כאָטש איצט „זיך אָפּצו־רוען", — ער האָט דאָך שוין אַזויפיל „געטאָן".

יוסף האָט נישט געשמייכלט.

איך בין אַוועק מיט שווערע געדאַנקען וועגן די אומענדלי־כע יסורים פון די גוטע, ליבענדיקע מוטער־הערצער.

* * *

עטליכע יאָר בין איך אין דער שטאָט ניט געווען. בעת איך בין צוריק געקומען, האָב איך זי ווידער אַמאָל באַגעגנט און איך בין דערשטוינט און פאַרציטערט געוואָרן פון איר אויסזען... אָן אויסגעטריקנטער סקעלעט, איינגעדרייען געבויגן צו דער ערד, מיט אַ ביינערדיקן פאַרמעט־פּנים פון אַ שווינדזיכטיקן, דער קאָפּ אינגאַנצן גרוי געוואָרן, און אָנגעטאָן איז זי געווען אין צעריסע־נע שמאַטעס.

איך האָב שוין געוואוסט פון איר אומגליק: יוסף איז ווידער געווען געזעסן שוין אַ יאָר אַ גאַנץ ערגעץ ווייט אין אַ טורמע, און בעת ער האָט אַ מאָל פון גרויס אומעט און בענקשאַפט אין אַ שיינעם העלן פרילינגס־טאָג אַרויסגעקוקט דורך די גראַטעס און געגעבן ברעקלעך פון זיין טורמע־ברויט אַ צוגעוויינטן פויגעלע אויפן פענסטער־ברעט, איז ער אפילו אָן אַ וואָרנונג פונם וואַך־סאָלדאַט דערשאָסן געוואָרן, ווי אַ ווילדהון אין אַ וואַלד.

ווי געטריבן פון עפּעס, בין איך צוגעגאַנגען צו איר.

זי האָט אָן ווערטער אויפגעהויבן אויף מיר אירע אויגן — מיין גאָט, וואָס פאַר אויגן!

אַ פאַרגיפטעטע פייל האָט דורכגעשטאָכן מיין האַרץ.

איך בין אַוועק מיט אַ פאַרסמטן האַרצן... איך האָב געפילט, ווי זי טייט מיט די פינגער, אַז מיר אַלע זיינען פאַרפירטע און פאַרפירער, אַז מיר אַלע זיינען שולדיק — שוין דערמיט אַליין וואָס מיר לעבן, און איר קינד ניט; אַז מיר אַלע האָבן אַ ניט איבעריקס ווייטן חלק אין איר טראַגעדיע...

פון דענסטמאָל אָן שטייט איר בליק מיר פאַר די אויגן און פאַרפאָלגט מיך מיט אַ שטומען פאָרוואורף: חבר, חבר! אַ שייגער חבר! ...

פאַרשוואונדן...

מיין האַרציק־ליבער שוועסטער חנה גאָלדשמידט (מאָנטרעאַל — קאַנאַדע)

עס איז געווען דאַן ערב פרילינג אינם טאָל פון טרויער און ערב פרילינג פון מיין לעבן. איך האָב דערוואַרט בלויז וואונדער, געלעבט אין וועלטן פון חלומות, חלומות פונם עדן — — —

פרעמד און איינזאַם אויף אַ וועלט פון בייז און אומרעכט, ווי אַ פייגעלע אַן עלנדס, פון איר נעסט פאַרברענטן אַ פאַרוואָגלטס, געטרודפט און געפּלאָגט פון גוטע־פרומע ברואים אָן פליגל און מיט פליגל — — —

געוואָגלט אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף אַלץ ווייטער—ווייטער, נאָר די אויגן אַלץ צום הימל אויפגעהויבן און אויף עפּעס אויסטערלישט געוואַרט, נאָך עפּעס וואונדערליכס געגאַרט, געזוכט מיט ליידנשאַפט, עקזאַלט, —מיין אויסדערוויילטע בת־מלכּה געזוכט, — אויף ערדן ניט געפונען זי, איז אין הימלען זי געזוכט — — —

געזוכט, און טיף און פעסט געגלויבט זי זיכער צו געפינען, — אויב ניט היינט — ניט מאָרגן, איז ווען עס איז אין סוף פון מיינע טעג — — —

איך האָב מיט פייער פון מיין יונגן הייס־פאַרליבטן האַרץ צו איר, דער אומבאַקאַנטער, נאָר געטרוימטער, אי טאָג אי נאַכט געבעטן, — צו איר, דער מלכותדיקער וואוינערין פון עדנדיקע וועלטן — — —

און ווי אַ שאָטן אַלץ געגאַנגען ווייטער—ווייטער, פאַראומערט און פאַרבענקט נאָך איר אַנטפּלעקונג, נאָך דער רגע פון

דער זעאונג — — —

איך האָב געטראַכט, געחלומט פון איר זיין און קומען און האָב מיר אויסגעמאָלט איר בילד מיט אַלע תּגין לעבעדיק און פריילינג־פריש; איך האָב געפילט זי שוין מיט אַלע דינע, דינסטע פיברען פון מיין זעל און האָב זי סוף כל סוף אויך מיט די אויגן קלאָר דערזען — — —

דאָס איז געווען אין פריילינג, — זי האָט אין פריילינג זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. זי איז צו מיר געקומען אַ בונטפאַרביקע און מיט הימליש־שיינע ליבע־רייצן אין רעגנבויגנדיקע קליידער. יע, זי איז געקומען. מיט אַ בלומענדיקן אָטעם, מיט אַ שפּילנדיקן זונענשטראַל, מיט אַ פאַליע פון אַ קלינגענדיקן ערשט באַפרייטן טייכל, מיט אַ נאַכטיגאַלן־ליד און אַ העלן שמייכל פון אַ לויטער־קלאָרן הימל—איז זי צו מיר אין פריילינג־לעב געקומען — — — מיין ליבע, מיין געליבטע שוועסטער־כּלה!

זי האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך ווי אַ מלאך פון דערליי־זונג, ווי אַ מלאך פונם אור הגנוז! מיטן ערשטן בליק פון אירע ששת־ימי־בראשיתדיקע זונענדיקע אויגן האָט זי צוויי פייערלעך, צוויי וואונדער־פייערלעך פון האָפענונג און גלויבן אין מיינע אויגן אָנגעצונדן; מיטן שמייכל פון די רויזן־ליפּן עדנדיקע אירע, אַ שמייכל פון אַ כּרוב פון אויבן לויטערן און פרומען, האָט זי ווי מיט אַ הייל־באַלזאַם פאַרהיילט די האַרצנס־וואונדן מיינע און פאַרטריבן גאַנץ מיין טיפן טרויער. זי האָט מיט צאַרטער ליבע מיך געגלעט, — און אָפּגעטאָן געוואָרן פון מיין אַקסל איז מיין שווערער וואַנדער־יאָך, מיין לאַנגער ליידנס־יאָך, און אויסגעגלייכט האָב איך מיין הייך געוואַגט און שטאָלץ. אַ יוגנט־פרייד אַ נייע און אַ לעבנס־לוסט אַ זאַפטע האָט דורכגענומען די נשמה מיר — — —

מיר איז גוט געווען און פריילין, אויסטערליש צו־מוט, ווי ס'וואָלט אַ נייע וועלט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך, ווי אַ ליכט אַ נייע פון די ערשטע טעג יצירה, פול פאַנגענדיקן כּישוף, וואָלט אַראָפּ פון העכסטע הימלען — — —

זי איז צו מיר געקומען — און איך האָב אויפגעלעבט. אַן

אומאויסשעפּליכער קוואַל פון מונטער־פרישע כּוחות האָט מיר אין ברוסט אַ שלאָג געטאָן. און שטראָמען ריינע, קלאָרע פון געפילן נייע און פאַרלאַנגען, וואָס געדרימלט האָבן ביז דער רגע טיף אין דער נשמה, האָבן איצט געגאָסן זיך, געשפּילט, געקלונגען, — און טיף אין הארצן מיר האָט ווי פון זיך אַ שירה זיך געגאָסן, אַ סימפאָניע פון פרייד ניט־ערדישער און פון לעבן אייביקן אין אַבסאָלוטן גליק — — —

זי איז צו מיר געקומען — און האָט דעם דמיון מיר באַפליגלט, פון זוואונדערליכע צויבער־וועלטן פליגלען מיר געגעבן און האָט מסוגל מיך געמאַכט צו גיין פאַר איר אויף גרעסטער מסירת־נפש — — —

אַזוי האָב איך געליבט, מיין אויסדערוויילטע בת־מלכה געליבט! און אייפערזיכטיק בין איך מוראָדיק געווען! אָבער פון אַ מין אַן אַנדערן לגמרי איז מיין אייפערזוכט געווען, אַן אייפערזוכט, וואָס גייט אַרויס פון גדר פון מציאות, פּונקט ווי די געליבטע מיינע אויסטערלישע.

דער פאַרלאַנג דער שטאַרקסטער פון מיין טיפסטן הארצן איז געווען — אַז אַלע־אַלע, אָן אַ יוצא מן הכלל, זאָלן ליבן און פאַרגעטערן מיין ליבסטע, מיטן גאַנצן פייער פונם הארצן און מיט אַלע פיברען פון נשמה, אַז אַלע־אַלע זאָלן גליקליך מיט איר גליק זיין און מיט זיך פאַרלייקענען זי ליבן. איך האָב געגלויבט באמונה שלמה און בין געקומען אויך צו דער הכרה, אַז בלויז דעמאָלט וועל איך זיכער זיין מיט איר, אַז דווקא דאַן וועל איך זי ניט פאַרלירן, ווען אַלע וועלן היטן זי. איך האָב אין הארצן טיף געפילט, אַז דעמאָלט וועל איך גליקליך זיין באמת, און האָב געגלויבט בתמימות, אַז אַזוי וועט זיכער זיין, ווייל אַזוי איז מיין באַגער געווען — — —

איך האָב גאָרנישט ניט פאַרמעגט. נאָר זי האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר — און מיינע דעמאָלט איז די גאַנצע וועלט געווען. די הימלס־קיניגין האָט צוגעשמייכלט מיר און אַרויסגעוויזן מיר אַ גלעטנדיקע ליבשאַפט, און איך האָב מונטער פון די וואָלקנס דאַן געלאַכט — — —

די הימלען זיינען בלויע מיר דורכאויס געווען, לויטערע
און העלע. אין יעדן ווינקעלע איז ליכטיק מיר געווען. מיין כּרוב,
דער לויטערער, דער מלאך פונם אורליכט, האָט אָפּגעטאָן די
חשכות פונם הווה, פאַרטריבן ווייט די שאָטנס פונם עבר און אָפּ-
געגעבן מיר אין האַנט די שליסלען פונם עתיד — — —

די גאַנצע לופט איז דורכזיכטיק און ריין געווען און דורכ-
געזאַפּט מיט עדנדיקע ריחות און מיט קלאַנגען פון ליבער-צאַר-
טער הימלישער נגינה — — —

און נאָר אַ ווײַלע איז אַוועק — און ס'האָבן לעבנס-ווינטן
פון יצירה מילד אַ וויי געטאָן און דורכגעטראָגן די נחמה-בשורה
פון מיין האַרצנס-אידעאַל, דער בת-מלכּה דער סודות-פולער, אַז
באַלד איז די צייט פונם לאַנג-דערוואַרטן און בענקשאַפטפול
ביז וויי געגאַרטן עדנדיקן פרילינג אינם טאָל פון טרויער, אַז די
פאַרגליווערטע-פאַרשמאַכטע ערד וועט אויפשטיין צו אַ נייער
תחיה. מיין געליבטע מטרוניתא וועט אין געהאָפטן און באַשטימטן
אויגנבליק דערשיינען, פאַר אַ ל ע מ ע ן דערשיינען, און מיט איר
פולער פרייער ברוסט אַן עטעם טאָן מיט ליבע—און ס'וועלן זיך
צעגרינען און צעבליען באַרג און טאָל און פעלד און וואַלד און
באַדעקט ווערן מיט הפלא-דופטנדיקע בלומען; די מדבריות די טרו-
קענע-פאַרברענטע וועלן זיך אין פּרוכפּערדיקע לאַנדשאַפטן פאַר-
וואַנדלען; פאַרנישטעט מיטן שורש וועלן ווערן אַלע קוואַלן גיפ-
טיקע פון בייז און צער; פון די טיפסטע אָפּגרונטן פון עדן וועלן
אויפגעעפנט ווערן די אייביקע מקורים פון אַבסאָלוטן גוטס און
פון ישועה,—און דעמאָלט וועט זיך זעצן אויפן טראָן די איינציקע
און אייביקע גערעכטיקייט פון וועלטאַל און דער גאַנצער טרויער-
טאָל וועט ווערן אַ גן-עדן! — — —

— — — די בשורה פון די תחיה-ווינטן האָט אויפגערו-
דערט טיף דעם גאַנץ-פאַרשטאַרטן טרויער-טאָל, און אויף די נאַך
באַקעטע, צווייגן-אָרימע און שווינדזיכטיקע ביימער פונם אַלטן
וואַלד האָבן זיך נאָך פאַר דער צייט — נאָך איידער ס'איז גע-
קומען דער געהאָפטער און באַשטימטער אויגנבליק — צעזונגען
אומצייליקע כאָרן נאַכטיגאַלן. האַלב-פאַרוועלקטע ליליען און רויזן

האָבן אויפגעהויבן מיט־אַמאָל די קעפּלעך מיט אויגעלעך פול האָפענונג אויף אַ באַפרישונג און באַנייאונג פונם לעבן...

ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלץ, וואָס בליט און לעבט, אַז אַלץ, וואָס שטרעבט צו בליען און צו לעבן, אַלע ברואים פון אויבן און פון אונטן, די נאַטור די גאַנצע — אַלע־אַלע זאָגן שירה, אויף דער הימל לויטער־בלויער — — —

דעמאָלט—האָט זיך אויסגעדוכט מיר — האָט די ערד צום הימל זיך דערהייבן און צערטליך־הייס מיט אים צעקושט זיך —

דאַן בין איך אַריין אין פרדס — און האָב דאָרטן גאָט דערזען — — —

דאָס אַלץ אָבער, די גאַנצע פלאַים־זעאונג, האָט געדויערט בלויז אַ קורצע רגע! — — —

נאָך איידער די דערלייזערין, פון אַלעמען דערוואַרטע, האָט אין באַשטימטן אויגנבליק באַוויזן צו אַלעמען אַנפלעקן זיך און איר אָטעם־הויך דער ערד צו שענקען, — איז דער פנים פונם הימל פלוצלינג געלב געוואָרן, באַלד פאַרפינסטערט און פאַרדעקט געדיכט מיט שוואַרצן, און אַ ווינט משונה־שאַרפער, אַכזריש־בייזער, משחיתדיקער איז פון ערגעץ ווילדנישן געקומען, מיט רעש, שטראָם און שטורעם איבער ערד אַדורך און האָט מיט פחדימדיקע דונערן און בליצן אַ ריס — אַ הייב געטאָן מיין טייערסטע געליבטע בת־מלכה די סודותפולע, פאַרטראָגן און פאַר־שליידערט זי אין תהום אין חושכדיקן פון אין־סוף, פאַרנישטנדיק דערביי אַלץ, וואָס נאָר באַגעגנט אויפן וועג, און איבערלאָזנדיק אויף דער פאַרוויסטער אומגליקליכער ערד חורבנות אָן אַ שיעור, צער אָן אַ סוף און טרויער אָן שום טרייסט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — דאַן בין איך פונם העכסטן הימל אין טיפסטן תהום אַראָפגעפאַלן — — —

און ס'דוכט זיך מיר: מיין האַרצנס־אידעאַל איז געווען נאָר אַ יצירה פון מיין קראַנקן דמיון, אַ חלום, אַ מיראַזש. דאָס אַלץ איז קיינמאָל ניט געווען און וועט ניט זיין, און איך, פאַרפאַלע־נער־אַנטוישטער בעל־חלומות, בין פאַרבליבן עלנד און אַליין.

ווי אַ רויז צעראָפגעריסן אין איר רעכטן בלי... אָן אַ היים און פרעמד, ווי אַ פייגעלע פאַרוואָגלט פון איר לעצטן מקלט-נעסט פאַרברענטן, מיט אָפּגעבראָכענע שפיצן פליגלען — — — נע-ונד אין אַ וועלט פון בייז און אומרעכט, גערודפט און געפלאָגט פון מיני ברואים אָן פליגלען און מיט פליגלען — — —

מיין פריילינג — זיסטער חלום מיינער — איז פון מיר גיך פאַרשוואונדן, אויף אַלע מאָל פאַרשוואונדן! — — —

מיין געליבטער הארצנס-אידעאַל — אָפּגעריסן, פאַרלאָרן! — — —

איך האָב געזען אַ שיינעם וואונדערליכן חלום — און ער איז פאַרשוואונדן — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואוהין?

אַ לאַנגע חשוונדיקע נאַכט.

אַ פוילער רעגן גיסט אָן אויפהער, ווי פאַרעקשנט אין זיין פוילקייט, און קלאַפּט גלייכגילטיק אין ס'איינציקע פענסטער פון אַ ניט איבעריקס גרויסער קאַמערע פון אַ פּראָווינציעלער שטאַרק־באַפעלקערטער עטאַפּן־טורמע. אויפן אָרט פון די שויבן, וואָס זיינען אויסגעשלאָגן געוואָרן בעתן אָפגיין פונם פאָריקן עטאַפּ, זיינען שוין אַריינגעשטעלט געוואָרן נייע, — דאָך דוכט זיך, אַז דער נודזיענדיקער רעגן דרינגט פּאַמעליך, אָבער גרינדליך אין דער קאַמערע אַריין און פליסט־איין אַ דערשלאָגנדיקן אומעט אַ טיף־האַרבסטיקן אין דער נשמה פון איר יעדן איינוואוינער. ער קלאַפּט, דער רעגן, אין די שויבן און אין גלייכער צייט אויך אין די מוחות און די הערצער — — —

ביי עמיצן האָט עפּעס אַ טיאָכק געטאָן אין האַרצן, אַ בליץ אין מוח און אַ פינקל אין די אויגן, און ער האָט זיך דורך די טאָפּלטע גראַטעס אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין פאַרקוקט, פאַרקוקט — און אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ... אַזוי איינער און אַ צווייטער און אַ דריטער, און וואָס ווייטער מער און מער. אַ טיפער אויסטערלישער צער, אַ צער אַן אַרעסטאַנטישער, האָט אַלעמען פאַרנומען. ס'האָט אויפגעהערט דער אַרעסטאַנטישער האַרמידער; די גנבישע זלזולים און געפליגלט־שמאַלצעדיקע ווערטלעך זיינען געבליבן שטעקן אין די פייכטע ווענט אָן אָפּהילך, און די קללות די שווינדלטרעפּיקע אין דער מאַמען און די חרמות די געקינצלטע אין טאַטן זיינען מיט אַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן גריליץ...

רעגן און אייבטעניקער געקלאַפּ ברעכן=איין אויך די פאַר=
האַרטעוועטסטע כאַראַקטערן און די פייכטקייט פון דער יעסנדי=
קער טורמע=נאַכט צעווייקט זיי... אַ שאַרפער נאָגנדיקער אומעט
האָט אָנגעגריפן די אַרויסגעוואָרפענע פון לעבן, די פאַרעקשנטע
מוחרמים, די דם=שונאים פון גרענעץ, צוים און סענטימענט, —
און באַזיגט זיי — — —

שטיל געוואָרן איז אין פאַרשפאַרטן מענטשנשטייג. אַלע
האָבן אויף די נאַרעס זיך צעלייגט און געבומען טראַכטן דעם
געטראַכט פון צאָרן וואָס אָן מאַכט, פון געבונדענע ווי שמשון.

עס שווייגט די גאַנצע קאַמערע, און עס שיינט — זי שלאָפט.
עס שלאָפט ניט איינער בלויז — יונה רייכערמאַן, אַ יונגמענטש
אַ באַוואַקסענער פון עטליכע און צוואַנציק יאָר אין אַן אויסגענייטן
אַלטן העמדל פון פיאָלעט=קאָליר. מיט די הענט אונטערן טונקל=
געלאָקטן קאָפּ און מיטן געזיכט אַרויף ליגט ער אויף דער נאַרע,
קוקט אויף אַלץ אַרום מיט ברענענדיקע אויגן און טראַכט —
מיט פאַרקנייטשטן שטערן און פעסט צונויפגעדריקטע דינע
ליפּן.

ווי פינסטער ס'איז אַרום! דער אַריינגעדרונגענער גע=
דיכטער דרויסנדיקער חושך האָט אײַנגעשלונגען דעם נעבעכדיקן
שײַן פונם שמילקעדיקן לעמפּל, וואָס טשאַדעט אויף דער פאַר=
רויכערטער טיר=וואַנט אויף דער ליניע פונם ביישטידל.

ווי לאַנג עס ציט זיך היינט די נאַכט, ווי דערוואַרט מען
זיך שוין טאָג! מאָרגן דאַרפן בייטן זיך עטאַפּן, — אַלע שבת בייטן
זיך עטאַפּן. ער וואָלט שוין וועלן אַ הייב טאָן זיך פון אָרט און
ווייטער גיין. ביז איבל נמאס איז געוואָרן אים צו פוילן אין דער
הקדשדיקער טורמע אין דער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ. אַ טורמע
אין אַ גרויסער שטאָט, ווער רעדט אין רעזידענץ, קומט אים פאָר
ווי עפּעס גאָר אַן אַנדערע, דערהייבענערע זאַך, — מער כבוד,
דאַכט זיך, פאַר דער זעלבסטווירדע דער אייגענער. די באַסטיליע,
פּעטער=פּאַוועל, שליסלבורג, אַפילו „קרעסטי", „בוטירקע", — וואָס
פאַר אַ כבוד און פּאָעזיע ליגט דאָ פאַר אַ קעמפער! אמת, ביז
גאָר געפעלן אים עטאַפּן: עפּעס געפינט מען זיך פאַרבונדן מיט

דער לעבעדיקער וועלט, אַלע וואָך אַ נייער מענטשן־שטראָם, נייע טיפּן, כאַראַקטערן, איינדריקן,—מען באַגעגנט זיך אַמאָל אַפילו מיט באַקאַנטע, מיט נאָענטע חברים. די פרייד איז גאָר ניט אויסצודריקן מיט דער באַנאַלער שפּראַך פון די אַלטעגליכע, פון די „פרייע" מענטשן. אָבער סוף כל סוף איז דאָך ניט צו דערטראָגן דעם שטאַלן־שמוץ פון די עטאַפּן־טורמעס. דאָ פוילט צוזאַמען מיטן גוף אויך די נשמה.—ווי דערוואַרט מען זיך שוין טאָג! אפשר וועט ער מאָרגן „גיין"? נאָר ווער ווייס? וויפיל עטאַפּן זייבען דורכגעגאַנגען שוין, און זיין ריי, זאָגט מען אים, איז נאָך ניט געקומען. צו וועלכן צוועק האַלט מען אים דאָ אין דעם העק? אפשר איז דאָס גופא אַ ספּעציפישער, פון פאָרויס באַשטימט־געצילטער אופן פון אינקוויזיציאָנעלער פייניקונג דירעקט לגבי אים?

וויפיל קאָן איצט זיין די צייט? קיין שום מיטל צו דערגיין, פון שליסער — קיין שום וואָרט. אומזיסט וועט ער ניט זאָגן,—און קיינעם אַרט עס איצטער ניט: די טורמע שלאָפט.

עס הייבט אים פונם אָרט. אָט דערלאַנגט עס אים אַ ביס— אַ שטאָך דאָ אין איין אָרט און באַלד אָט אין אַן אַנדערן. אַן ענגשאַפט, אַ דערדריקעניש, ניטאָ זיך וואו אַהינצוטאָן, — ס'איז אַלץ באַלייגט פון וואַנט ביז וואַנט. עס שטיקט אים ביז חלשות,— מיט עפּעס אַ סם־המות איז אָנגעזאַפּט די לופט. ער קאָן ניט איינשלאָפן, און וואונדערט זיך, וואָס דער עולם כראָפּעט, ווי פאַרמאַטערט נאָך זייער אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, און פילט גאָר, דאַכט זיך, ניט די ביסן־שטעך פון די באַהאַלטענע מחנות אַטאַקירער און דעם סם־המות פון דער מיאַזמירטער לופט. ער האָט איינליגן שוין ווייטער ניט געקאָנט, סט'אים אַ הייב געטאָן, און ער האָט ענדלעך זיך געזעצט — — —

— חבר רייכמאַן,—האָט זיך מיט אַמאָל צו אים געווענדט אַ ראַזירטער יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק מיט טיפע קלוגע אויגן, וואָס איז געלעגן ניט ווייט פון אים און וואָס ס'האָט אים אויך לאַנג קיין שלאָף ניט גענומען, — האָב ניט קיין פאַראיבל, זאָג: וואו זייבען עס אַהינגעקומען די חברים דיינע אַלע,

די „פאָליטיקער"? איך בין אַן אָפטער גאַסט אין די דאָזיקע סאַלאָנען און איך פלעג אַמאָל דאָ טרעפן גאָר ניט ווייניק פון די דייניקע... דו פילסט זיך עפּעס עלנט הייַנט אין אונזער שיינער חברה...

— פאַרשטייסטו, חבר: די בעלי־בתּישע זינדלעך האָבן שלום געמאַכט מיט טאַטע־מאַמע און מיט „מענטע"[1]), אַוועק צוריק אין טאַנץ־קלאַס, קלוגעטשקע געגומען די פיינע אַפּותּיקו מיט אַ ווייבּדערצו, פאַרשפּאַרט זיך הינטער גלעקלדיקע טירן און לאָדנדיקע פענסטער און אָנגעהויבן חוזק פון די, וואָס מיינען מיט אַן אמת...

— דו ביזט אַ וואוילער יאַט, רייכמאַן: דו רעדסט מיט אַ נאַש־בראַט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, כאָטש מיר זיינען ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אונז... איך, באָסקע „שלאָסער", שלעסערברעכער, איך, באָסקע גנב—און דו...

— רייד אַזוי ניט, חבר. אָט די פיינע לייטלעך מיט די איינגעטיַעטע איידעלינקע גופעלעך און רויטווערנדיקע קערקעלעך, מיט די פולע־שיינע בלוט־מילך־בעקעלעך און רויטע־פעטע ליפּעלעך, מיט די פּאָטעטיש־פריזירטע ווענצעלעך און מיט סאַמעטענע אויגעלעך שפּילן לפנים נאָך אויך היינט די ראָלע פון „אויך ליבּקע" און זוכן כבוד פון לינק־פּאַרטייאישע מנהיגים, — אָבער אין טורמע זיצן — פע! דאָס איז אַ ענין פאַר די יונהקעס... — אַגבפאַרגין איך זיי דאָס גאָר ניט—צו זיצן ווי פּאָליטישע. זיי זיינען עס די אמתע גנבים, וואָס נערן פּאַקטיש זיך מיט פּרוכטן פון פרעמדן שוויס און בלוט און מאַכן גלייכצייטיק דעם אָנשטעל גאָר פון מענטשן, וואָס לעבן נאָר פון האַנט צו מויל... דו אָבער, באָסקע־ברודער, ביזט אַ קרבן בלויז פון פרעמדע זינד, פון דעם גנבים־סדר פון דער וועלט...

— חבר טייערער!—האָט באָסקע אויסגעשריען ביז טרערן אַ געריירטער,—איך בין אַ פאַרפאַלענער גנב, אַ בראַדזידלע, אָבער כ'האָב פאַרשטאַנען דיינע רייד... איך בין אַן איינגעגעסענער נאָכמאַכער פון שליסלען און פרעמדע אונטערשריפטן; ווי עס קומט

---

[1]) „מענטע"—טרעגער פון אוניפאָרם, פאָרשטייער פון דער מאַכט.

אָן די נאַכט, ציט עס מיך צו שלעסער, ווי עס ציט דעם וואָלף אין וואַלד... אָבער פאַרשטיין פאַרשטיי איך אַליין... ס'איז מיר זייער שלעכט, חבר... עס ווייזט אין מיר מיין הארץ אויף מיינע פאַרלאָרענע יונגע יאָרן, אויף מיין פאַרשפּילטן לעבן. איך וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן איצטער וועלן וואַרפן מיין מלאכה, ווערן כאָטש אַ גאַסמענטש און אַריין אין דיין פאַרטיי, — אָבער שוין פאַר מיר צו שפּעט!...

— ניטאָ, באָסקע, קיין צו שפּעט. אַלעמאָל איז צייט. אָט האָבן מיר געליטן אַ גרויסע מפּלה, אָבער ס'מאַכט ניט אויס, מירן דעם מוט ניט פאַרלירן, מירן ווייטער גיין אונזער וועג; עס וועט נאָך אויפלעבן צוריק, אויף אַ נייעם שטייגער, נאָך בעסער און נאָך שטאַרקער, און מיר וועלן זיכער האָבן אַ נצחון. מ'טאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך. ניט געזאָרגט, ברודער, — מירן נאָך ביידע אויף דער פרייהייט זיין, אָבער דו דאַרפסט טאַקע זען וואַרפן דיין מלאכה און נעמען זיך פאַר אַ נוצליכער אָרנטליכער אַרבעט, — יעמאָלט וועלן מיר שוין זיכער טרעפן זיך ביי בעסערע באַדינגונגען און וועלן גיין שוין דאַן צוזאַמען...

— וואוהין און ווען וועל איך שוין גיין? דו האָסט פאַרגעסן, חבר, אַז איך גיי איצטער אַוועק פאַר אַ שלאָס און פאַר אַ פאַלש אויף פיר יאָר „ראָטע"... און וואָס וועט נאָכדעם זיין? איך בין שוין אַ פאַרלאָרענער אויף אייביק! ווינד און ווי צו מיינע יאָרן, מיינע הינטישע!

און באָסקע האָט זיך צעיאָמערט אויפן קול און גענומען זינגען קלאָגנדיק דאָס אַרעסטאַנטן-לידל:

„מיין טאַטע איז געווען אַ שמאַראָוואָזניק,

מיין מאַמע האָט געגנבעט פיש..."

די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער קאַמערע האָט זיך געטאָן אַ שטורמישן הייב-אויף. ס'איז געוואָרן אַ לאַרעם, אַ גערודער און אַ געקלינגעריי פון קייטן פון די קאַטאָרזשניקעס...

— וואָס האָט איר דאָרטן זיך צעגוואַלדעוועט אין מיטן טיפער נאַכט, איר — טמאדיקער שטאַם! — האָט דער שליסער ניט מיט זיין קול אַריינגעשריען אין „וועלפל", אָבער מאַכן דערפון אַן איבעריקן ווערן האָט ער ניט געוואַגט. אַגב האָט קיינער סיי־ווי אים ניט געהערט.

— וואָס האָט איר, באַבעס, זיך צעפלאַנכעט און צעראַוועט? — האָט צולעצט אַרויסגעדונערט פּאָמקע דער „בעל־תשובה", ווי די אַרעסטאַנטן האָבן אים גערופן, אַ סוביעקט פון אומבאַשטימטן אויסזען און אומבאַשטימטן עלטער, אַ געשלאָסענער אין קייטן, — אָט איך, קאָליגאַן אַרכי־פאַרשאָלטענער, האָב אין יענעם יאָר אין סטאַראָדוב צעשניטן אַ גאַנצע יידישע משפחה, — און איך האָב דערפאַר ניט באַקומען קיין שום שטראָף; אָבער אין אַ צייט אַרום האָב איך אָוועקגעלאָזן מיטן רויטן האָן אַ פּריצישן הויף אונטער נאָוואָזיבקאָוו, — און אָט גיי איך איצט דערפאַר אויף קאַטאָרגע אין סיביר. די שטראָף אַרט מיך דווקא ניט. מיך אַרט די גלייכגילטיקייט מצד די פאָרשטייער פון רעכט צו מיין ערשטן פאַרברעך, וואָס גיט מיר ניט קיין רו. איך האָב געוואָלט בעסער אָפּקומען פאַר דאָס אומשולדיקע בלוט פון דער יידישער משפחה, וואָס איך האָב פאַרגאָסן. איך, פּאָמקע קעפּשניידער, הונט בן צויג, האָב פאַרקויפט דעם טייוול מיין נשמה, — און אַז איך האָב געשריען צו די ריכטער: „משפט מיך בעסער פאַר דער סטאַראָדובער שחיטה!" — האָט מען מיר געענטפערט, אַז איך בין אָנגעקלאָגט גאָר אין אַן אַנדערן פאַרברעך... דאַן מוז איך אַליין מיך שטרענג באַשטראָפן... ווייגען וויל איך ניט, — טרערן פאַרלייכטערן די יסורים פונם האַרצן, און איך וויל עס ניט; דערפאַר וועל איך מיך אָבער שלאָגן מיטן שטערן אָן דער ערד!...

און ביי די ווערטער האָט פּאָמקע מיט אַ קייטן־געקלאַנג זיך אַ וואָרף געטאָן פון נאַרע און דערלאַנגט זיך מיטן שטערן אָן דער דיל — איין מאָל און אַ צווייטן און אַ דריטן, און איטליכס מאָל מיט אַלץ אַ שטאַרקערן געהילך...

מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז אָט־אָט ווערט דער קאָפּ צעשפּאָלטן אים אויף־צוויי, אָבער קיינער האָט אים ניט געשטערט, —

מ׳האָט, ווי עס ט׳געשיינט, געהאַלטן, אַז אַזוי געהער ער עס צו טאָן...

דער טייוול האָט אים ניט גענומען, דער קאָפּ איז אים גע־בליבן גאַנץ, אָבער ער איז אַזוי געבליבן ליגן שוין לאַנג אויף דער אָנגעטוירטער פּאָדלאָגע, קרעכצנדיק און רופנדיק מיט הפסקות:

— האָספּאָדי באָזשע מאָי, פּאָמילוי![1]

באָסקע איז געלעגן אויף דער נאַרע אויף זיין אָרט, האָט צייטנווייז שווער געזיפצט און עפּעס שטיל געמורמלט, געקרעכצט און געוויינט פון שלאָף.

דער נאַרעס־עולם האָט אַ ווײַלע נאָך פילאָזאָפירט אויף דער טעמע וועגן פאַרברעך און „אמתער, גערעכטער שטראָף, וואָס קומט פון גאָט", — פילאָזאָפירט, ביז זיי זיינען ביסלעכווייז צוריק געפאַלן אייגעמידטע אויף די האַרטע שמוציקע געלעגערס און ווידער איינגעשלאָפן.

אין דער קאַמערע איז ווידער שטיל געוואָרן. בלויז הפסקות־ווייז פלעגט געשטערט ווערן די שטילקייט — דאָ דורך פּאָמקעס וואַכע באַסאָווע אויסגעברומען:

— קאַיוס![2] האָספּאָדי פּאָמילוי!

דאָ דורך באָסקעס שלאָפעדיקע יאוש־אויסגעשרייען:

— חבר רייכמאַן, זאָג מיר: ווען? — חבר טייערער, — וואוהין? — — — —

❀ ❀ ❀

די קאַמערע האָט געשלאָפן האַרט. עס האָט אָבער נאָך אַלץ געוואַכט אויף זיין געלעגער יונה רייכערמאַן.

---

[1]) הער גאָט מיינער, דערבאַרעם דיך!

[2]) איך האָב חרטה.

דער רעגן איז געוואָרן עטוואָס שוואַכער, עס האָט אָבער נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט זיין מאָנאָטאָניש קלאַפּן אינם פענס־טער און ס'האָט נאָך אַלץ פון אים געצויגן זיך אַ מין שווער־לאַסטנדיקע כמאַרע איבער די נאַרעס. דאָך האָט עס שוין אויף יונהן ווייניקער געווירקט. אַן אַנדער צער האָט איצט אים אָנגעגריפן ס'האַרץ און ס'האָבן אים גענומען מאַטערן גאָר אַנ־דערע רעיונות.

ער איז געוואָרן אומצופרידן מיט זיך אַליין.

וואָס איז דאָ מיט אים געשען? טיף אין האַרצן זיינעם לעבט אַן אייביק אומפאַרגעבעריש געפיל פון אויפגעבראַכטקייט קעגן יעדערליי רציחה און געוואַלט, קעגן יעדן אופן פון רויבן פרעמ־דע מי, ער איז אויך ניט קיין גרויסער מאמין אין בעלי־תשובה, — דאָך איז איצט מיט אַמאָל ביי אים אַזוי ווי אָפּגעטעמפּט געוואָרן דאָס דאָזיקע געפיל צו אָט דעם מאַסן־מערדער, און דער גנב האָט ביי אים אַפילו אַרויסגערופן אַ וואַרעמע סימפּאַטיע; און אין דער אייגענער צייט איז ער געווען אַזוי גאַליק־גיפטיק און האָט האַרט פאַרמשפּט אײדעלע און אינטעליגענטע לייט! צי איז ער געווען דאָ אָביעקטיוו, אָדער אפשר איז ער גאָר אַליין מאָראַליש ניט קיין געהייבענער מהות?

אין דער רגע האָט אים אויפגעבליצט אין מוח אַ לאַקאָני־שער ענטפער:

— אויפריכטיקייט.

יונה האָט דערשפּירט אין די רייד און אין די האַנדלונגען פון דעם ראָטניק און פון דעם קאַטאָרזשניק אויפריכטיקע חרטה, — האָבן די יסורים פון זייערע נשמות געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין האַרצן; ביי יענע לייט אָבער, די אײדעלע און שיינע, האָט ער ס'רוב געזען בלויז צביעות, כוונות פון ערגיץ, פון געוויסן אייגנ־נוץ, — האָט ער זיי פאַרדאַמט.

אויפריכטיקייט איז געווען דער הויפּט־שטריך פון רייכער־מאַנס כאַראַקטער; דאָס איז געלעגן אים אין בלוט, — זיינען די

סימפּאַטיעס זיינע אַלעמאָל געווען אויף דער זייט פון די אויפ־ריכטיקע.

חוץ דעם האָט ער געהאַט לחלוטין א באַזונדערע באַציאונג צו געפאַנגענע, צו פאַרשפּאַרטע אין די טורמעס. און אים איז אין דעם פּרט כמעט גאַנץ עגאַל געווען, צי דער מענטש קומט־אָפּ זיין שטראָף פּאַר א כלומרשטן פאַרברעך, אָדער פּאַר א ווירקליכן: איינמאָל זיצטו, מענטש, אין טורמע, ווער רעדט, אויב דערצו געשלאָסן נאָך אין קייטן אָדער פּענטעס,—דאַן ביזטו א באַזונדערס ליידנדיקער, ווערסט דערמיט מיט יעדער רגע אַלץ מער געליי־טערט פון דיינע זינד און פאַרדינסט זיין מיטגעפיל.

די דאָזיקע באַציאונג איז אים איינגעפלאַנצט געוואָרן טיף אין האַרצן פון זיין יינגסטער קינדהייט אָן.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער שוין באַקאַנט געוואָרן מיט געפענגעניש, מיטן טרויעריקן לעבן פון אַרעסטאַנטן, און דאָס האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין נשמה אויף זיין גאַנץ לעבן — — —

די גאַנצע קינדהייט זיינע איז איצט אויפגעשטאַנען מיט אַמאָל פאַר זיינע אויגן לעבעדיק און קלאָר; זי איז אינגאַנצן דורכגע־גאַנגען אונטערן צייכן—טורמע.

אַ שטעטל—אַ רעשט פון אַ מיטלאַלטערליכער צלם־טרעגע־רישער שטאָט—ערגעץ ביי דער מערבדיקער דווינע אָן שום לאַנד־שאַפטן אַרום. יונהס אויג האָט ניט געהאַט אויף וואָס זיך אָפּצו־שטעלן. די געציילטע קליינע וועלדלעך צו דרום און צו מזרח פונם שטעטל,—רעשטלעך פון אַמאָל מעכטיק־גרויסע וועלדער, אויסגע־האַקטע און פאַרברענטע בעת בלוטיקע מלחמות, וואָס האָבן זיך דאָ דורכגעטראָגן ווי הוראַגאַנען,—זיינען געווען שיטערע און גרויע אַפילו אין די חדשים פון בליענדיקסטן גרינען. פון צפון־זייט האָט זיך געשוואַרצט אַן אַלטער גרויסער בית־עולם און האָט אָנגעשפּאַרט ביז צו אַן אומגעהייערן הויף פון אַ מעכטיקן טייטשישן באַראָן, וואָס האָט געהאַט פאַרצוימט דאָס שטעטל—זיין ירושה־אייגנטום—ביזן סאַמע טייך. פון מערב האָט זיך פון יענער זייט דווינע געזען אַן אַנדער געדיכט־פאַרבויט שטעטל, כמעט אַ שטאָט, וואָס האָט

זיך אויסגעצייכנט בלויז מיט איין איינציקער זאַך — מיט איר גרוי־ סער ווייסער טורמע אויפן ברעג פון טייך. פון דער גאַנצער לאַנגער ריי בנינים פאַזע ברעג האָט קודם כל געוואָרפן זיך אין די אויגן — די ווייסע טורמע מיט אירע שוואַרצע פענסטער, וואָס האָבן פונוייטנס אויסגעוויזן זייער קליין; אַז מען פלעגט דורכגיין די גאַנצע גרויסע גאַס לענג־אויס דעם טייך, האָט זיך צווישן די הייזער כסדר דורכגעשלייכט — די „יאַפּיק״־שטאָטער טורמע, און אַז ער, דער קליינער יונה, פלעגט אַ קוק טאָן אינם פענסטער, וואָס גייט אין געהעפט אַרויס צום טייך צו, פלעגט זיין גאַנצן האָריזאָנט פאַרשטעלן — די הויכע לאַנגע טורמע. די ווייסע טורמע האָט פאַרשוואַרצט - פאַרפינסטערט אים דאָס קינדערש לעבן — — —

אין זייער אָרעמען שטיבל פלעגט ער שטענדיק הערן דער־ ציילונגען פון טורמעס.

דעם פאָטער זיינעם איז נמאס געוואָרן צו אַרבעטן ביי יע־ נעם, און ווערן בעל־הבית פאַר זיך מיט „מענטשן״ האָט ער ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט, — האָט ער בשותפות מיט צוויי חברים פון זיין פאַך ביי זיך איינגעאָרדנט אַן „אַרטעל״. זיי זיינען אַלע דריי געווען גוטע מייסטערס, האָבן געאַרבעט פלייסיק און צום טערמין, דערצו נאָך ביליק, — האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע קונד־ שאַפט און זיינען געווען „פּאַרוואַליעט״ מיט אַרבעט. קיין ברויט אָבער צוזאַט האָבן זיי דאָך קיינמאָל ניט געהאַט, דען דינגען זיך מיט די קונדן האָבן זיי קיינמאָל ניט געקענט און פלעגן דערצו נאָך געבן כמעט אַלעמאָל אויף באָרג, וואָס פלעגט ברענגען זיי גרויס היזק... פונדעסטוועגן האָט אין שטוב שטענדיק געהערשט אַ מאָדנע פריילעכקייט: דאָ איז אַלעמאָל געווען פיל יונגוואַרג, וואָס פלעגט צונויפקומען־זיך הערן דאָס אַבאָנירטע „יודישע פאָלקסבלאַט״, מינדליכע ספורי־מעשיות און געזאַנג. איינער פון די שותפים, שלומקע ישעיה־מענדלס, אַ הויכגעוויקסיקער, ברייטפּלייצעדיקער על־ טערער בחור, — פלעגט פאַרהילכן די גאַנצע גאַס מיט כל המינים לידער און ניגונים, וואָס ער פלעגט אויסזינגען ביי דער אַרבעט, אַליין פון זיי אַ טיפגערירטער. מער פון אַלעמען פלעגט אָבער

אַלעמאָל זיין אַ גערירטער ער, דער קליינער יונה, און באַזונ־דערס פונם לידל „יוסף אין דער תּפיסה". ער פלעגט פאַרגיסן שטילע הייסע טרערן אויפן גורל פונם אומגליקליכן יתום, וואָס זיינע אייגענע ברידער האָבן אים פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט קיין מצרים־לאַנד, וואו ער איז אַ געשלאָסענער אין קייטן פאַרשפאַרט גע־וואָרן אין געפענגעניש.

דער צווייטער שותּף, הערץ־בער, — אַ שוואַרצבערדיקער ייד אין די העכער־מיטעלע יאָרן מיט אַ רבנישן הדרת־פּנים און אַ קבצן אַ בעל־מטופּל מיט העכער אַ האַלב טוץ טעכטער, — איז געווען אַ מייסטער צו דערציילן אָן אַ שיעור מעשׂיות און לעגענדעס פון גאַנץ אַמאָל און פון דאָ ניט לאַנג. ער פלעגט פאַרגעסן אָן זיין הונגערנויט, אָן זיין ווייב דער בייזער שילטערקע און אָן זיינע טעכטער די ווילדע שרייערקעס און דערציילן מיט אַ זשעדנעם אַפּעטיט, מיט אַ סמאַקעווען די מעשׂי־נסים פון תּנאים און למד־וואווניקעס — שוסטער, שמידן, שניידער, האַלצהעקער. זיין שילדע־רונג איז געווען לעבעדיק און פריש, מיט געפיל, ווי ער וואָלט אַליין איבערגעלעבט דאָס געשילדערטע, און האָט אַלעמאָל גע־מאַכט אַן איינדרוק. מער ווי אַלץ האָט ער אָבער גערירט יונהס הערצל מיט זיין שילדערן די עינויים, וואָס זיינען אָנגעטאָן גע־וואָרן דעם נביא ירמיהו און די עשׂרה הרוגי מלכות אין די תּפיסה־גריבער און די אנוסים אין די קאַזעמאַטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע...

פונוואַנען האָט ער געוואוסט דאָס אַלץ, דער דאָזיקער אָרע־מער פאַרהאָרעוועטער ייד? דאָס איז זיין סוד געווען! וואָס אַרט עס עמיצן, פונוואַנען, — אַבי ער ווייס!

יונהס פאָטער אָבער האָט געוואוסט צו דערציילן מעשׂיות גאָר פון אַן אַנדער מין. ער פלעגט דערציילן פּלאי־פּלאים וועגן נייע מענטשן, וועגן מענטשן עפּעס מאָדנע העלדישע, וואָס זיינען גרייט צו גיין איינס אויף איינס, ווי דוד קעגן גָלְיַתן, קעגן עפּעס אַ נייעם המן, — מענטשן, וואָס גיבן אָפּ זייער לעבן פאַרן אָרעמאַן.

צו אָט די דערציילונגען פלעגט יונה זיך צוהערן מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן.

פון די טיפעניש פון זיין זכרון טויכט-אויף פאר אים א זעלטזאמע ערינערונג:

ער איז נאך גאר א קליין קינד, סך-הכל אפשר זעקס יאר אלט — — —

— — — ס'איז שפעט ביינאכט פאר ערב סוכות. די פאר-הארעוועטע מאמע מיט די קינדער שלאפן, נאר דער טאטע וואכט. אלע דריי שותפים פון „ארטעל" זיצן אויף נידעריקע בענקלעך ארום ווארשטאט, פארטאן אין זייער א שפודנער אר-בעט, וואס זיי מוזן פארטיק מאכן אקוראט אויף יום-טוב.

ער, דער קליינער יונהקע, ליגט אויף א פרישן הייזאק אויף א דערנעבן-שטייענדיקער לאנגער, שמאלער, שלעכט ארומ-געהובלטער קאנאפע, ליגט איינגאנצן אין באנדאזשן און קאן נישט איינשלאפן: עס טוען אים וויי אלע גלידערלעך, ס'גאנצע גופל זיינס איז צעשלאגן ווי אן עפל. ער האט געהאט היינט א בי-טערן, א טרויעריקן טאג, וואס ער וועט אים קיינמאל נישט פאר-געסן. דער באראן און די באראנעסע מיט זייער גאנצער סוויטע זיינען נאך זייער צוריקקומען פון ערגעץ ווייט היינט דורכ-געריטן אויף ווייסע קורצעקעדיקע פערד דורך דער לאנגער ברייטער גאס פון שטעטל און האבן אויפן גאנצן וועג געשאטן געוויקלטע קאנפעקטן... איידעלע גוטע לייט... אלע קינדער פונם שטעטל האבן ווי א מחנה הונגעריקע היישעריקן זיך א לאז געטאן כאפן די קאנפעקטן... ס'איז געווארן א קאנקורירנדיקע כאפעניש, א רייסעריי, געפעכטן, קריג און קולות ביזן הימל... באלד האט זיך דערהערט א געיאמער און א קלאגן פון צונויפ-געלאפענע מאמעס, קרובהס און גלאט ווילד-פרעמדע ווייבער: נאכן רואיקן אוועקרייטן פון די שררות האט מען אויפגעהויבן פון דער ערד האלב-צעטראטענע, צעקיילטע און צעביילטע קינ-דער... צווישן זיי איז אויך געווען ער, דער קליינער „יונהקע הירשע-נחמנס". מ'האט אים קוים אפגעמינטערט פון חלשות.

ליגט ער איצט, יונהקע, און טראכט זיין קינדערשן געדאנק וועגן דער היינטיקער פאסירונג. ער האט חרטה, פונקט ווי א דער-וואקסענער, וואס ער האט זיך געיאגט נאכן זיסן סם-המות, און האט

איצט תכלית שנאה פיינטבאַקומען דעם רוצח דעם באַראָן מיט זיין גאַנצן הויף. מער ווארפט ער זיך ניט כאַפן די קאָנפעקטן! ער וועט אויך אַלע קינדער אָפריידן דערפון...

ער האָט באַלד דערשפירט דעם געזונטן ריח פונם פרישן היי פון הייזאַק און האָט זיך דערמיט געקוויקט...

ער ליגט מיט אָפענע חושים און באַטראַכט אַלץ אַרום. אין שטוב, אין דער לאַנגער שמאָלער שטוב, איז איצט עפּעס מאָדנע ווארעם און היימליך, ווי לאַנג שוין ניט געווען: גוטע מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן, האָבן אָנגעטראָגן פון כל טוב און געמאַכט דאָ ווארעם... ס'איז עפּעס אויך ליכטיקער, ווי שטענ־דיק, כאָטש אויפן ווארשטאַט שטייט דאָס זעלביקע לעמפּל מיטן פאַפּירענעם „אבאַזשור”, וואָס אַלעמאָל, און גיסט, אויך ווי אַלע־מאָל, זיין קנאַפּן שיין כמעט בלויז אויף די דריי אינדרייען־גע־בויגענע האָרעפּאַשנע לייט, וואָס אייגער פון זיי קלאַפּט שפּילן אין טאַקט צום צווייטנס דראַטווע־ציען, בעת דער דריטער „הוילט” און פּוצט מיט אַ ספּעציפישן געשמאַק און אַפּעטיט. דער גאַנצער הינטערגרונד פון צימער איז איינגעהילט אין טונקל, דערפאַר שיינט דער אַרבעטס־פּלאַץ ביים פענסטער צו דער גאַס גאָך בולטער אַרויס מיט זיין באַלויכטנקייט.

די גאַנצע לופט אין שטוב איז אָנגעזאַפּט מיט אַ געמיש פון שאַרפע ריחות — פון זיילן, יוכט און ראָסלעדער, פון ענגלישן קלייס־טער און פון פרישן פּאַפּ, פון קינרוס און פון דזיעגעכץ. יונהקע אָבער שלינגט די דאָזיקע לופט ווי אַ דערקוויקנדיקן ריח־ניחוח פון באַלזאַמען און געווירצן, וואָס מאַכט אים פאַרגעסן די ווייטיקן פון זיינע צעקלאַפּטע אברים...

אויף דער אָנגעבלאָטיקטער און צעאַקערטער דיל אַרום ווארשטאַט איז אַ כאַאָטישער מישמאַש פון „מאַטריאַלן” און האַלב־פאַרטיקע אַרבעטן, פון אַרבעטס־מכשירים און אַלטוואַרג צום פאַר־ריכטן, — יונהקע אָבער האָט פון דעם אַלעם משונה הנאה, דאָס אַלץ האָט אין זיינע אויגן דעם זיבעטן חן. אַבי ער לעבט און זעט און פילט דאָס אַלץ.

עס ווילט זיך אים ניט שלאָפן: ער ליגט און הערט שלינ־

גענדיק זיין טאַטנס און הערץ־בערס פאַרכאַפנדיקע מעשיות, זינגט־מיט אין זיך, אָן ווערטער און אָן קלאַנגען, די אומאויסגעשעפּטע לידער און ניגונים פון שלומקע ישעיה־מענדלס, — ער איז הויל געהער.

— דער באַראָן, — האָט אָנגעהויבן הערץ־בער, — האָט זיך דאָך געשמאָלצן פון פאַרגעניגן, צוקוקנדיק, ווי די קינדער קוליען זיך איינע איבער די אַנדערע און קייקלען זיך אונטער די פערדישע קאָפּיטעס. ער האָט אַליין קיין קינדער ניט און באָדט זיך אין אונזערע קינדערס בלוט ווי פּרעה, — ימח שמו!... וואָלאָסאָוו האָט פאַראיאָרן מיט זיין אַדוואָקאַטישער צונג געפּרואווט בעטן אים דעליקאַט מער ניט צו וואַרפן קיין קאָנפעקטן פאַר די קינדער, — נו האָט ער פון אים געהאַט! ער האָט שיער ניט פאַרפאַסט מיט זיין פּראַקטיק אין געריכט!...

און ער האָט גענומען דערציילן וועגן כל המינים מעשים תעתועים פון די באַראָנען קאָרף, פיטינגהאָף און פאָן־טרענטעלנבערג, — און ביים קינד האָט גענומען קילן זיך דאָס בלוט אין די אָדערלעך. באַלד האָט אין זיין הערצל גענומען עפּעס קנוילן־זיך און הייבן־זיך צום האַלז אַלץ העכער־העכער און שטיקן אים, ביז ער האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אַלע זיינען כהרף־עין געווען אויף די פיס. די מוטער האָט זיך אויפגעכאַפּט, גענומען דערגיין ביי אים די אורזאַכן פון זיין וויינען און איינגעמען אים מיט מוטערליכע רייד. אַז זי האָט פון אים דערהערט די סיבה, האָט זי גענומען שרייען אויף די „שלעכטע מענטשן" מיט די „בייזע הערצער" און „צעפּאָרענע ציינגער", וואָס פאַרסמען די הערצלעך פון די קליינע קינדער.

הערץ־בער האָט צוגעזאָגט, אַז פון הייַנטמאָל אָן וועט ער שוין דערציילן „פריילעכע מעשיות", — און ער האָט אָנגעהויבן אויף אַ נייעם דרך...

ער האָט דערציילט וועגן גרויסע שטאָלצע יידן, וואָס האָבן מיט גבורה ווי די לייבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די כל המינים המנס.

— אַמאָל, — האָט הערץ־בער צווישן אַנדערן דערציילט, —

איז אין טייטשנלאַנד געווען אַ גרויסער גאון, אַ הייליקער מאַן.
ער איז מיט מסירת-נפשדיקן מוט אַרויסגעטראָטן קעגן די צעוויל-
דעוועטע שררות, וואָס האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט ווי וואַסער און
געשענדעט דעם כבוד פון די יידישע זין און טעכטער. האָט מען
דערפאַר אַריינגעזעצט אים אין אַ תפיסה אַן אונטערערדישער און
געפּייניקט אים מיט אַלע עינויים פון דער אינקוויזיציע. אַז זיינע
תלמידים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע
סומע געלט אים אויסצוקויפן און אַוועקצושיקן אין אַן אַנדער
לאַנד. אָבער אַז דער הייליקער מאַן האָט דערוואוסט זיך פון דעם
פּלאַן, האָט ער זיך בהחלט אָפּגעזאָגט דערפון צוליב צוויי טעמים:
ערשטנס, מוז אַ מענטש שטאָלץ און מוטיק ליידן פאַר זיין אמת;
צווייטנס, וועט דער ענין אויסלייז-געלט אַרויסרופן אַ חשק ביי די
שררות צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט געוויסע יידן, בכדי צו צאַפּן
וואָס מער געלט פאַר זיי. און ער איז אומגעקומען אין דער תפיסה
ווי אַ קדוש — — —

און נאָך האָט הערץ-בער דערציילט וועגן דער גבורה און
דעם שטאָלץ פון די אנוסים אין די תפיסה-קעלערס און אויף די
שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע, און נסים ונפלאות וועגן די
ליידן און דעם מוט פונם אַלטן רבין אין דער פעטערבורגער
תפיסה...

— און איך,—האָט אויסגערופן יונהס פאָטער,—וועל אייך
דערציילן וועגן נייע העלדן, וואָס טרעטן אַרויס אָן מורא און אָן
שרעק קעגן אַלע מינים רשעות און גיבן זייער לעבן אָפּ פאַר
יענעם. ס'איז דאָ ניט גאָר לאַנג געווען אַ יונגער פּרינץ, אַ גליק-
ליכער, אַ רייכער. זיין פאָטער האָט פאַרמאָגט ניין און נייינציק
פּרעכטיקע נחלאות מיט קנעכט און דינער אין די גרויסע טויזנ-
טער, וואָס ער פלעגט זיי פאַר יעדער קליינינקייט שמייסן און
רייסן פון זיי פאַסן. איז איינמאָל האָט דער יונגער פּרינץ געזען,
ווי דער פאָטער זיינער האָט פאַרשמיסן אַ טאָכטער פון אַ קנעכט
אַ פויער, אַ יונגע כלה-מיידל, וואָס האָט ניט געוועלט אַריינגיין
אין דעם שררהס קאַבינעט... דער יונגער פּרינץ איז אויפגעציטערט
געוואָרן ביז טיף אין זיין נשמה און האָט אויף אַן אָרט געמאָלדן

זיין פאָטער דעם רוצח: „איך וויל ניט האָבן מער קיין חלק אין דיין הויז און ניט טראָגן מער דיין נאָמען! איך גיי די קנעכט באַפרייען פון דיין יאָך!“ — און ער איז אַוועק. ער האָט אויסגעטאָן די קליידער זיינע פּריצישע און זיך אָנגעטאָן, ווי אונזערער אַ למד־וואָווניק, אין אַ סערמיעגע פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, איז צופוס אַוועק איבער די דערפער און געאַרבעט ביי די פּויערים אין פעלד און גאָרטן זומער־צייט און געהאָלפן אין דער הויז־אַרבעט אום ווינטער. דערפון האָט ער געלעבט. צו גלייכער צייט האָט ער די פּויערים געלערנט זייער אַלף־בית און אַריינגעטענהט מיט זיי, אַז זיי צוזאַמען מיט אַלע האָרעפּאַשניקעס זיינען עס גאָר די אמתע בעלי־בתים פון דער וועלט און אַז קיינער האָט קיין רעכט ניט איבער זיי צו הערשעווען. די פּויערים האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען זיינע רייד, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פּריץ און ניט געטרויט אים. איז דער סוף אַ ביטערער געווען. עמיצער האָט אים אַרויסגעגעבן, און מ׳האָט אים געשמידט אין קייטן און אַריינגעזעצט אין אַ שטרענגער תפיסה. די חברים זיינע אָבער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מאַן, ביז מסירת נפש ליב געהאַט אים, און האָבן באַשלאָסן צו זוכן מיטלען, ווי צו באַפרייען אים. געזוכט־געזוכט, און געפונען. — פון פיל ליידן איז דער פּרינץ שטאַרק קראַנק געוואָרן, און מ׳האָט אים אַריבערגעפירט אין געפענגעניש־שפּיטאָל. אַז ס׳איז אים עטוואָס לייכטער געוואָרן, האָט מען אים דערלויבט שפּאַצירן אַ געוויסע צייט אין טאָג איבערן געהעפט. ויהי היום, און מ׳האָט אָנגעהויבן פירן אויפן ווינטער האָלץ אין טורמע־הויף. דאָס האָט געדויערט שיינע עטליכע וואָכן. קיין שומר איז ביים אָפענעם טויער יעמאָלט ניט געשטאַנען. איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן אַ געוואַגטן שריט. ער האָט אויף אַ וואונדערליכן אופן זיך אויפגערעדט וועגן מיטהילף מיט זיינע חברים פון דער פריי. מ׳האָט געבויט פאַרשיידענע פּלענער, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן. צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, עמיצער פון די חברים זאָל זיך באַזעצן אויפן צווייטן שטאָק פון אַ הויז נעבן דער טורמע אַכטונג צו געבן פון פענסטער אויף דער גאַס: ווען ער וועט זען, אַז די גאַס איז „ריין“, זאָל

ער אָנהייבן שפּילן אויף אַ פידעלע,—אַ סימן פאַרן געפאַנגענעם, אַז דער מאָמענט איז גינסטיק; ווען זיך אָבער באַווייזן אַ מניעה, זאָל ער גלייך אויפהערן צו שפּילן. און אַזוי איז געווען. אויפן אַנדער טאָג, ווען דער גרויסער מאַן איז אַרויס שפּאַצירן איבערן געהעפט, האָט ער באַלד דערהערט דאָס שפּילן פונם פידעלע, וואָס האָט אָבער תיכף—אויפגעהערט. אַזוי איז געשען עטליכע מאָל. פיינליכע מאָמענטן צווישן האָפענונג און יאוש. צום סוף אָבער האָט זיך דערהערט אַ מעכטיק שפּילן אָן אַן אויפהער,—האָט דער פאַרהאַפטער פיבעריש דערלאַנגט אַ וואָרף־אַראָפּ פון זיך דעם שפּיטאָל־מאַנטל דעם לאַנגן און ווי אַ פייל פון בויגן אַ לאָף געטאָן צום טויער צום ברייט־אָפן נאָך געבליבענעם נאָך די נאַרוואָס אַריינגעפירטע פורן האָלץ. דאָ איז ער שנעל אַריין אין אַן אָקאָרשט־צוגעפאָרענער ספּעציעל־צוגעגרייטער קאַרעטע, וואו מ'האָט אים כהרף־עין איבערגעטאָן אין אַן אָפיצירישן קאָסטיום. אין עטליכע מינוט אַרום איז ער שוין געווען אין אַ זיכערן אָרט, און די נאָכיאָגער האָבן אים אין ערגעץ ניט געפונען — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רושם פון דער דאָזיקער אויסטערלישער מעשה איז געווען אומגעהייער. שלומקע האָט מיט אַ באַזונדערער ענערגיע גענומען פיילן אַ הויכן אַפּזאַץ פון אַ דאַמען־שוך און האָט דערביי אונטערגעבורטשעט עפּעס אַ רירנדיקן מאָטיוו אָן ווערטער. הערץ־בער האָט, קלאַפּנדיק די שפּיילן אין אַ האַלבזייל, אין הויכער התפעלות כסדר אויסגערופן: „וואונדער איבער וואונדער!“ און געפלייסט זיך אויסצושעפּן פון זיין זכרון אַלץ מער און אַלץ שענערע געשיכטעס, וואָס ער האָט נאָר ווען עס איז געהערט אָדער ערגעץ אויסגעלייענט.

דער קליינער יונהקע האָט שוין אָבער הערץ־בערס ווייטערדיקע דערציילונגען ניט געהערט. ער איז געלעגן אויפן הייזאַק אַ פאַרכישופטער מיט טרערן פון אַנטציקונג אין די פאַרגאַפטע אויגן. ער האָט מיטאַמאָל ליב באַקומען דעם אומבאַקאַנטן פלאַיפלאַימדיקן פרינץ, וואָס ער ווייס זיין נאָמען ניט אַפילו, און אים האָט זיך פאַרגלוסט זיין אַזוי ווי ער אַ העלד—אַ ראַנגלער פאַר די

אָרימע און הונגעריקע, אזוי ווי ער ווערן פאַרשפּאַרט אין אַ געפּענגעניש און באַפרייט פונקט אויף אַזאַ וואונדערליכן אופן דורך איבערגעגעבענע חברים. אַ מאָדנע זיסע קלעמעניש און אַ וואַרימקייט האָט אַרומגענומען און דורכגענומען טיף זיין קליינקינדערש הערצל; עפּעס פליגל זיינען אים אויסגעוואַקסן, וואָס האָבן אים גענומען טראָגן העט-העט ווייט און הויך, און ער האָט באַלד פאַר זיך דערזען אַ ליכטיק-שיינע וועלט מיט כישופדיקע בילדער... דער באַראָן און די באַראָנעסע שטייען אויף די קני פאַר אים, גלעטן-צערטלען אים מיט קאָנפעקטן און מיט קושן, און מיט טרערנפולע אויגן בעטן זיי ביי אים „פערצייאונג" פאַר די וואונדן און די ליידן, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט — — —

זיס אַזוי און גוט... מיטאַמאָל האָט ער פון עפּעס אַ פּלוצלינג אויפגעקומענעם שאַרפן אויגנווייטיק זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק און האָט זיך דערזען — אויף דער נאַרע אין דער מיאַוזמירטער קאַמערע פון דער פינסטערער עטאַפּן-טורמע... דאָס איז אים אַ שלאָפנדיקער שכן ביים איבערקערן זיך אויף דער לינקער זייט פאַרפאָרן מיט זיין לינקן עלנבויגן אין רעכטן אויג אריין...

פאַרשוואונדן מיטאַמאָל די הערליכע, די צויבערליכע זעאונג! פאַרפלויגן ווייט דער שיינער חלום פון דער קינדהייט!

רייכערמאַן פילט ווידער די עקלדיקע ווירקליכקייט אַרום, אויף זיך און אין זיך. אין ס׳איינציקע פענסטער פון דער קאַמערע קוקט נאָך אַלץ אריין דער שוואַרצער חושך פון דער טיפיעסיענדיקער נאַכט. ווי לאַנג עס ציט זיך הייבט די נאַכט. — ווי דערוואַרט מען זיך שוין טאָג! ווי עס קלעמט און נאָגט דאָס האַרץ!

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט און אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אויף ביידע הענט מיט די עלנבויגנס אויף די קני—פאַרטיפט זיך אין זיינע אומעדיקע געדאַנקען,—און פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָבן קינאָמאַטאָגראַפיש זיך גענומען דורכשלייכן אויפגעטויכטע בילדער פון אַמאָל, בילדער פון זיין טרויעריקער קינדהייט — — —

ער איז אַ קינד נאָך סך־הכּל אַכט יאָר אַלט, אָבער ער פאַרשטייט שוין גוט די לאַגע די פינסטער־ביטערע אין שטוב, ער שפּירט אויף זיינע יונגע ביינדעלעך די נויט, די בייזע שאַרפע נויט, און ער טראַכט זיין אייגנאַרטיקן געדאַנק — וועגן דעם וואונדערליכן פרינץ...

דער פאָטער איז נאָכן צעפאַל פון דער אָרטעל געווען ערגעץ ווייט אַוועקגעפאָרן, און אין שטוב האָט זיך געטאָן — חושך. ווען ער איז פורים־צייט צוריקגעקומען, האָט אויף אַ קורצער ווײַלע אַריינגעשיינט צו זיי אין שטוב די זון. ער האָט באַקומען אַ ביסל אַרבעט, און עס איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. אַדהַיְהט אַביסל די פאַרהונגערטע נפשות, עטוואָס זיי אַרומגענייט און פאַרדעקט די נאַקעטקייט, — און זיי האָבן צוגלייך מיט אַלעמען געגרייט זיך צום אָנקומענדיקן פריִיאָר־יום־טוב. באַזונדערס אָבער האָט געפרייט זיך אין זיך שטיל דער פאַרטראַכטער יונהקע. ער איז אומגעגאַנגען אַן אַנטציקטער פון דער אומגעריכטער גוטער ענדערונג ביי זיי אין שטוב און האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם געהיימניספולן אויסגעליבטן פסח. און ער איז צום סוף געקומען, אָט דער וואוילבאַריטטער פסח.

ס׳איז געווען אַ הערליכער פרימאָרגן פון ערשטן טאָג יום־טוב, אַ פרימאָרגן מיט אַ יונג־באַנייטער ליב־שמייכלענדיקער פרילינג־זון אויף אַ לויטער־בלויען הימל, מיט אַ רחבותדיקער פרייער קלאָרער לופט, מיט אַ באַגרינטער און צעבליטער, באַחנט־באַבלומטער ערד, מיט פייגל־געזאַנג און מיט אַלע אַנדערע שיינע זאַכענישן, וואָס די פּאָעטן האָבן אַזוי האָלט מיט זיי יעדן פרילינג צו באַשענקען. אַ יומטובדיקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויפן עצם שטעטל, ס׳האָט אַלץ אין אים געשיינט און אַלץ געזונגען. פון די אָפענע פענסטער פון די שולן און חסידישע מנינים האָט זיך געטראָגן און געהויבן צו דער הייך אַ התלהבותדיקער הלל לכּבוד דעם פרעכטיקן און ליבן יום־טוב פונם פרייען פרילינג.

יונהקע איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון התפעלות.

— ווי שיין, ווי גוט איז היינט! — האָבן שטיל געפליסטערט זיינע ליפּן.

נאָך הלל איז זיין פאָטער ארויסגעגאַנגען פון מבין און האָט זיך ניט צוריקגעקערט. עס איז שוין געווען נאָך קריאת-התורה, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. יונהקע איז געזעסן אויף דער בימה ארומגערינגלט מיט פריילעכע, גליקליך-שמייכלענדיקע קינדער, און האָט זיך מיטאַמאָל דערשפירט עלנט און אַליין. עפּעס האָט אין הערצל אים געגומען שטאַרקער קלאַפּן. מ'האָט געהאַלטן שוין אין מיטן מוסף, — מיטאַמאָל — האָט זיך דערהערט אַן אומגעהייערער גערודער פון דער גאַס. יונהקע האָט ווי פייל פון בויגן זיך אַלאַז געטאָן צו דער טיר און אין איין אויגנבליק איז ער שוין געווען אין צענטער פון אַ בהלהדיק-לויפנדיקן עולם אויף דער גרויסער גאַס...

עס שוויבלט און עס גריבלט פון מענטשן... אַ מהומה, אַ לאַרעם, ווילדע קולות עד לשמים... קיינער ווייס ניט געגוי, וואָס און ווען... דאָס יונגינקע אויער פונם קלייגעם וואַכן יונהקען האָט סוף כל סוף דאָך פאַרנומען אייגציקע, אָפּגעריסענע, נאָר קלאָרע ווערטער און פראַזן, וואָס ס'האָט פון זיי אים איגגאַנצן אויפגעשוידערט...

— געשלאָגן דעם אוריאַדניק צייבערג און דעם רויטבערדיקן זשאַנדאַר... זיי האָבן אַרעסטירט דעם שוויגער דָוד לייליען, וואָס איז פון זיין באַהעלטעניש בסוד געקומען אַ היים אויף פסח און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיין פעטער נפתלין, וואו ער האָט געגלויבט אַ זיכערן מקום מקלט צו געפינען. דער שטאָט-מסור ישראלקע קלין האָט עס אָבער שנעל דערשנאַפּט און אים געמסרט... און בשעת מ'האָט דודן געפירט אונטער די אָרעמס דורך דער גאַס, זיינען באַלד אויסגעוואַקסן זיינע קרובים און גוטע פריינד, דערין אויך זיין פעטער נפתלי, אַ ייד אַ חכם, וואָס איז צו דרייסיק יאָר געוואָרן גראָ, און יונהקעס פאָטער הירשע-נחמן, — האָבן אים „אָפּגעשלאָגן" און באַפרייט...

דאָס שטעטל האָט געגעשט, געקאָכט... זינט שטעטל איז שטעטל האָט אַזוינס קיינמאָל ניט פּאַסירט... יידן זאָלן אָפּטאָן אַזאַ זאַך!! אַזאַ זאַך!! געשלאָגן דעם אוריאַדניק! געשלאָגן דעם זשאַנדאַר! מ'וועט דאָך אַלע יידן אויסשעכטן ווי די שאָף! אום פסח,

דעם ערשטן טאָג פּסח!... וואָס וועט דאָך איצטער זיין? וואָס וועט דאָס איצטער זיין?...

אַ בייזע אימה איז פּלוצלינג אָנגעפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל, און אין איין אויגנבליק זיינען די גאַסן און די געסלעך געוואָרן פּוסט פון מענטשן...

עס איז אָבער קיין שום זאַך אין שטעטל ניט געשען. די עטליכע ווייסרוסן פון שטעטל, וואָס זיינען געווען גוט איינגעלעבט מיט די יידן, האָבן גלייכגילטיק געשוויגן, און מ'האָט ניט געקאָנט וויסן, וואָס זיי פילן, וואָס זיי טראַכטן. די טייטשן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך געוואונדערט:

— אַבער דיזער הער צייבערך איזט דאָך איין בראַפער, גוטער מאַנן!

און די לאָטישן האָבן רואיק געפּיפּקעט זייער גראָז און גוטמוטיק אַרומגערעדט דעם פאַרפאַל.

וועגן דעם „באַפרייטן" האָט קיינער ניט געטראַכט. וואו זיינען אָבער די „באַפרייער"? יונהקע איז אַרומגעלאָפן זוכן דעם טאַטן און האָט אים אין ערגעץ ניט געפונען. די מאַמע מיט די קליינע קינדערלעך האָבן יאָמערליך געוויינט, געוויינט אין רעכטן פריילעך-שמייכלענדיקן פּסח, און קיינער-קיינער פון די שכנים און פון די גוטע פריינד איז ניט צוגעקומען זאָגן זיי אַ טרייסטוואָרט — — —

ס'איז שוין געווען אַ זייגער פיר צי פינף פאַרנאַכט. אין שטעטל איז געווען אינגאַנצן שטיל. אַלע האָבן שוין געהאַט זיך גאַנץ באַרואיקט, אָפּגעגעסן-אָפּגעטרונקען יום-טובדיקס געשמאַק און פאַרגעניגט, און אויף די בריקלעך-טראָטואַרן פון דער גרויסער גאַס האָבן באַלד גענומען ווייזן זיך שפּאַצירנדיקע גרופּקעס מיידלעך. ביי הירש-נחמנען אין שטוב אָבער זיינען אַלע אַלץ נאָך אומרואיק געווען, טיף פאַרדאגהט. און קיינעם איז אפילו אויפן זינען ניט געקומען עסן. די מאַמע איז געשטאַנען ביים פענסטער אַ פאַראומערטע און מיט אויגן אָנגעצונדענע פון וויינען פיל אָנגעשטרענגט געקוקט אין גאַס אַריין; די קינדער האָבן זיך אין אַ ווינקעלע פאַררוקט און פעסט צוגעטול'יעט איינס צום אַנדערן.

ווי שטומע שעפעלעך, געזעסן אין שטילן שווייגן. ס׳האָט אין דער עצם לופט פון שטוב געפילט זיך, אז אַן אומגליק איז געשען...

פלוצלינג, אומגעריכט, אומבאַוואוסט פונוואַנען און ווי אַזוי, איז אין שטוב אַריין — דער טאַטע, אַרומקוקנדיק זיך פאָרזיכטיק און שטיל. מיט אַ מילדער, אומגעוויינליך זאַנפטער שטים האָט ער געהייסן אַלעמען זעצן זיך צום טיש, זיך באַרואיקן און ווערן ווידער מונטער, — ס׳איז דאָך יום טוב אויף דער וועלט. די לופט איז אָבער אָנגעזאַפּט געווען מיט שרעק. מ׳האָט געגעסן ציטערנ־דיק־שטיל, ווי אַ שטאַרקער חולה וואָלט אין שטוב געלעגן, און מיסטעריעז, ווי די ערשטע חסידים, וואָס האָבן אין היילן זיך פאַרבאָרגן פאַר די גזירות פון אַנטיוכס עפּיפאַנעס. דער טאַטע האָט פאַרזיכערט, אַז אין טומל האָט קיינער קיינעם ניט דערקענט, אַז קיינער וועט ניט עדות זאָגן קעגן אים און קעגן קיינעם און אַז דער מיגליכער פּראָצעס וועט בכן זיך ענדיקן מיט גאָרנישט.—

ס׳האָט אויף אַ רגע ווידער אַ שיין געטאָן די זון, אָבער בלויז נאָר אויף אַ רגע. מ׳האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענדיקן דאָס עסן, ווי אין שטוב איז אַרייַנגעפלויגן אָן אַן אָטעם אַ יונג מיידל, אַ פּלימעניצע, און האָט מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים קוים אַרויסגערעדט:

— „זיי״ גייען, — פּעטער, אַנטלויפט!

ווי אַ דונער האָט אָט דער אָנזאָג אַלעמען אין שטוב דערשלאָגן.

אין אַ צעטומלטער אײַלעניש האָט דער פאָטער זיך געזעגנט מיט דער מוטער און מיט די קינדער, מיט איטליכן באַזונדער, און אויפן וועג אַ וואָרף געטאָן:

— אַ גאָט האָבן מיר, — ווערט ניט אָן די האָפענונג! עס וועט נאָך גוט זיין, — שטאַרקט זיך! וויינט ניט! אייער וויינען קאָן מיר שאַדטן!... און דו, יונהלע, זאָלסט פאָלגן די מאַמען און וועלן לערנען, — לערנען איז טייערער פון אַלץ!

ער איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר און שנעל געלאָפן דורך געהעפטן און גערטענער ביז ער איז פון שטעטל אין ס׳פרייע פעלד אַרויס... די געהעפטן אָבער און די נאַקעטע גערטענער זיינען ווי אויף דער האַנט געלעגן, און די אָנגעקומענע „דעסיאַט־

גיקעס" מיטן פריסטאַוו בכבודו ובעצמו בראש האָבן אים באַלד
באַמערקט, גיך געכאַפּט אים און אוועקגעפירט אין אַרעסטאַנטן-הויז...

די מוטער מיט די קינדער זיינען געווען אַזוי דערשלאָגן
פון אַט די אומגעריכטע און כסדר אַלץ שטאַרקער אַראָפּגעקנאַלטע
דונער-קלעפּ אין רעכטן העלן שיינעם פּסח-טאָג, אַז זיי זיינען
אַזוי ווי געליימט געזעסן און געשוויגן. די שיינענדיקע זון איז פאַר
זיי פאַרשוואונדן און אַ חושך האָט זיך, ווי אַ שוואַרצע וואַנט,
אַראָפּגעלאָזט פונם נאָר-וואָס פּייערליכן הימל אויף דער געוועזט-
יומטובדיקער ערד.

חוץ יונהס פאָטער און דעם פעטער נפתלין, זיינען אַרעס-
טירט געוואָרן נאָך דריי מיטגלידער פון דער משפּחה, אָבער די
גאַנצע תּוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן בלויז אויף דער פאַמיליע פון
הירש-נחמנען, דען יענע אַלע זיינען גאַנץ פאַרמעגליכע געווען און
דער אַרעסט האָט ניט אָנגעמאַכט קיין חורבן אין זייער מאַטער-
יעלן מצב, בעת פאַר דער פאַמיליע רייכערמאַן האָט ער באַטייט
פולן אונטערגאַנג — — —

די אַרעסטירטע האָט מען אונטער אַן אויסערגעוויינליך-
שטרענגער שמירה אַוועקגעשיקט אין דער גרויסער דווינע-שטאָט,
וואו זיי זיינען אָפּגעזעסן אַכט חדשים ביזן משפּט. מ׳האָט געהאָפט
אויף ניסים, אויף די עדות, אָבער עס זיינען קיין ניסים ניט גע-
שען, און מ׳האָט זיי פאַרמשפּט אויף פיר יאָר שווערער טורמע,
פאַררעכענענדיק די פריער אָפּגעזעסענע אַכט חדשים. אַ געוויסע
צייט האָט מען זיי געהאַלטן אין פעסטונג פון דער שטאָט, דער-
נאָך אַריבערגעפירט אין „רויטן הויז" — איינע פון די שווערסטע-
שטרענגסטע טורמעס.

די דאָזיקע פיר יאָר האָבן זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן און
האָבן טיף געלייגט זיך אויף דער נשמה פונם קליינעם יונהקען,
האָבן געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף זיין כאַראַקטער, און ער
וועט זיי ניט פאַרגעסן ביז זיין לעצטן אָטעם-הויך.

דאָס זיינען ביי זיי אין שטוב געווען יאָרן פון פערמאַ-
נענטן הונגערן און נאַקעט-באָרוויס-גיין. די פאַרעלנטע יונגע מו-
טער, אַ בילד-שיינע מיט אַ געדיכטן וואַלד לאַנגע און פּעך-שוואַרצע

האָר, איז פאַרבליבן מיט פינף קליינע קינדער אין אַ וועלט פון גלייכגילט צו יענעמס נויט און צער, און פון צרות און נאָגנדיקער זאָרג איז גיך די יוגנט-שיינקייט פון איר פנים און פון איר קאָפּ פאַרשוואונדן. זי האָט איבערגעטאָן כל עבודת פרך: געפליקט פאַר שיינע בעל-הביתטעס פעדערן פאַר קליין-געלט און געשטריקט פאַר רייכע לאָטישן קאַמזוילן פאַר אַ ביסל אַרבעס אָדער גרויפּן; לופּעטעס געצופּט און געסאָרטירט פאַר יאָסע גראַווינעס דעם שמאַטעס-הענדלער און גראָבע זעק געשטשאָבעט פאַר די מאָריינעס, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט; געוואַשן פרעמדע גרעט און דילן, — איבערלאָזנדיק די עופהלעך אויף גאַנצע טעג אויף גאָטס באַראָט אַליין אין אַ קאַלטער, נאַסער און פינסטער-שמוציקער דלת-על-דלתדיקער דירה — אין דער האַלב-איינגעפאַלענער כאַלופּע פון שרה-גאָלדע דער פאַראָביונטער אלמנה אויף דעם אייביק זומפּיקן "סאַזשעלע-געסל"... אין רעזולטאַט איז איינס פון די קינדער, דער דריי-יאָריקער געראָטענער איסר-בערעלע, פאַרחלשט פון כראָנישן הונגער און פאַרקילט, געשוואָלן געוואָרן און אָוועקגעשטאָרבן — אָן אַ דאָקטאָר און אָן רפואות.

דאָס האָט אַ ביסל אויפגערודערט אייניקע קרובים און שכנים, און מ'האָט צווישן זיך צעטיילט די קינדער — אויף "טעג". דאָס איז הגם געווען אַ קנאַפּע ישועה און אַ קנאַפּער כבוד, דאָך עטוואָס אַ פאַרלייכטערונג; אָבער דער גרעסטער טייל איז גיך מיד געוואָרן, און די לאַגע איז געבליבן טרויעריק ווי געווען.

יונהקע איז אויסגעגאַנגען אַ פאַרדאַגהטער, אַ פאַרטראַכטער און האָט מיט קיינעם ניט גערעדט. ער האָט טיף פיינט באַקומען אַלע זאַטע, באַקליידטע און באַשוכטע, אַלע רואיקע און צופרידענע. עס האָט אין אים געברויזט, געזאָדן און געקאָכט, — און איינמאָל אין אַ קאַלטער רעגנדיקער נאַכט האָט ער אַרייַנגעוואָרפן שטיינער אין די שויבן ביי דער פאַמיליע פונם מסור, וואָס איז שוין אייגנטליך געווען אַנטלאָפן פונם שטעטל, און ביים אוריאַדניק. מ'האָט אים געכאַפּט און מיט אַ גאַרטל-רימען צעפּאַסעוועט זיין לייב — — —

רייכערמאַן האָט אויפגעשווידערט: ער האָט נאָך איצט גע־פילט אויף זיך דעם שנאָל — — —

יונהקע האָט קיין מיטלייד און רחמנות ניט באַגעגנט, און ער האָט עס ניט געוועלט, עס פיינט געהאַט אַפילו, — ער האָט נערעכטיקייט געזוכט. עס האָבן אים געפייניקט געפילן פון נקמה. און משונהדיק: גראָד נאָך אָט דעם אַקט האָט ער זיך דערמאָנט דעם פאַטערס ווערטער, אַז „לערנען איז טייערער פון אַלץ", און אין אים איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ער האָט דער מאַמען וועגן זיין געשיכטע אין דער רעגנדיקער נאַכט ניט דערציילט. איז געוואָרן זעער פרום און זעער פלייס׳ק אין לערנען.

אין חדר איז ער מער יעמאָלט ניט געגאַנגען, ווייל עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל זאָרגן פאַר זיין דערציאונג און צאָלן פאַר זיין לערנען. איז ער אַוועק אין מתנגדישן בית־מדרש און אַוועקגעזעצט זיך איבער די נביאים פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט. געלערנט האָט ער מיט דער הילף פון דער עברי־טייטש־איבערזעצונג אין די גרויסע „עשרים וארבעס". אין אַ גאַנץ קור־צער צייט איז ער געוואָרן גאָר נאָענט מיט די נביאים, ווי מיט גאַנץ תנ״ך. משיח, דער באַפרייער פון זיין פאָלק און פון דער וועלט, האָט געהערשט אין זיין נשמה. ער איז שוין באַקאַנט גע־ווען מיט אַלע אגדות וועגן אים. ער האָט זיך דערמאָנט די מעשהלע וועגן וואונדערבאַרן פרינץ, דעם ראַנגלער פאַר דער פריי־הייט פון דער וועלט, און ער האָט אים אין זיין פאַנטאַזיע צוגויס־געגאָסן מיטן וואונדערבאַרן אָרימאַן, וואָס קומט צורייטן אויף אַ ווייסן אייזל צו ברענגען די אייביקע גערעכטיקייט און שלום אויף דער וועלט — — —

דער שמש, דער איידלהאַרציקער און גוטער איצע שאַווי־לער, האָט מיט זיין אייביק הייזעריקער שטימע צעקלונגען אין זיין סביבה יונהקעס נאָמען, און די באַציאונג צום יינגעל האָט איבגעגאַנצן זיך געענדערט. דער מלמד איצע פּאַפּקע האָט צוגענומען יונהקען אין זיין חדר אָן שכר־לימוד און נאָך געשטיצט אים מיט וואָס אים איז נאָר מיגליך געווען. אַ מערקווירדיקער טיפּ געווען אָט דער איצע פּאַפּקע. שוין אַ ייד אַ בן־שבעים, איז ער ביז דאָ

ניט לאנג געווען א שוסטער, א מיטגליד פון כל המינים תורה־חברות, וואו ער האט זיין לעבן לאנג אין די פרייע שעהן פון דער ארבעט און אין די שבתים און ימים־טובים געלערנט בהתמדה און איז סוף־כל־סוף געווארן א למדן אין פולן זין פון ווארט. די שיינע בעלי־בתים האבן זיך צו אים פארהאלטן נעגאטיוו: די אייניגע מיט גרינגשעצונג און די אנדערע מיט קנאה. אויף די אלטע יארן איז ער געווארן א מלמד, — האט מען געלאכט. געגעבן צו אים קינדער האבן בלויז די ארימסטע. — געלערנט מיט יונהקען האט ער גמרא און „חובת הלבבות”, אבער מער פון אלץ האט ער מיט אים פארבראכט אין פילאזאפיש־עטישע געשפרעכן. ער האט בייסנדיק פארדאמט די צביעות און די שלעכטע פארהעלטענישן בין אדם לחברו. ער האט מיט א ריינעם שיינעם אפגעטאקטן כתב געשריבן א ספר וועגן די הארציקע באציאונגען פון תנ"ך און פון תלמוד צום בעל־מלאכה און צום ארבעטסמאן. יונהקע איז געווען באצויבערט. דער רבי האט אים איבערצייגט, אז אין שטעטל וועט פון אים גארנישט ווערן און אז ער מוז אוועקפארן אין א ישיבה. און יונהקע האט אים געפאלגט, דען דער דאזיקער רבי האט אויף אים געהאט די גרעסטע ווירקונג.

יונהקע איז אוועקגעפארן אין דער גרויסער דווינע־שטאט, וואו ער איז אנגעקומען אין א ישיבה און האט געלערנט מיט אויסערגעוויינליכער התמדה. ער האט איינגעזאפט אין זיין מוח די אלטע תלמודישע ליטעראטור און זי טיף ליב באקומען.

דא האט ער צוויי מאל אין וואך געזעען זיך מיטן פאטער און די קרובים, און יעדע זעאונג האט אלעמאל געמאכט אויף אים א פיינליכן רושם. די ליידן פון זיינע נאענטע און ליבע האבן פארוואונדעט טיף זיין הארץ און אריינגעטראגן אין אים א נייע אומרואיקייט. די פראגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו” האט אים קיין רו ניט געגעבן. ווען וועט שוין קומען אמאל דער גואל צדק און פארענטפערן די פראגע?

אז זיין פאטער און די קרובים זייבען נאכן אויסגאנג פון די פיר יאר באפרייט געווארן, איז די שמחה געווען פארטונקעלט:

עס האָט אויף זיי געלאַסטעט דאָס פירכטערליכע „אַנטנומען די רעכט“...
דער פאָטער האָט אויף אַ נס געוואַרט, אויף אַ „מאַניפעסט“...

דער פאָטער האָט געענדיקט דעם געראַנגל, און דער זון האָט אים אָנגעהויבן — — — — — — — — — — — — —
— — — און יונה רייכערמאַן דערמאָנט זיך זיין דעביוט — — —

ער איז נאָך זעער פרום געווען און האָט געגלויבט נאָך, אַז ער פאַרבלייבט אין שול, אין אוראַלטן בית-מדרש... ער האָט יעמאָלט שוין געלערנט „פאַר זיך“, — אַ קינד נאָך, און שוין „פאַר זיך“,—נאָר ער פלעגט נאָך קומען געוואָר ווערן די חברים זיינע אין דער „שניידערשער ישיבה“. אייבמאָל אַ פרייטאָג פאַרנאַכט איז ער אַהין געקומען און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ ווילדער סצענע: דער אונטער-שמש, אַ מגושמדיקער דעמאָראַליזירטער יונג, האָט געמיתט אַ ישיבה-יינגל אַ יתום, וואָס האָט אים ניט געוואָלט העלפן ציגדן די ליכט. טיף אויפגעבראַכט, האָט יונהקע זיך אָנגענומען פאַר זיין חבר און אָנגערופן דעם עקזעקוטאָר מיט אַ כאַראַקטעריסטישן צונעמעניש. דערויף האָט יענער מיטן גאַנצן כוח אים דערלאַנגט אַ בריק אין רעכטן פוס, און דער דעביוט׳רגנדיקער פאַרטיידיקער פון גערעכטיקייט איז אומגעפאַלן— מיט אַ צעבראָכענעם געלענק — — —

ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל קרוב זיבן חדשים. די צייט אָבער איז ביי אים ניט געגאַנגען פאַרלאָרן. גוטע חברים פלעגן אים ברענגען אַ סך לייען-שטאָף. פון זיי אַלעמען האָט זיך ביי אים איינגעקריצט טיף אין זכרון אַ געטרייער פריינד, שמואל-ניסקע סאָלאָקער, וואָס איז געווען אַרויסגעטראָטן פון ישיבה און האָט געטאָן נאָר און מיט באַגייסטערונג פאַר אַלעמען גערעדט אַלץ וועגן „חוב צום פאָלק“. דער דאָזיקער בלוט-יונגער אידעאַליסט פלעגט אים ברענגען מאַסן העברעאישע ספרים פון דער שפאַנישער תקופה און באַלד אויך פון דער נייער און פון דער נייסטער צייט, און ער, יונהקע, פלעגט זיי שלינגען מיט דער

זשעדנעקייט פון אַ פאַרשמאַכטן וואַנדערער אין מדבר, ווען ער דערזעט אַ דערקוויקנדיקע פרוכט. ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער יידישער געשיכטע און מיט אירע געניען. און ווי איבער־ראַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט אין הערץ־בערס „גרויסן גאון", וואָס האָט, ווי סאָקראַטעס, ניט אָנגענומען דעם באַפריי־אונגס־פאָרשלאָג פון די תלמידים און איז אומגעקומען פאַר זיין אמת אין געפענגעניש, אַנטדעקט — דעם מהר"ם מרוטנבערג! הייסט עס: איז עס ניט קיין מעשהלע געווען, נאָר אַן אמת אַ היסטאָרישער! נאָך ליבער און טייערער איז אים געוואָרן די דאָ־זיקע דערהייבענע און מעכטיקע פערזענליכקייט — — —

די שוואַרצע מיטלאַלטערליכע וועלט פון צלם־צוגן און אינ־קוויזיציע, פון טורמעס און פון תליות האָט אים פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט, און ער האָט געחלומט פון משיחישער דער־לייזונג — — — — — — — — — — — — — —

— — — און אָט זעט זיך רייכערמאַן אין דער גרעסטער יידן־שטאָט אין צפון־מערב. ער איז עקסטערן. לערנט מיט אַ ברען שפראַכן און וויסנשאַפטן, און לייענט אָן אַ שיעור, נאָר אָן אַ סיסטעם — — —

ליב און טייער איז אים די ניי־העברעאישע ליטעראַטור. ער איז באַגייסטערט פאַר ציון און איר אויפלעבונג, אָבער פרצס „החץ" און זיינע „בלעטלעך" טרייסלען אים אינגאַנצן אויף... אחד העם און לודוויג פייערבאַך — מזרח און מערב — פייער און וואַסער!...

פון סטעפּניאַקן דערוויסט ער זיך, אַז זיין פאָטערס וואונדערבאַרער פרינץ איז ניט קיין אַנדערער ווי — דער הער־ליכער פּיאָטר קראָפּאָטקין! אָט דער גייסטעס־פרינץ האָט אַמאָל געצונדן זיין פאַנטאַזיע און האָט זיך ביי אים אין קינדיש־תמימותדיקן דמיון אויסטערליש צונויפגעשמאָלצן מיטן מהר"ם מרוטנבערג און מיט יענעם אָרימאַן, דעם געשלאָסענעם אין קייטן און פאַרפייניקטן ביי די טויערן פון רוים, וואָס וועט אַמאָל אָן

פּייער און אָן שווערד, נאָר אויף אַ ווייסן אייזל אַרויסרייטן מיט דער קראַפט פון וואָרט פון אמתדיקער ליבע און גערעכטיקייט צו באַפרייען די בלוטנדיקע וועלט! נאָר אָט איז געקומען דער קאַלטער גזלן בעלטאָוו מיט זיין בלאַנקן וואַנדלענדיקן פעדער-שווערד און גאַליק-גיפטיק אומגעשטירצט אים צוגלייך מיט ריי-כערמאַנס אַ צווייטן באַליבטן גייסטעס-פּרינץ, וואָס האָט ווי אַ נביא פלאַמענדיק געפּרעדיקט די לערע וועגן אמת-וואָרהייט און אמת-גערעכטיקייט און וועגן מאָראַליש-מעכטיקע קריטיש-דענקענ-דיקע גייסטער — — —

אַ חורבן פון דער אַלטער און פון דער נייער וועלט!

פאַרלאָרן האָט ער זיך דערפילט: דאָס האַרץ האָט צו די הימלען אים געצויגן, צום אידעאַל, צו דער אומענדליכקייט פון דער אידעען-וועלט, און דעם מוח האָט געפאַנגען דער ערדישער מאַרקסיזם, וואָס האָט געפייערט זיין נצחון איבער די סיסטעמען פון אוטאָפּיע! — — —

די „מיגליכע" און אַפילו „געוואונטשענע" אויפלייזונג פונם עקסטעריטאָריעלן פאָלק מאַכט גליווערן אין די אָדערן דאָס בלוט — — —

אַ ריס אין האַרצן, ווי צווישן האַרץ און מוח — — —

וואו איז דאָ דער וואוילבאַרימטער סינטעז, די האַרמאָניע? ווי געפינט מען דאָ דעם וועג און ווי אַזוי קאָן מען צאָלן דאָ דעם „חוב צום פאָלק"?

ער האָט זיך געפילט פולשטענדיק פאַרלאָרן און איז אומגע-גאַנגען ווי אַ נאַכטוואַנדלער — — —

אַרויסגעפירט אים פונם פלאָנטער פונם גייסטיקן האָט אַ חבר זיינער פון ישיבה, „קאַמקע דער משוגענער", מיט וועמען ער האָט זיך אין דער רעכטער צייט צופעליק געטראָפן נאָך אַ ריי יאָרן פון צעשיידונג. קאַמקע איז אויך געווען ווי ער אַ יונגער פויגל געקומען פונם נעסט פון גרוילנדיקער גלות; געווען אידעאַ-ליסט פון קאָפּ ביז די פיס און באַקומען זיין שיינעם טיטל פאַר זיין אייגנאַרטיקן פיר אויף להכעיס אַלע קאָנווענציאָנעלע

אמתן פון דער איידעלער געזעלשאַפט און פאַר זיין אייביקן דע־
קלאַמירן זיינע פילאָזאָפישע לידלעך וועגן
„דער פאַלשער וועלט
פון טייוול, און פון געלט".

— קום, יונהקע, צו מיר, אין מיין וועלט פון אמתדיקן אמת, — האָט קאַמקע אים גערופן, — איך וועל דיך באַקאַנט מאַכן מיט אַ מערקווירדיקן חבר, אַ ספּעציאַליסט אָראָפּצושניידן אַלע ווילדע אָגוואוקסן פון אַזעלכע משוגענע מוחות ווי דער דיי־ביקער, — און דו וועסט דיין וועלט דערזען און דיין וועג דער־קענען!

און ער, רייכערמאַן, איז אַוועק מיט קאַמקען און אין זיין וועלט אַריין.

דער חבר אהרן, קאַמקעס ספּעציאַליסט, האָט אויף רייכער־מאַנען געמאַכט אַ באַכישופנדיקן איינדרוק הן מיט זיין אַרט ריידן הן מיט זיין גאַנצער פּערזענליכקייט. ער האָט אויף דער אונ־טערערדישער פאַרזאַמלונג גערעדט מיט פייער פון טיפן גלויבן און מיט קראַפט פון איבערצייגונג, אַז די דיאַלעקטיק רייסט ניט איבער דעם פאָדים פון געשיכטע, נאָר, פאַרקערט, שפּינט אים ווייטער אַלץ און ווייטער; אַז ווען מ'זאָל איינגאַנצן איבעררייסן מיטן עָבר, וועט מען מוזן פאַרלירן אויך דעם וועג צום עָתיד; אַז מאַטעריע אָן גייסט, אָן דער באַוועגונגס־קראַפט, איז טויט, און אַז מיר האָבן זעער פיל צו לערנען נאָך ביי די גרויסע גייס־טער פון די לאַנג פאַרפלאָסענע דורות. און ווי דערהייבן־שיין איז ער געווען, בעת ער האָט אויסגערופן מיט התפעלות פון אַ גאָט־געבענטשטן דיכטער־דענקער:

— מיר וועלן פאַרבינדן דאָס שענסטע־בעסטע פון אַמאָל מיטן איידלסטן־דערהייבנסטן פון היינט און די פעלזנשטאַרקייט פון אונזער איינגעבאָרענעם און היסטאָריש־דערצויגענעם גייסט מיט אונזער נייעם ברענענדיקן ווילן — און מיר וועלן גיין מיט אונזער אייגענעם וועג, באַלויכטן מיטן פייערדיקן זייל פון אונזער געשיכטע, פאָרויס צום אַלגעמייגעם ציל פון דער מענטש־הייט — — — און דאָס איז דער וועג פונם ספּעציפיש־יידישן

אַרבעטער-קלאַס דורך זיין איינציקער נאַטירליכסטער פּאַרטיי — — —

צי איז עס טאַקע אַזוי די מיינונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, אָדער אפשר בלויז זיין אינדיווידועלע מיינונג?... — איז אים דורכגעפלויגן אַ ספק אין געדאַנק. און געענדיקט האָט זיך די מיסטעריענפולע פאַרזאַמלונג מיטן געזאַנג:

„משיח און יידנטום — ביידע געשטאָרבן, —
אַ נייער משיח קומט אָן...״

אים האָט אַ טיאָכק, אַ ריס געטאָן ערגעץ טיף אין האַרצן, און ער האָט אויפגעשווידערט, אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ רגע. אין דער צווייטער רגע איז ער ווידער שוין געווען אונטערן אויסטערלישן רושם פונם חבר אהרן — דער אויסגעבענקטער און אויסגעפונענער מאָראַליש-מעכטיקער און קריטיש-דענקענדי-קער פערזענליכקייט — — — ער האָט אַ נייע רעליגיע באַקו-מען אָנשטאָט דער אַלטער דער פאַרלאָרענער, — און ער האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט פייער, מיט מסירת-נפשדיקן ברען אין דער געדיכטעניש פונם טיטאַנישן געראַנגל אין די רייען פונם יידישן אַרבעטער-בונד פאַר אַ נייער ליכטיק-שיינער וועלט פון אַבסאָ-לוטן אמת און אַבסאָלוטן יושר... ער האָט פאַרגעסן דעם דיאַ-לעקטישן משפט איבער אַבסאָלוט, דען די פרילינגס-יינגסטע יוגנט וויל נאָר אַבסאָלוט און פאַרשטייט בלויז אַבסאָלוט... ער האָט אָפּ-געלייגט די עקזאַמענס, אַלע זיינע פערזענליכע עסקים — אויף שפעטער, אויף דעם מאָרגן וואָס נאָכן אָפּגעהאַלטענעם נצחון פונם יידנדיקן כלל, ווען עס וועט שוין זיין פאַרווירקליכט דער משיח-חלום פון זיין קינדהייט. ער האָט אינגאַנצן געברענט פון קאַמפּפסלוסט, ער האָט פאַר זיך די דערגרייכונג פונם ציל געזען גאָר נאָענט, מיט דער האַנט אָט צו דערלאַנגען, און קיין שום קרבן איז פאַר אים ניט שווער געווען — — —

און יאָרן זיינען אַוועק — יאָרן פון פאַרביטערטן געראַנגל, פון נצחונות און מפלות — — —

זיס איז אים געווען די פרייד פון זיגן און ער האָט מקבל געווען באהבה די יסורים פון די דורכפאַלן, — אין יאוש איז ער קיינמאָל ניט אַריין.

ער האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי די פרילינגס־יאָרן זיינען אים, ווי די שוועלבעלעך, אַוועק. אַז ער האָט איינמאָל אין אַ גודנע־פאַרכמאַרעטן פרימאָרגן זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער מיטאַמאָל דערזען, אַז ער האָט שוין הינטער זיך אַ היבשן גאַנץ ערנסטן עָבַר אַ מאַרטירערישן. די אויף אייביק פאַרבליבענע צייכנס אויף זיין לייב, פון קאָזאַקישע נאַהייקעס באַקומענע אויף געוואַגטע — העלדישע — גראַנדיאָזע דעמאָנסטראַציעס, — זיינען עדות; די שוואַכע קורצזיכטיקע אויגן, אין די פינסטערע טורמע־קאַמערעס געפּטֶרטע, — זיינען עדות... — צו וואָס אָבער און פאַר ווען דאַרף ער עס די עדות? דאָס איז דאָך אויך בלויז אַ ראַפינירט געפיל פון עגאָאיזם, וואָס איז ווירדיק נאָר בלויז פאַר אַ קליינבירגער, — האָט ער זיך געכאַפּט ווי אַ גנב און זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט... אַ וואונדערשיינע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן, די שענסטע זין און טעכטער פונם פאָלק זיינען אומגעקומען פון ברוטאַלער מאַכט, — און ער טראַכט גאָר וועגן קליניקייטן, נאַרישקייטן; אַ בלוטיקע כוואַליע האָט פאַרפלייצט זיין גאַס, — און ער פאַרטיפט זיך גאָר אין סענטימענטאַלער השתפכות־הנפש פון אינטעליגענטישער רעזיגנאַציע! דאָס איז אַן עסק פאַר די בעלי־בתישע זינדלעך, די צייטווייליקע מיטלויפער, נאָכלויפער און איבערלויפער, וואָס זיינען אָפּט די ערשטע שרייער און אין רואיקערע צייטן די גרעסטע טומלער, און וואָס אַנטלויפן, ווי די מייז בעת אַ שיפבראָך, אַלעמאָל די ערשטע ביי די ערשטע פאַרדעכטיקע סימפּטאָמען פון קאַטאַסטראָפע. פון קינדווייז־אויף האָט ער תכלית שנאה פיינט געהאַט אָט די אייביק זאַטע, רואיקע און זעלבסטצופרידענע קליינמענטשעלעך, וואָס נוצן אויס אַלץ און אַלעמען, אַלע סיטואַציעס בלויז פאַר זיך, ווייל דער אינהאַלט פון זייער נשמה איז — קאַריערע. ביים אַריינטרעטן אין דער באַוועגונג האָט ער געגלויבט, אַז דאָ וועט ער זיי זיכער ניט באַגעגענען, — דען ווי קומען זיי אַהער? — ווי נשתומם איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז עס שווימלט און גריבלט מיט זיי דאָ אומעטום, אַז זיי האָבן אויך דאָ דעם אויבנאָן פאַרנומען און די באַוועגונג אָנגעשטעקט מיט זייער גייסט. פונקט ווי די וואָס האָבן

געמיינט מיט אַן אמת, האָבן זיי תהילת אויך געגלויבט, אַז נאָענט איז דער נצחון פון דער נייער באַוועגונג, — האָבן זיי זיך ביי־ צייטנס גענומען צושמירן צו איר און פוצן זיך אין פעדערן דווקא וואָס ראַדיקאַלערע, וואָס רויטערע. די וואָס האָבן ניט „געאַקערט — ניט געזייט, ניט געהאַמערט — ניט געבייט", האָבן זיך שוין אויך דאָ געגרייט צו קאָמאַנדירן ביי דער טיילונג... ער האָט קרום גע־ קוקט אויף זיי, ער האָט זיי גיט געטרויט, נאָר ער האָט געשוויגן. ער האָט באלד געוואָלט דערין אַפילו אײנזען אַ נצחון פון זיין אמת, וואָס אפילו שונאים מוזן אָנערקענען אים! נאָכמער, ער האָט אפילו דערשפירט אַ שטיקעלע נקמה אָן זיי, פונקט ווי ער האָט עס אַמאָל געשפירט דערין, וואָס אַנדערע געוויסע האָבן גענומען אַן אָרימען סטאָלער, אַ זון פונם פאַרהאַסטן און פאַראַכטן פאָלק, און אַוועקגעזעצט אים אויפן טראָן פונם אוניווערזום — — —

באלד אָבער האָבן די סאָציאַל־פּאָליטישע קאָקעטן געוויזן זייער אמתן פּרצוף. זיי האָבן עס די ערשטע צעקלונגען וועגן אַנטוישטע האָפענונגען; זיי זיינען זיך צעלאָפן און האָבן עס גע־ בראַכט צו דעם צעפאַל פון די אָרגאַניזאַציעס; זייער גאָט איז געוואָרן דער פאַרדאָרבנסטער פון די ציניקער — סאַנין; זיי האָבן זיך עס אַוועקגעלאָזן אָן אַ פאַרדאָן „כאַפּן דעם מאָמענט" און איינאָרדענען זיך אויף ווארימע ערטלעך וואָס באַקוועמער — צו געניסן קליינמענטשלדיק „גליק" הינטער פעסט פאַרמאַכטע טיר און לאָדן, אָפּשפּאָטנדיק שעלמיש פון דער גאַנצער וועלט...

אַ חורבן, אַ תל איז געוואָרן פון דער נעכטן נאָך מעכ־ טיקער פאַרטיי... די אינטעליגענץ האָט די אַרבעטער פאַרלאָזן און פאַרראַטן, און די אַרבעטער האָבן אָנגעוואָרן דעם צוטרוי אויך צו די איינצלנע נאָך געטריי געבליבענע טוער. דער נאָמען חבר איז צו שפּאָט און צו חוזק געוואָרן. געטריי זיינען פאַרבליבן בלויז איינער אין אַ שטעטל און צוויי אין אַ שטאָט, און דאָס זיינען זיי אין אַ גרויסן טייל געזעסן — הינטער אייזערנע גראַ־ טעס — — —

צופעליק איז אויף דער פריי פאַרבליבן — רייכערמאַן־

אַ טיף־גלויביקער און איבערצײַגטער אין זײַן אמת און אין זײַן גערעכטיקייט. ער איז אומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ.

— מײַן בונד! — האָט אין אים זײַן צעווייטיקט האַרץ געשריען — מײַן אײנציקער! מײַן טאַטע און מײַן מאַמע — מײַן באַשיצער און באַשירמער! וואָס בין איך אויסער דײַנע רײען? אָבער וואו זײַנען אַהינגעקומען דײַנע רײען? צעזײט און צע־שפּרייט!... צעזײט און צעשפּרייט!... נאָר נײן! אַזוי טאָר עס מער ניט זײַן און אַזוי וועט עס מער ניט זײַן! מ׳טאָר ניט אַרויסלאָזן די פאָן פון האַנט! לעבן מוז מײַן גײער, מײַן אײנציקער משיח!

און רײַכערמאַן האָט צונויפגענומען די לעצטע פינף גע־טרײַ־פאַרבליבענע — אַרבעטער און האָט מיט באַגײסטערונג אויסגערופן:

— ס׳זאָל לעבן דער ערשטער קאָלעקטיוו פונם נײַ־אויפ־געלעבטן יידישן אַרבעטערבונד אין אונזער שטאָט!

און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זײַנע פינף חברים איבער די וואַרשטאַטן און פאַבריקן וועקן, רופן די אײַנגעשלאָפענע און אײַנפּליסן מוט און ווילן די פאַרצווייפלטע און אָפּהענטיקע. מערסטנס האָט מען אים מיט זײַנע חברים באַגעגנט מיט פאַר־וואונדערונג, ערטערווײַז אַפילו מיט אַ שמייכל אָן איראָניש, — אַזוי טיף איז דער אומגלויבן געווען, — אָבער ס׳האָט זיך סוף כל סוף דאָך אײַנגעגעבן צו געווינען די הערצער פון אַ רײַ פאַר־שעמטע אַרבעטער, וואָס האָבן טיף גערירט געפרעגט:

— עס לעבט נאָך?

און אויפן ענטפער: „עס לעבט נאָך!" האָבן זײ אויסגערופן:

— ס׳זאָל לעבן!

ס׳איז אים געלונגען אַפילו אויפצולעבן צוריק דעם אָרגאַן, אָבער דאָ, ביים ערשטן פרוב צו פאַרשפּרייטן אים, איז ער אַרעסטירט געוואָרן, — און אַט ליגט ער איצט אויף דער נאַרע אין דער חושכדיקער קאַמערע פון דער פּראָווינציעלער עטאַפּן־טורמע, ליגט און וואַרט דערשטיקט פון דער סם־המוותדיקער לופט אין דער דאַזיקער אומענדליכער חשוונדיקער שוואַרצער נאַכט — — —

נאָך מער אָבער ווערט ער דערשטיקט פון אַן אומגעריכט־אויפגעבראָזעטער כוואַליע אייזקאַלטע אפיקורסישע געדאַנקען, וואָס אַנטצינדן דעם מוח און מאַכן פרירן דאָס האַרץ — — —

זעקס זייַנען זיי געווען — אַלע די געטרייַסטע, מסירת־נפשדיקסטע. דער גאַנצער ענין דרוקן און פאַרשפּרייטן דעם אָר־גאַן איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אויסערסט שטרענגער קאָנספּיראַציע. וועגן דעם אָרט פון דרוק האָבן געוואוסט בלויז צוויי: רייכערמאַן און נאָך איינער, ניט פון די זעקס, וואָס דורך זיין האַנט גראָד האָט עס געדאַרפט דורכגיין דער וויכטיקסטער טייל פון דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַן אַלטער גרויסער טוער אַ „שליסל" צווישן דער העכסטער אָנפירונג און דעם שטאָטיקן „קאָמיטעט", זעער אַן ערנסטער, אייביק רואיקער, איבערלייג־טער, וואָס פלעגט גיין פאַמעליך, ריידן ווייניק און פאַמעליך, און טאָן אַלץ דורכגערעכנט און פאַמעליך, אָבער זיכער. — און האָט טאַקע דערפאַר־אַ־גופא באַקומען דעם צונעמעניש דער „שילדקראָט". ניט איינמאָל האָט ער אָפּגעהאַלטן די יונגע „היצ־קעפּ" פון ריזיקאַלישע שריט. ער איז אויך געווען אַ מושלם, אַ מייסטער אויף פאַרשיידענע געביטן. איז ער זעער געאַכט געווען ביי אַלעמען און מען פלעגט זיך מיטן גרעסטן ערנסט און רעס־פּעקט צוהערן צו זיין מיינונג. און דעריבער, אַז רייכערמאַן האָט געוועלט רעסטאַווירן דעם שטעמפּל פונם „קאָמיטעט", וואָס איז בעת איינעם פון די לעצטע גרויסע אַרעסטן פאַרלאָרן געגאַנגען, — האָט ער זיך אויך געווענדט — צום „שילדקראָט". און מיטן ענין אָרגאַן — ווידער צו אים — — — ,

מיט וואָס פאַר אַן ערנסט, מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ער האָט עס געצייכנט דעם אותיות־קרייז און דעם „שלום עליכם" אין זיין מיטן! און מיט וואָס פאַר אַ דבקות ער האָט זיך עס אָפּגעגע־בן מיטן ענין אָרגאַן! אַ צדיק גמור — אַ מוסטער פאַר דער ניער וועלט! — — —

... אַ שלעכטער מענטש איז איציק דער זעמשער, דער „פּראָקוראָר", וואָס גיסט אויס די גרינע גאַל אויף די „פירער" און משפט זיי אָן רחמנות. איינמאָל אויף אַ ליאַמע האָט ער גע־

גומען אויפן צימבל — דעם „שילדקראָט״, אויסגעזוכט אויף אים אַזעלכע חטאים און געוואָרפן אויף אים אַזעלכע חשדים, אַז אַלעמען אַרום איז באמת אומהיימליך געוואָרן, — און נחום דער גאַרבער, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אויף אַלעמען מלמד זכות צו זיין, האָט אויסגערופן:

— גיי שלאָפן, איצקע! ניכטער זיך אויס!

— — — אָבער תּיכף נאָכן סאַמע אַרויסגיין פונם געהיימען דרוק־אָרט, אַרומגעוויקלט אַרום לייב אונטערן העמד מיט פריש־אָפּגעדרוקטע בלעטער, איז רייכערמאַן — אַרעסטירט געוואָרן! און קיין אַנדערער האָט פון דעם אָרט ניט געוואוסט, אויסער...

— אַוועק, דו „פּראָקוראָר״! — האָט רייכערמאַן פּלוצלינג אויסגעשריען ניט מיט זיין קול, אַזוי אַז אַ סך אַרעסטאַנטן פון די אַרומיקע נאַרעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק, — פאַרוואָס האָסטו פאַרוואָרפן אין מיין האַרצן דיינע גיפטיקע זוימען פון חשד? ווייניק שפּיאָנעס היטן יעדן טריט פון אַ רעוואָלוציאָנער? צו וואָס אייביק חושד זיין חברים, און דערצו די בעסטע? דאָס איז דאָך פירכטערליך! דאָס האַרץ קאָן פאַרן מויל עס ניט אַנטפּלעקן... איך קאָן אַפילו דעם געדאַנק ניט צולאָזן!... דען דאַן קראַכט דאָך אַלץ, אַלץ... עס קראַכט מיין מוח מיר — — —

— — — אָבער — נאָגט דער וואָרים — תּיכף נאָכן סאַמע אַרויסגיין...

— אַוועק, אַוועק פון מיר, געשפּענסט פון מעפיסטאָפעל! דאָס איז חילול־הקודש — אַזאַ געדאַנק! אָבער עס איז דאָך ניטאָ קיין אַבסאָלוט! — עס שווידערט מיך... אומגלויבליך און אויך גלויבליך! וואוהין אַנטלויפט מען פון דיין גייסט, דו בייזער „פּראָקוראָר״? — וואוהין אַנטלויפט מען פון אַזאַ פאַרסמטער אַטמאָספערע, וואו אַ חבר קאָן מער אַ חבר ניט געטרויען, וואו איין ברודער איז דעם אַנדערן אַ וואָלף? וואו דער מוח ווערט פאַרסמט פון ספקות אין אַלעמען, אין אַלץ? — צו וועמען און וואוהין? — גוט פיל איך מיך נאָר צווישן די פּשוטסטע און דערנידעריקטסטע קינדער פון פאָלק — — — העי, באַס

קע ליבער, קום אהער צו מיר! דו ביזט דאָך אויך, ווי איך, אַ קרבן פונם פּאַרעטערישן סדר פון דער וועלט, — ווער אַ ברודער מיר!

אַ געריטעטער פון רייכערמאַנס וואַרימער ווענדונג האָט באַסקע ווידער זיך צעראָוועט:

— ווי קום איך, מנוול הינטישער, צו דיר?

„מיין טאַטע איז געווען אַ שמאַראָוואָזניק,

מיין מאַמע האָט אין מאַרק געגנבעט פיש..."

און פּאַמקע דער „בעל־תשובה" האָט זיך אויפגעכאַפּט און ווידער גענומען שלאָגן זיך מיטן שטערן אָן דער אָנגעחזירטער פּאָדלאָגע, קרעכצנדיק און רופנדיק אָן אויפהער:

— קאַיוס, האָספּאָדי פּאָמילוי!

פּלוצלינג האָט דער שליסער אויסגעשריען אויפן גאַנצן קאָרידאָר, צו די קאַמערעס געווענדט:

— שטייט אויף! אין וועג אַריין!

אין איין מאָמענט איז אויף אַלע נאַרעס געוואָרן אַ באַוועגונג, אַ האַרמידער... דער רעגן האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט און עס האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג. אַלע האָבן איינער ביים אַנדערן געפרעגט:

— וואוהין גייט עס דער עטאַפּ?

אָבער קיינער האָט דערויף קיין ענטפער געבן ניט געקאָנט, און דער שליסער האָט געשוויגן האַרט.

פּאַמקע האָט ווי אַ בער געברומט זיין אומאויפהערליכן „קאַיוס".

און באַסקע האָט געיאָמערט:

— און וואוהין וועלן מיר נאָכן אָפּקום גיין? מסתמא ווידער — פון עטאַפּ צו עטאַפּ?

דערויף האָט רייכערמאַן, שוין שטייענדיק אויפן בלאַסנדיקן טורמע־הויף אין דער אַרעסטאַנטן־ריי, געענטפערט אין פאַרצווייפלונג:

— אפשר טאַקע נאַר — פון עטאַפּ צו עטאַפּ... אַזאַ גערודער און הו־האַ, אַזאַ דור־הפלגה! מ'דאַרף אָנהייבן צוריק פון אלף... קיינער ווייס אין עצם טאַקע ניט — וואוהין? — — —

סטאַראָדוב, טשערניג. ג.

מיין פרילינג.

ווידער האָבן זיך אויף אַלע וועגן, אויף באַרג און טאָל, אין פעלד און וואַלד באַוויזן די וואוילבאַקאַנטע פרילינגס-שלוחים — פון דער ערד-טיף, פון דער הייך און פון אַלע זייטן וועלט — — —

ווידער בליען ביימער, גראָזן, בלומען; ווידער הילכיקע גע-זאַנגען פון פרייע, מונטערע, התפעלות-פולע פייגל-כאָרן. ווידער ברייטע, טיפע, בלויע הימלען און לויטער-פרישע לופט. ווידער העלע זונענשטראַלן מיט אַ שֶפע בונטפאַרביקע געמעלן.

די ערד האָט ווידער אַמאָל פאַרגעסן אָן איר טרויער, פוצט זיך, צירט זיך און מאַניעט מיט אירע רייצפולע פערפעקטע פאַ-נאָראַמעס און רופט אַלץ און אַלעמען צום לעבן — — —

און אַלץ אַרום איז ווידער אויפגעלעבט, מונטער-יום-טובדיק און פריילִיך, פול האָפענונגען נייע.

דער פרילינג איז געקומען, וואָס איך האָב אויף אים צו-גלייך מיט אַלעמען פאַרבענקט געוואַרט, וואָס אויך פאַר מיר האָט ער געזאָלט אַ פרילינג זיין — מיין פרילינג זיין — — —

— ער איז געקומען — נִיט מיינער אָבער, נאָר אַ פרעמ-דער...

אויף דעם פרילינג האָב איך מיינע אויגן אויסגעקוקט — דער פרילינג וועט מיר ברענגען נייס, אַ הייל-באַלזאַם צו מיינע האַרצנס-וואונדן ברענגען, מוט מיר געבן, נייע האָפענונגען שענ-קען און אפשר אויך דעם גלויבן—אויפלעבן ווידער מיין פריער-דיקן גלויבן — — —

איך האָב אַמאָל אַ שטאַרקן גלויבן דאָך געהאַט, איך האָב אויך אַ קינדהייט דאָך געהאַט, — אַן אומגליקליכע קינדהייט, דען

איך בין ניט, ווי יענער גרויסער דיכטער, אין אַרקאַדיען געבאָרן, דאָך פאָרט אַ קינדהייט... אין מיין קינדהייטס־חלום ראָזיקן האָב אויך איך זעאונגען געזען, אילוזיעס שיינע און האָפענונגען באַפליגלטע פאַרמאָגט; איך האָב די צוקונפט ווי אַ פרילינג אייביקן געזען, ווי אַ באַחרית־הימימדיקן פרילינג, אָן טרערן און געזיפץ — — —

פאַרשוואונדן אָבער איז מיין קינדהייט מיין פאַרחלומטע, ווי אַ חלום אויף אַלעמאָל פאַרשוואונדן — — —

די אַלטעגליכקייט די גרויע־גראָבע און די קאַלטע ניכטערקייט פון לעבן האָבן די נשמה מיר פאַרסמט און אָפּגערויבט דעם גלויבן פון מיין קינדהייט. פינסטער איז געוואָרן מיר די וועלט, ווי אַן אָנשטערנדיקע נאַכט. דאַן האָב איך אָבער אומגעריכט העטוויט אַ שטערנדל דערזען — און איך האָב פאַרבענקט זיך. איך האָב פון ערגעץ אומבאַקאַנטע קאַנטן אַ ליד אַ הפלאדיק פאַרנומען — און מיין האַרץ איז ווידער פול מיט האָפענונג געוואָרן. ס'האָבן אויפגעלעבט אין מיר צוריק פיל טענער פון מיין קינדערש־אויסגעטרוימטער, אילוזאָרישער סימפאָניע, — און איך האָב גענומען האָפן אויף אַ פרילינג, וואָס זאָל אומקערן צוריק מיר די נשמה פון דער קינדהייט און פאַרווירקליכן מיין קינדהייטס־חלום — — —

מיין פרילינג — מיין חלום!

ער האָט מיך פאַרעטעריש פאַרפירט, ווי אַלע מיינע געוועזענע חלומות... דאָס האַרץ פרעסט זיך צונויף פאַר מיטלייד, פאַר מיטלייד צו זיך אַליין; די לעצטע אילוזיע פאַרשווינדט, די לעצטע שטראַלן לעשן זיך אויס — — —

און דאָס האַרץ קלעמט און נאָגט...

נאָכאַנאַנד געגרייט זיך צום לעבן, כסדר געהאָפט און געוואַרט, געחלומט פונם לעבן — און אויפגעכאַפּט זיך שטענדיק אַ דערשלאָגענער, אַנטוישטער — — —

* * *

ביי דעם ניכטערן גרויען פרימאָרגן פאַרשווינדן מיינע

חלומות; דאָס וואָכעדיקע לעבן פאַריאָגט די געטער מיינע, און אָרעם און עלנט בלייב איך אַליין — — —

זיץ איך איינזאַם און עלנט אין מיין אָרעמען צימערל און קוק אַרויס דורך ס'פענסטערל אויף די עטליכעביימער, וואָס וואַקסן קעגנאיבער אויף יענער זייט וועג. אַ שטיל ווינטעלע בלאָזט צווישן די צווייגן, און זיי בייגן זיך איבערן וועג באַגריסנדיק, ווי זיי וואָלטן וועלן דערגרייכן די טונקעלע שייבלעך פונם פענסטערל און אָנקלאַפּן צו מיר, אויפוועקן און אויפמונטערן מיך, אָנזאָגן מיר עפּעס אַ גוטע בשורה... נאָר אומגעריכט קומט אַ גיפטיקער געדאַנק, אַז אפשר ווילן זיי דאָס גאָר זיך געזעגענען מיט מיר, און איך זע זיי איצט—דאָס לעצטע מאָל?

עס טוט מיך אַ שוידער — איך קאָן שוין מער ניט בלייבן זיצן אויף אַן אָרט. איך גיי אַרויס פון צימערל, איך גיי אַרויס פון שטעטל. איך גיי אַוועק ווייט-ווייט פון שטעטל און דרינג מיט מיין בליק אַריין אין די גערדיכטע שאָטנס פונם וואַלד, אינם טיפן בלויען אָפּגרונט פונם קלאָרן הימל-ים, אין די ווייטע האָריזאָנטן, וואָס זיינען מיט פריפאַרנאַכטיקע רויזנפאַרביקע וואָלקנדלעך באַקרענצט. פלוצלינג ווער איך מאָדנע אויפגערעגט אויף זיך, אויף אַלעמען און אויף אַלץ פון דעם געדאַנק, וואָס נאָגט מיין מאַרך און האַרץ און לאָזט מיך ניט רוען: „דאָס לעצטע מאָל"! — — —

איך וויל אין מיין זכרון אויפשטעלן אַלץ, וואָס איך האָב אין מיין קורצן לעבן באַוויזן צו דערגיין און אויפצוטאָן, אַלץ, וואָס איז ביי מיר געווען הייליק און טייער, אַלע מיינע זיסע און ביטערע ערינערונגען...

איך וויל מיך סוף-כל-סוף געזעגענען מיט אַלעמען, מיט אַלץ, און וויל אַלץ זען, דערמאָנען זיך — צום לעצטן מאָל!...

צום לעצטן מאָל!

עס קלעמט און נאָגט דאָס האַרץ... עס פילט אַ מיטלייד זיך צו זיך אַליין...

ווי אַ חלום מיטאַמאָל איז אַלץ פאַרשוואונדן... ביימער, בלומען, ליכט און הימל — ניט פאַר מיר!

עס שטייט אַ שיינער פרילינג — פאַר אַלעמען, נאָר ניט פאַר מיר!

די פּרעכטיק-שיינע קיניגין פון טאָג גיסט ליכט פון האָפע-נונג אין הערצער, צינדט אָן פייערלעך פון לעבן אין אויגן אין פאַרלאָשענע, — נאָר ניט ביי מיר!

פונם פּאַטום איז מיין וועג געצייכנט און בלויז אַ נס מן השמים קאָן מיך אומקערן פונם ביז-באַשערטן וועג... עס דריקט צונויף זיך מיר מיין האַרץ, פון רחמנות אַ געפיל שטייגט-אויף, — אויף וועמען? אויף זיך אַליין אָדער אויף עמיצן אַן אַנדערן?

כ'דערינער מיך אָן נאָענטע, אָן פריינד, חברים, מיט וועמען איך האָב געטיילט ווייניק פרייד און אַ סך לייד, ליבע און האַס, האָפענונג און יאוש, — אָן יענע אַלע, מיט וועמען איך האָב מיך געטראָפן אויף מיין דערנערדיקן לעבנס-וועג, — און אַ געפיל פון זעלטזאַם-נאָגנדיקן בענקען פּאַסט-אום מיין האַרץ און זויגט אומדערמידלעך אויס די רעשטן זאַפט פון מיין נשמה. מאָדנע טייער איז מיטאַמאָל געוואָרן מיר אָט דער גיהנום פון לעבן! ווי וואָלט איך וועלן איצט צודריקן צום ברוסט אַ פריינד מיטן לעצטן „זיי געזונט!" — וואו איז ער אָבער, אָט דער פריינד?

ווי קאָנטראַסטנפול עס איז דאָס האַרץ פון מענטשן!

אומגעריכט פאַר מיר אַליין קער איך מיך אום צוריק — — —

איך קער מיך אום צוריק מיטן זעלביקן דערשלאָגענעם גע-מיט און שאַרפן צער אין האַרצן — — —

עס פאַלט צו די נאַכט. דער הימל ווערט אויסגעשטיקט מיט מילי-מיליאָסן זילבערנע שטערן, וואָס שימערירן ווי קינדערשע תמימותדיקע אויגעלעך. איך בין אָבער אַליין, אַ פאַרלאָזענער, אַ פאַר-צווייפלטער אין מיין ווינקל. עס שרעקט מיך דער שלאָף און עס פייניקט מיך די שלאָפלאָזיקייט... דער רעיון דער פאַטאַלער טויכט ווידער פון ערגעץ טיפעניש אויף און פייניקט האַרט... דאָס האַרץ קלעמט און קלאַפּט העפטיק און אָן אויפהער — — —

* * *

איך האָב מיך אַלץ געגרייט צום לעבן, און מיטאַמאָל איז

דער וועג מיינער ווי איבערגעהאַקט געוואָרן און איך בין געבליבן ניט אַהין און ניט אַהער — — —

פאַרצווייפלט און אומצופרידן מיט אַלעמען און אַלץ, וויל איך שרייען, פּראָטעסטירן, אָבער מיין געשריי ווערט מיט אַמאָל פאַרשטיקט, דערשטיקט און ווערט פון קיינעם ניט דערהערט, פון קיינעם — — —

און מיין פרילינג — מיין פרילינג גייט דערווייל אַריבער — — —

צי זאָל איך וואַרטן אויף אַ נייעם פרילינג? צי וועל איך אים דערוואַרטן זיך?

דער פאַטאַלער רעיון לאָזט זיך ווידער דאָ אין דער טיפעניש אַראָפּ און טויכט באַלד אויף צוריק, טויכט אויף און פייניקט מיך אָן אויפהער — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אוגעטשט (שערניגאָווער גוב.).

ווידער פרילינג.

דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג.

אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז אַ גאַנצע אייביקייט איז פון דע־מאָלט אָן אַוועק.

אַ פאַרכישופט־שיינע צייט געווען, אַ צייט פון ליכט און פרייד, פון צאַרטע לאָקנדיקע בלומען, פון רויזן, ליליעס, אימאָר־טעלן, פון העלע, ליכטיקע חלומות — — —

איך בין נאָך יעמאָלט יונג געווען, פול מיט לוסט און לעבן, פול מיט האָפענונג און גלויבן, און אויך די זון איז יונג געווען; עפּעס אַנדערש, שטראַלנדיקער, האָט זי יעמאָלט אינם לויטער־בלויען פרילינגס־הימל מילד און ליב געשיינט.

די גאַנצע לופט אַרום איז ריין און פריי און קלאָר און דורכזיכטיק געווען.

ס'איז אַ נייע וועלט געווען, אַ וועלט, וואָס איז אין רעכטן מיטן פון די ערב־פרילינגדיקע שטורעמס ווי דורך אַ כישוף גע־וואָרן ניי־באַשאַפן און האָט מיט יונגן פרילינגס־שטורעם פון זיך אָפּגעטרייסלט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָך צו איר געקלעפּט פון דער אַלטער פוילער וועלט פון קעלט און חושך.

די אויפגעפרישטע ערד האָט זיך יום־טובדיק געקליידט. ס'איז אויף איר אַ יום־טוב אַ ליכטיקער געווען, אַ יום־טוב פון אויפבלי, אויפלעב און באַנייאונג. ס'האָט אויפגעלעבט אי בוים און בלום, אי פעלד און וואַלד, אי באַרג און טאָל. דער מענטש האָט אויסגעגלייכט די גלידער די צעדריקטע און האָט מיט שטאָלץ זיין קאָפּ הויך אויפגעהויבן; נייע פרישע ווינטן האָבן מיט מונ־טערקייט געבלאָזן און ס'האָט אויפגעכאַפּט זיך פון זיין שלאָף דער

וואגנדיקער ליכטיקער געדאנק. אין הארצן פון די מענשן האָבן פרעכטיק אויפגעבליט די צאַרטסטע, איידלסטע, דערהייבנסטע געפילן — — —

ס׳איז געווען אַ יום־טוב פון ריינע ליכטיקע נשמות אינם ליבן לאַנד פון עֵדן, וואָס מ׳האָט אונז ווענן אים אין דער מעשהלע דערציילט...

און ווי פייגעלעך אין עֵדן האָט אַלץ אַרום מיט פרייד געזונגען... בוים און בלום און פעלד און וואלד, באַרג און טאָל און וואַסער, לופט און אַלע ברואים, ערד און הימל, — אַלץ, וואָס לעבט און וועבט, האָט אַ לויבגעזאַנג געזונגען צו דער נייער, דער באַפרייטער וועלט פון ליכט און לעבן, צו דער געגאַרטער וועלט פון זונען־שיין און העלע, ליכטיקע חלומות, צו דער וועלט פון ריינער שיינער ליבע! — — —

אַ פאַרכישופט־שיינע צייט געווען!

איך בין נאָך יעמאָלט יונג געווען, איך בין נאָך מונטער דאַן געווען! איך האָב געגלויבט, געהאָפט, געליבט, געשטרעבט, געפרייט זיך. אַ פרייד אַ מעכטיקע האָט זיך אין דער נשמה מיר צעגאָסן און ס׳האָט אין מיר געזונגען, פון זיך אַליין געזונגען אַ טיף־התפעלותדיקע ליד אָן ווערטער, אַ ליד, וואָס האָט געצויגן מיך און ערגעץ־ווייט גערופן, מעכטיק מיך גערופן, צו העלפן דער נאַטור ביי איר אויפבלי און באַנייאונג...

די אויגן די פאַרלאָשענע פון די שווער־באַלעסטיקטע, געדריקטע, פון די דערנידעריקטע און דערשלאָגענע האָבן פינקלען מיט אַמאָל גענומען, מיט פרייד, מיט ליבשאַפט און מיט צוטרוי־שטראַלן אָנגעהויבן. זיי האָבן איינער אינם אַנדערן ברידער באַלד דערקענט, חברים באַלד דערזען און אין אחדות זיך פאַרבונדן, אָפנהאַרציק זיך געטיילט מיט זייער שותפותדיקער לייד און פרייד; מונטער, פריש און חֶדוָהדיק האָבן זיי צוזאַמען זיך אין איין וועג געלאָזט, צו איין ציל אַוועק, צום הייליק־גרויסן ציל פון באַפרייען די געבונדענע, אין קייטן נאָך געשמידטע מאַמע־ערד.

אַלע זיינען זיי גליקליך דאַן געווען!

אויך איך בין איבערגליקליך דאַן געווען!

* * *

רעגנבויגנדיקע חלומות פון מיין יוגנט!
שיינער פרילינג פון מיין לעבן!
גאָר אומגעריכט גיך זייט איר פון מיר פאַרשוואונדן!

דער פרילינג האָט נאָך ניט באוויזן זיך איינגאַנצן צו צע־בליען און אַרויסצוגעבן זיין שענסטע, צויבערליכסטע פראַכט, און שוין פאַרכמאַרעט איז געוואָרן אין צפון־זייט דער הימל, באַלד אין מזרח און אין מערב און אין דרום,—וואָס ווייטער מער און מער, ביז וואנען דער גאַנצער הימל איז ווידער באַדעקט געוואָרן מיט גרויע, בלייאיקע און באַלד אויך מיט שוואַרצע וואָלקנס... פאַרשוואונדן איז די העלע פרילינג־זון. אַ חושך איז געוואָרן אויף דער ערד... ווידער האָבן זיך צעשפּילט די שוואַרצע כּוחות פונם צפונדיקן האַרבסט, און בייזע, נאַסע ווינטן, גיפטיקע און קאַלטע, באַלד אויך שניידיק־פראָסטיקע, האָבן זיך געטראָגן איבער דער נאָר־וואָס אויפגעבליטער ערד — — —

פאַרוועלקט, פאַרפראָרן איז געוואָרן אַלץ, וואָס גרינט, וואָס שפּראָצט און וואַקסט אין פעלד און וואַלד, אויף באַרג און טאָל דערשטיקט געוואָרן איז די בלום אין רעכטן בליען און געבויגן צו דער ערד דער הויכער, מעכטיקער און שטאָלצער בוים. פאַר־פראָרן איז געוואָרן די פייגעלע אויפן פלי און אַנטשטומט דער זיסער כאָר־געזאַנג — — —

אַ נאַכט, אַ לאַנגע חושכדיקע נאַכט, אָן אַ מינדסטן שטערנדל, אָן דעם שוואַכסטן שטראַל — — — אַ נאַכט, אַ לאַנגע נאַכט פון פראָסט און טויט, אָן אַ מינדסטן פייערל, אָן אַ האָפענונג פון לעבן — — —

ווי עמיצער אַן אומגעלומפערט גרויסער, איינגעהילט אין חושך, מיט בליקן ברענענדיקע מיט אַ בייז־באַשערטן להוטן פייער, אַ פייער פון אומבארחמנותדיקן שיגעון, און מיט אַ גרוילנדיקן אָטעם פון פראָסט און גיפט, וואָלט אויף דער טרויעריקער ערד פון ערגעץ בייזע וועלטן אַראָפּגעקומען און שניידט אַ שניט פון טויט, פון חורבן, זיים אומעטום נאָר שרעק און טרויער און טיפן

באַנגנדיקן יאוש... אַלץ קומט־אום פון זיין סם־המָותדיקן הויך, קיינמאָל ווערט ער גאָר ניט זאַט און לאָזט פון זיינע קראַלנדיקע פינגער ניט אַרויס די אומגליקליכע קרבנות, אויף וועלכע ער האָט אַן אויג געוואָרפן...

אַלץ וואָס לעבט האָט פון קעלט געציטערט און פאַר שרעק און האָט אַ מקלט זיך געזוכט, וואו נאָר ס'האָט געקאָנט...

דער מענש האָט זיך באַהאַלטן, טיף אַליין אין זיך באַגראָבן, פרעמד און קאַלט צו אַלעמען, צו אַלץ. פאַר זיך אַליין נאָר אויסגעזוכט אַ וואַרעם ערטל, איז ער שוין צופרידן, רואיק, און ווייטער מעג שוין אונטערגיין די וועלט, אָפט גרייט אַפילו אַליין דעם אונטערגאַנג צו העלפן — — —

ערגעץ־וואו גאַנץ טיף פאַרטאַיעט האָט זיך דער ליכטיקער געדאַנק און אַנטשוויגן איז געוואָרן דאָס געוואַגטע וואָרט... דערשטיקט געבליבן איז דאָס צאַרטע דערהייבענע געפיל און פאַראַליזירט — די העלע רייגע פון די דרייסטע — — —

עפּעס קאַלטס און גליטשיקס האָט גענומען אין דער נשמה קריכן, און מיט אַ בייז־בשורהדיקן ברום און ווי מיט עפּעס שאַרפע קראַלן האָט עס אין האַרצן און אין מוח ראַצן, גראַבלען אָנגעהויבן — — —

— — — אייביק, אייביק וועט די לאַנגע נאַכט פון טויט זיך ציען, אייביק וועט געדויערן דער חושך!!! — — —

— — — אייביק, אייביק — — —

אוי, גרוילנדיקער יאוש־וואָרעם!

ווי פאַרסמסטו מיר דאָס מאַרך אין קאָפּ, דאָס בלוט אין האַרץ! — — — —

אַלץ איז פאַרביי... פאַרביי די גאַנצע וועלט, פאַרביי, געשטאָרבן איז אויף אַלעמאָל דער פרילינג, אויס די רעגנבויגנדיקסטע, זוניקסטע חלומות, די שענסטע דערהייבנסטע פאַרלאַנגען, די ליכטיקסטע האָפענונגען און גלויבן!

אַ סוף, אַ טרויעריקער סוף! — — —

* * *

אָבער וואָס איז דאָס געשען, אַזוי אומגעריכט געשען?...

שאַ!... שטיל! ווערט אַנטשוויגן, איר באַנגדיקע יאוש־גייס־טער! אַ ציטער, אַ מאָדנער צאַרטער ציטער איז מיר איבער לייב אַריבער... כ'האָב ערגעץ קלאָר אַ שאַרך פאַרנומען, אַ שאָרך פון העט־ווייס־ווייט... דאָס האָט, דאַכט זיך, די נאַכט געגעבן זיך אַ וויג! — — — באַלד האָט אויך אַ בת־קול פון ערגעץ אַ ווייטן קראַך אין מיין פאַרשפאַרטן תפיסה־שטייג פון פראָסט און חושך אָפּגעהילכט... דאָס האָט דער אייזנפעסטער פראָסט אַ קראַך גע־טאָן, אַן איבערבראָך באַקומען... דאָס איז דער ערשטער הילך פון דער פאַרשטיקטער ערד נאָך דער בייזער אימה פון דער לאַנ־גער ווינטער־נאַכט דער טויטער! — — —

אָרום מיר איז די ווינטער־נאַכט נאָך פעסט, די ערד איז נאָך אין אייז געשמידט, די לופט איז נאָך פאַרגליווערט פון שניידיק־בייזן פראָסט, די אויגן ווערן נאָך באַדעקט פון טיף־געדיכטן־חושך,—אָבער ערגעץ אויף דער וועלט, אינם נאָענט־ווייטן צפונדיקן־מזרח האָט די לאַנגע חושך־נאַכט געגעבן זיך אַ וויג און דער פראָסט — אַ קראַך — — — אָט נאָך אַ וויג, אַ צווייטער קראַך און באַלד אַ דריטער און אַ פערטער, און ס'איז אַוועק אַ קראַכן אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס און אָן אַ סוף — — — אָט הילכט מיר ווידער אָפּ אַ בת־קול און אַ צווייטער און אַ דריטער, און ס'איז אַוועק אַ בת־קול נאָכאַנאַנד און אָן אַ סוף — — —

איך זע ניט און איך הער ניט, נאָר איך שפיר, מיט אַלע חושים מיינע פיל איך, מיט אַלע נערוון, אַלע פיבערס פון מיין נשמה, דעם ערשטן לאַנג־געגאַרטן הויך פון פרילינג, פונם נייעם אומגעריכט אויפגעשיינטן פרילינג דאָרטן אין מיין ליבער הייס־געליבטער מאַמע־היים! — — —

זיי געגריסט מיר! — — —

חיל נע, 1917

ווען דער שיינער פרילינג איז געקומען.

ווידער איז געקומען דער ליבער גאַסט — דער אייביק־יונגער, הייס־געגאַרטער פרילינג! ווידער — לויטער־בלויע הימלען, פרישע לופט און בלענדיק־העלער זונענשיין! ווידער גרינען לאָנקעס, וועלדער, פעלדער; ווידער בליען בלומען; ווידער הילכן, שאַלן פרייע פייגל־כאָרן — אַ שירה גיסט זיך אין דער הייך און אין דער נידער — — —

אַלץ אַרום האָט אויפגעלעבט און גרייט זיך צו אַ נייעם לעבן — — —

אַלע פרייען זיך, אַלעמענס אויגן פינקלען, גלאַנצן מונטער מיט פרייד און מיט דערוואַרטונג אויף עפּעס פרישס, גוטס און שיינס. מיט אומגעדולד דערוואַרטן אַלע אַלץ נייערע, אַלץ בעסערע און פרייליכערע בשורות פונם ליבן גאַסט, וואָס איז מלכותדיק געקומען פון די ווייטע שיינע דרומדיקע לענדער — — — און אַלע גלויבן, האָפן שטאַרק און טיף — — —

אויך מיר, אייביקע וואַנדערער אין מדבר פון דער וועלט, האָבן אויף דאָס זעלביקע געוואַרט; אויך מיר האָבן געוואַרט אויפן ליבן יום־טוב פון דער אויפגעלעבטער וועלט. אָבער, פונקט ווי אַלעמאָל, איז אויך דעם מאָל אונזער וואַרטן גאָר עפּעס אַנדערש, ווי ביי אַלעמען, געווען. לא עליכם כל עוברי דרך — ניט פאַר אייך געדאַכט, איר אַלע אַנדערע וואַנדערער פון לעבן, אַזאַ דערוואַרטונג! מיט אומרו און מיט שרעק, מיט אַ ציטערדיקן האַרצן האָבן מיר דערוואַרט דעם אָנקום פון דעם ליבן בלומענדיקן גאַסט, דעם פאַרכישופט־שיינעם פרילינג... דעם גאַנצן שוואַרצן אומהיימליכן האַרבסט און דעם גאַנצן לאַנגן פראָסטיק־שניידנדיקן

ווינטער האָבן מיר אויף אים געוואַרט: וואָס פאַר אַ בשורות וועט ער אונז ברענגען? ווי וועט ער פאַר אונז אַריבער? יעדן יאָר און יעדן פרילינג גנבעט זיך אין די הייזער אונזערע אַריין, ווי אַ גיפטיק־בייזע שלאַנג, דער שרעק — די גוט־באַקאַנטע טויזנט־יאָרעדיקע אימה פאַרן מאָרגן, פאַרן היינט, פאַר דער באַלד אָנקומענדיקער רגע... אינדערפרי זאָגן מיר: אוי, ווען וועט שוין קומען נאַכט? און ביינאַכט גייען מיר אויס פון שרעק און בענקשאַפט נאָכן מאָרגן — — —

אַזוי איז דאָס אַלע יאָר געווען, און אַלע פרילינג. דעם לעצטן יאָר איז נאָך שאַרפער דאָס געווען:

די גוט־באַקאַנטע פרילינג־שלוחים האָבן זיך ווידער צעשפרייט איבער דער גאַנצער ערד — אויף אַלע וועגן און שטעגן, אויף באַרג און טאָל, אין פעלד און וואַלד, אין שטאָט און דאָרף, — צי פון אונטער דער ערד אַרויס, אָדער פון העט־ווייטע מקומות גאָר געקומען! מיט רעש און שטורעם זיינען זיי געקומען און האָבן געבראַכט די פרייליכע בשורה, אַז ער גייט שוין, אַז ער איז שוין נאָענט — דער לאַנג־דערוואַרטער, הייס געווינטשטער פרילינג! און אָט־אָט, נאָך אַ ווײַלע, איז ער אַליין שוין טאַקע אויך געקומען מיט זיין גאַנצער פרילינג־קאַפעליע, וואָס וועט, פונקט ווי אַלעמען, אויך אונז אַ סם־החיים ברענגען, אויך צו די וואונדן פון אונזער האַרצן אַ היילנדיקן באַלזאַם ברענגען — — —

מיר זיינען דאָך אויך קינדער פון דער זעלביקער נאַטור, — טאָ פאַר וואָס זאָל אונזער גורל זיין אַן אַנדערער? — — —

אָבער פונקט ווי אַלעמאָל, האָט ער אונז אויך דעם מאָל אָפגענאַרט און אויסגעלאַכט, אָט דער לאַנג־געגאַרטער גאַסט — — —

ער איז געקומען, דער ליכטיק־בלומענדיקער פרילינג, — און תיכף האָט זיך איבער אונז אויף אַ זייער־זייער גרויסן שטח צעראָפּגעלאָזן אַ משונהדיקע כמאַרע. קאַלט און חושך איז אומעטום ביי אונז געוואָרן. פאַרגליווערט און פאַרוועלקט איז געוואָרן יעדע בליאונג, יעדע לעבעדיקע בריאה, און אַנטשטומט זיינען פאַר אונז און ביי אונז געוואָרן די פרייע פייגל־כאָרן. אונזער לעבן האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט. בלויז ערגעץ טיף פאַרטאַיעט האָט זיך

אַ וואָרעם־פילנדיק, ליידנדיק האַרץ אין אַ פאַרשטיקטער און פאַר־שטאַרטער ברוסט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער שלוכץ פון דער אומשולדיקער טויב, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין די קראַלן פון אַ שפּאַרבער, און ס'האָבן זיך דערפילט די שטילע קאָנוואולסיעס פונם לאַם אין די ציינער פון אַ וואָלף — — — ס'האָט זיך געפילט דער שטיל־פאַרשטיקטער זיפץ פון האַרץ פונם אומשולדיקן קרבן פון דער וועלטס חטאים, וואָס איז באַוועוולט און באַרויבט אין אַלע צייטן פונם יאָר און נאָך מער — אין דער מילדער, זאַנפטער צייט פון ליבן, שיינעם פרילינג...

ווי שיין און צאַרט און מילד איז דער אייביק־יונגער מלכותדיקער פרילינג! ווי לויטער־בלוי איז דער הויכער סאַמעטע־נער הימל, און ווי העל עס שיינט די אומבאַפלעקטע זון אַראָפּ פון אויבן! און ווי פינסטער־קאַלט איז אונטן דאָ ביי אונז, ווי מיאוס־עקלהאַפט די ערד און שטיקנדיק די לופט! ווי שוידערליך עס איז דער פרילינג מיט זיין משונהדיקן שניי, וואָס שיט זיך ניט אַראָפּ פון אויבן, נאָר הייבט זיך אין זיגזאַגן אַלץ פון אונטן — אַרויף און אין דער ברייט, און מיט די קאַליזשעס זיינע קלעפּי־קער און רויטער פליסיקייט, וואָס מאַכט פול די לופט מיט שטיקנ־דיקן, סמענדיקן דאַמף, וואָס ס'וועלקן פון אים די יונגע צאַרטע פרילינג־בלומען און ס'פאַרחלשן און קומען־אום די שאַרן פרילינג־זינגער — — — ס'ציען זיך בלויז שוואַרצע מחנות געפליגלטע און אָנפליגלדיקע להוטע ברואים אויף מאָלצייטן פון בלוט — — —

* * *

פאַר וואָס איז פאַר אַלעמען דער פרילינג אַ מלאך מושיע, אַ האָפענונג, אַ טרייסט, בעת פאַר אונז ברענגט ער בלויז חורבן און פאַרטיליקונג, בייזן יאוש און טרויער אָן אַ סוף? ווער קען דעם סוד דערקלערן, וואָס דער פרילינג ווערט אַלעמאָל פאַר אונז מגולגל אין אַבֵלות, וואָס כמעט אַלע גרויסע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס אונזערע זיינען געשעען אָדער האָבן זיך אָנ־געהויבן אין פרילינג? און די קאַטאַסטראָפעס ווערן מיט יעדן

פרילינג אַלץ גרעסער און אַלץ מאַוויימדיקער— — — אפשר איז דאָס פאַר אונז אַ סימבאָלישע התראה, אַז ווען עס וועט — אם ירצה השם, באַחרית הימים — קומען דער גרעסטער און דער שענסטער, דער אמתער, דער ששת־ימי־בראשיתדיקער פרילינג, וועט מיט אונז אויך געשען די לעצטע און די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, וואָס פון איר וועלן מיר אינגאַנצן אונטערגיין? — — —

פּאַרוואָס איז אָבער דווקא אויף אונז און נאָר אויף אונז אויסגעפאַלן דער טראַגישער גורל אייביק צו זיין דאָס כפּרה־הינדל אין אַלע וועלט־היסטאָרישע געשעענישן און איבערקערע־נישן, אין אַלע צייטן פונם יאָר, און נאָך מער אין דער צייט פונם שיינעם, ליבן פרילינג? און פאַרוואָס קומט אונז אַזאַ סוף? — —

אין אַלע תקופות פון אונזער געשיכטע אין דער דיאַספּאָרע האָבן די שולדיקע אַלעמאָל אויסגעטראַכט, אָדער אויסגעזוכט, אַ טעם „פאַרוואָס" און אַן אויסרייד „פאַרוועןי"—און זיינען ביי זיך גערעכט געבליבן. צי קענען איצט אויך מיר אָן נשיאות־פּנים און אָן רחמנות צו זיך אַליין אויספאָרשן און אויסגעפינען די אמתע סיבה דערפון, כדי מיר זאָלן אויך קענען די אמתע גערעכטע בלייבן? און אפשר זיינען מיר טאַקע באמת אומגערעכט? — — —

נחפשה דרכינו ונחקורה! ...

אָבער צי וועלן מיר אין זיך געפינען גענוג אינעווייניקסטן כוח צו קענען מאַכן אַ חשבון־הנפש און איבערצושאַצן אַלע— אַלע ווערטן—די פרעמדע, ווי די אונזעריקע? — — —

אַ חשבון־הנפש גראָד אין דעם מאָמענט, ווען עס איז גע־קומען דער ליבער, שיינער, לאַנג־געגאַרטער פרילינג? — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווילנע, 23 ניסן תרע"ט.

האַרבסט-מאָטיוון.

מיין האַרציקן פריינד מיראָן
צוקערזיס — אַ מתנה.

האַרבסט — — —
און דאָ ניט לאַנג איז פרילינג נאָך געווען — — —
ווי גיך עס לויפט די צייט, ווי שנעל עס פליט דאָס לעבן!
יונג-פרילינג האָט ניט לאַנג געדויערט — כמעט אַ כהרף-עין! דערפאַר געדויערט לאַנג דער אַלטער האַרבסט, — ס'דוכט זיך, אַז ער וועט געווערן אייביק — — —

אַ לאַנגער כמאַרנער בין-השמשות האָט איינגעהילט די ערד און ציט-זיך, ציט-זיך אָן אַ גבול און אָן אַ סוף — — —
— — — טיפער — קאַלטער — חושכדיקער האַרבסט! — — —

ניטאָ קיין זון בייטאָג, קיין לבנה און קיין שטערן אין די נעכט... דער הימל איז געדיכט פאַרצויגן מיט אַ מין האָריקן און גרויען איבערצוג פון עק ביז עק און עס ציען זיך פאַמעליכן-פאַמעליכן אָן אויפהער פון אים אַראָפּ צו דער שוידערנדיקער ערד גאַנצע נעצן מיני קאַלטע שוואַרצע שטראַלן — — — לומפנאַר-טיקע און טונקל-גרויע כמאַרעס קריכן איבער שטאָט און דאָרף, איבער פעלד און וואַלד, איבער וואַסער און יבשה, — גע-קומענע פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום, — קריכן, קנוילן-זיך און שפּינען אַן אומגעהייערן נעפּל אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער הייך און ביז דער נידער — — —
שוואַרצע שאָטנס מאַכן פול די לופט אין רעכטן מיטן טאָג, ווי אין רעכטן מיטן נאַכט, מאַכן פול דעם וואַלד, דאָס פעלד, דעם

דאָרף און אויך די שטאָט מיט אומעט און מיט אומרו און מיט שרעק — — —

קאַלטע ווינטן הודזשען אויף די וויסטע פעלדער און אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע לאָנקעס... אַלץ, וואָס האָט ניט לאַנג געבליט, געלעבט, איז אין שטומען שרעק פאַרגליווערט — — —

נעלם זיינען געוואָרן די לוסטיק-זינגענדיקע פייגל-כאָרן און אַנטשטומט דער פרייליכער גערויש פון די כּל המינים לעבעדיקע יונגע ברואים, וואָס האָט פול געמאַכט די לופט מיט פרייד און לעבן. אין שטילן ווי און טרויער זיינען אויסגעגאַנגען די שיינע רויזן פון די טאָלן, און דער צאַרטער עדנדיקער ריח — זייער אויסגעהויכטער אָטעם — האָט זיך מיט די לעצטע זיפצן אויפגעהויבן צום פאַרשפאַרטן צאָרנדיקן הימל... די לעצטע געלעבלעטער פון די אָפּגעבליטעביימער האָבן זיך דורכגעשלייכט מיט ציטער און זיינען אויף דער ערד געפאַלן צו ווערן באַלד צעטראָטן — — —

מיט סמענדיקן ריח פון טויט און פוילעניש האָט אַ בלאָז געטאָן פון גאָרטן און פון וואַלד אין נעפּלדיקן טאָג און אין חושכדיקער נאַכט — — —

ס'האָבן באַלד געגומען ווייגען די באַטריבטע ווערבעס, די יונג-פאַרחושכטע בעריאָזעס און די אַלטע סאָסנעס, וויינען-קלאָגן ביטער אויפן אָפּגעסמטן לעבן...

אַ קאַלטער דורכדרינגלעכער רעגן האָט גענומען גיסן... געדיכט און שטיקנדיק איז די לופט געוואָרן... אַ חושך-אַפּלה האָט אַרומגענומען גאָר די וועלט — — —

ווי אָפּגעשטאָרבן איז דאָס גאַנצע לעבן און די ערד איז אַ טרויער-טאָל געוואָרן — — —

* * *

אַ טרויער-טאָל איז די ערד געוואָרן — אַ טאָל פון פּגרים, פון טויטע פלאַנצן און פון ברואים טויטע — טויטע פון דער פאַרסמטער לופט פון טיפן בייזן האַרבסט — — —

אַ בית-עולם-שטילקייט דרינגט די גאַנצע לופט אַדורך,

ווארפט אן אימה אָן אויף דער צעטרייסלטער נשמה — — —
א בית־עולם־שטילקייט אין א נאכט פון הארבסט — — —

ס׳איז, דאכט זיך, מער שוין גאָר קיין טאָג נישטאָ, — עס הערשט נאָר בלויז א לאנגע־לאנגע קאַלטע אימהדיקע נאכט. — — — ס׳הערשט א בייזער שרעק, וואָס מאכט גליווערן דאָס הארץ — — — קיינער ווייס ניט, וואָס ס׳דערוואַרט אים מאָרגן, היינט און אין א שעה אַרום... אין דער פרי איז מען מתפלל — עס זאָל ווערן נאכט, און אינם חושך פון דער לאנגער פּחדימדי־קער נאכט בעט מען רחמים — ס׳זאָל וואָס גיכער ווערן טאָג — — — פון דרויסן אָן רחמנות שניידט אויף רעכטס און לינקס א שניט פון טויט און חורבן דער פלאַמענדיקער וואנדלענדיקער שווערד און אינעווייניק הערשט אן אימת־מות פון לעבנס־פּאַדים־צינדגדיקן הונגער און פון בייזע קרענק, פון פארלענדונג און פון שאַנד — — —

אַלץ, וואָס בליט פון הימלס־ליכט, איז פארוועלקט און אָפּ־געטויט; אַלץ, וואָס ערליך איז און גוט, וואָס אַרבעט, שאַפט פון פרי ביז נאכט, איז אַכזריותדיק פארשטיקט, דערשלאָגן... אויפן משמר איז אַרויס אַלץ, וואָס בליט און לעבט אין חושך פון דער נאכט; אויף געיעג זיינען אַרויס די שווארצע טוער פון דער שווארצער נאכט פון הארבסט, — די גבורים פון פארוויסטונג, וואָס האָבן מורא פאַר דער ליכט פון טאָג, וועמען די חושכדיקע נאכט איז א געטרייע מאַמע, וועמען שאָפערישע אַרבעט איז א סם־המות — — —

און די דאַנטישע מחבלים פון דער פארפלוכטער נאכט אין הארבסט האָבן זיך גענומען אויסלוגן אַלץ וואָס מער קרבנות, זיך אונטערגנבענען פון היגטן דאָרט אַרום אויף אָפּצוטאָן א בייזע זאַך, צו פארפייניקן און אומברענגען לעבעדיקע לעבנס, דעם כבוד צו באַרויבן פון טויבן־ריינע הייליקע נשמות...

באַלד איז די בית־הקברות־שטילקייט פון דער שווארצער לאנגער נאכט פון הארבסט גאַנץ צעשטערט געוואָרן... א בייזע חוכה וטלולה האָט דעם טרויערטאָל פארטויבט, א חוכה וטלולה פון די נאכט־לצים, וואָס האָבן דאָרט א שדים־טאַנץ געטאַנצט־

איבער די תחנונים און די לעצטע קרעכצן פון די פאַרפּייניקטע און גוססע קרבנות פון דער וועלטס חטאים און איבער דעם גע־זיפץ און דעם געיאָמער פון די פאַרבליבענע אויף בייע פּיין און שאַנד — — —

משונה־ווילד געוואָרן זיינען די מענטשן דאָרטן דרויסן און פאַרסמט־משוגע — די מענטשן דאָ דערינען... דאָרטן האָבן זיי די הייליקסט־געטליכע און עדלסט־מענטשליכע געבאָטן לגמרי גאָר פאַרגעסן, און דאָ האָבן די איטליכן פונק האָפענונג פאַרלאָרן, יעדן ניצוץ טרייסט — — —

אוי שומר מה מלילה? ווי לאַנג וועט נאָך געדויערן די פּחדימדיקע נאַכט? ווי לאַנג וועט נאָך געווערן דער קאַלטער סמענדיקער הארבסט? צי וועט אַמאָל ביי אונז כאַטש עטוואָס ליכטיק־וואַרים ווערן? צי וועלן מיר דעם לאַנג־געגאַרטן, האַרציק־הייס געווינטשטן פרילינג זיך דערוואַרטן?

* * *

צי וועלן מיר, — צי וועל איך נאָך דעם הייס־געגאַרטן פרילינג זיך דערוואַרטן?

ווי ליב איך האָב דיך, אייביק יונגער, אייביק שיינער פרי־לינג! אין רעכטן טיפן שוואַרצן עקלדיקן הארבסט בענק איך הייס נאָך דיר, דו ליבער מלאך פון גן־עדנדיקע וועלטן, גייט מיר אויס מיין האַרץ נאָך דיר!

איבער מיר — אַ הימל איינגעהילט אין שוואַרצע כמאַרעס, אַרום — אַ וואויען פון בייזע שטורעמדיקע ווינטן, רוחות רעות, אַ גרוויליקער געבריל פון הונגעריקע בלוטדאָרשטיקע חיות, — און איך, פאַרפאַלענער פאַרגאַפטער בעל־חלומות, האָף און וואַרט נאָך אויף אַ בייעם פרילינג, אויף אַ העל־זוניקן און לויטער־בלויען הימל, אויף אַ בלומענדיקער וועלט פול גליק און פרייד און לויב־געזאַנג — — —

די שאַרן ליבע זינגפייגעלעך האָבן לאַנג שוין מיין באַ־טריבטע לאַנד פאַרלאָזן, — און אין מיינע אויערן קלינגט נאָך ווי

אַ װידער־קול די שירה פונם פרילינג פון מײַן לעבן און מאַכט מיך אָן מײַן הײַנט פאַרגעסן — — —

פאַרשװאונדענער און רײצנדיקער חלום פון מײַן לעבן! װי װײַט דו ביזט פון הײַנט מײַנעם און דאָך װי נאָענט! פונקט װי דאָס װאָלט דאָ ניט לאַנג גאָר, נאָר־װאָס גאָר געװען!

אַ יונגער מלכותדיקער פרילינג מיט אַ ששת ימי בראשית־דיקער זונען־קרױן אױפן פריש־געלאָקטן קאָפּ, אײַנגאַנצן אײַנגע־הילט אין שטראַלן, — דער מלאך פון יצירה. איבער װאַלד און פעלד, איבער באַרג און טאָל האָט ער מיט גרױס שפע אױסגע־זײט דופטנדיקע בלומען, מיטגעבראַכטע פון גן־עדן, און האָט אױך מיטגעבראַכט די שײנע רײנע בלומענדיקע ליבע — — — האָ־פענונג און מונטערקײט האָבן אױפגעבליט אין האַרצן און אַ גלױבן, אַן אמונה שלמה איז אױסגעװאַקסן און אַדורכגעבליצט דורך די ליכטיק־שטראַלנדיקע אױגן, אַן אמונה אין אַ װעלט, װאָס איז דורך און דורך נאָר ליכט און גוטס, לעבן און געזאַנג — — — און פון אינעװײניקסטע פריש־שפּרודלדיקע טיפסטע רײנסטע קװאַלן זײַנען נײַע כּוחות אױפגעשטיגן, מעכטיקע און לעבעדיקע כּוחות, און אַ געװאַגטקײט אַ שײנע, אומבאַגריפענע, אַ גרײטקײט אױף מסירת־נפש פאַרן אײביק־אײנציקן אמת פונם װעלטאַל, פאַרן אמת־װאָרהײט, װאָס איז אױך דער אמת־יושר, די אײנציקע גערעכ־טיקײט פון לעבן — — —

אָבער — גאָט מײַנער! — דאָס איז דאָך בלױז געװען אַ חלום, אַ מיראַזש אין מדבר פונם טרױעריקן לעבן, אַ פאַרפירע־רישע ליכט! װילדע שטורעמס זײַנען אומגעריכט פון ערגעץ פינס־טערע פאַרשטיקטע ספערן אָנגעפלױגן און האָבן מײַן חלום מיר צע־ריסן, אָװעקגערױבט מײַן פרילינג, מײַן אָן אַ סוף און אָן אַ גבול גע־ליבטן פרילינג, װי דעם אומגליקליכן טאַנטאַלוס, העט־װײַט ערגעץ אין אונטערערדישע מדינות אים פאַרטראָגן,— אָװעקגערױבט דעם חלום פון מײַן פרילינג, דעם אײנציק־שײנעם חלום פון מײַן לעבן! — — —

איך האָב אױך קײן זומער נישט געהאַט, — איך בין בײַם האַרבסט געבליבן — — —

ניטאָ שױן מער די שטראַלנדיקע יונגע זון, ניטאָ שױן

מער דאָס פריידיקע געדויש פונם יונגן פרילינג, ניטאָ שוין מער די כישופדיקע ריחות פון די צאַרטע ערדיקע בלומען — — —
דאָס איז געווען בלויז אַ כהרף־עינדיקער חלום. אַ חלום איז געווען דער פרילינג, — ניט קיין חלום אָבער איז דער כמאַרנע־חושכדיקער האַרבסט! ניט קיין חלום איז דער שטילער נאָגנדיקער טרויער!

דער קאַלטער האַרבסט האָט מיט אַכזריות מיר אין האַרץ געעפנט אַלטע וואונדן, אויפגעוועקט דאָרטן דעם טיפן צער און דעם שאַרפן ווי — — —

וואו זייט איר, ליבע ווייסע פרילינגס־נעכט? וואו זייט איר, זיסע טרעלן פון פרילינגס נאַכטיגאַלן? וואו זייט איר, פרייע פרילינג־זינגער? וואו זיינען אַהינגעקומען אייערע געוואַגטע פרייהייטס־לידער, אייערע צאַרטע ליבע־לידער? — — —

שטאָק־חושך רונד אַרום... איך זע קיין וועג נישט מער; איך האָב קיין ליכט נישט צו באַלייכטן מיר דעם וועג. מיין ווייט פייערל, וואָס האָט צו מיר אויף איין כהרף־עין זיך אַזוי דערנענטערט, איז אין צווייטן כהרף־עין פון מיר אַוועק נאָך ווייטער. מיין ליב שיין שטערנדל האָט שוין מער קיין כח נישט דעם חושך צו צערייסן — — —

פאַרשוואונדן איז מיין תמימותדיקער גלויבן, דער גלויבן פון מיין צאַרטער יוגנט,—פאַרשוואונדן איז מיין חלום, דער חלום פון מיין לעבנס־פרילינג — — —

און עס וויינט און ווייטיקט מיר מיין האַרץ, פייניקט זיך פון בענקשאַפט און פון צער — — —

עס קנוילן איבער מיר זיך די גרויע און באַלד אויך די שוואַרצע כמאַרעס, קנוילן זיך און שרומפן־זיך און וויינען־מיט מיט מיר מיט האַרבסטיק־קאַלטע גליווערנדיקע טרערן — — —

צי וועט שוין דען באמת מער ניט זיין קיין פרילינג? צי וועל איך אים שוין מער זיך ניט דערוואַרטן? צי איז מיין ליד שוין אויסגעשפּילט און דאָס ליד פון האַרבסט — דאָס וועט שוין זיין מיין שוואַנענליד? — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גייט אום אַ מענטש.

גייט אום אַ מענטש אַן איינזאַמער פאַרטראַכט צווישן מיר־יאַדן מענטשן גאָרנישט טראַכטנדיקע, — גייט איבער טראָטואַרן אום, וועגן לאַנג שוין אויסגעטראָטענע, — גייט אום און ווערט געשטויסן פון די הינטנגייענדיקע, פון רעכטס און לינקס געשטויסן, אַהין־אַהער געוואָרפן, געדריקט־געשטיקט פון אַלעמען אַרום. גיט ער באַלד זיך אָבער אַ רייס־אויף, ווי פון אַ קאָשמאַרן־שלאָף זיך אויפגעריסן מיטאַמאָל, און נעמט מיט די עלנבויגנס, מיט אַלע אָנגעשטרענגטע מוסקלען אָפּשטויסן דעם דראַנג און זיך אַרויס־רייסן פון קלעם,—ווערט אַרום אַ חוכה־וטלולה אַ געשייטע:

— אויך דו, פאַרטראַכטע שעלמע, אַרבעטסט מיט די עלנ־בויגנס דיינע, מיט מוסקלען אָנגעשטרענגטע, און פרובסט דעם דראַנג אונזערן שטערן?!

און אַ געדראַנג אַ נאָך פיל שטאַרקערער פאַרשליסט נאָך פעסטער אים אין קלעם.

ער טראַכט גאָר אָבער ניט וועגן אונטערגעבן זיך. ער טראַכט נאָר, ווי אַ וועג פון דעם ווילדן מענטשן־פּלאָנטער און פון דעם אומזיניקן געדראַנג אַרויס צו זוכן און געפינען. שטאָלץ איז ער גאַנץ טיף אין זיך און וועט פאַר קיינעם זיך ניט בייגן. ער מוז אַ וועג געפינען, ער מוז זיין וועג געפינען?

און ער רייסט זיך ווייטער אויף דער פריי.

באַלד אָבער איז ערגער נאָך געוואָרן.

די מענטשן־מאַסע, וואָס האָט פאַרויס־געדרענגט, האָט ווי פון אַ מין אומפאַרמיידליכער סטיכיע אַן אומגעריכטן קעגנשטויס באַקומען און האָט דערלאַנגט אַ פאַטאַלע אָפּכוואַליע אויף צוריק...

און עפּעס שרעקליכס איז געשען: לעבנס מענטשליכע אָן שיעור, לעבנס אַלטע, לעבנס יונגע, פריש-צאַפּלדיקע לעבנס זייַנען אָן אַ ציל און אָן אַ זין צעטראָטן ווי ווערים עלנטע געוואָרן אין רעכטן מיטן העלן טאָג. אַ מהומה, אַ פאַרלאָרנקייט, אַ טויט-בהלה... אויגן ווילד אויסגעגלאָצטע פון יאוש, משוגעת, און אײַנרײַסנדיקע מאווימדיקע קולות ביזן הימל...

— ניטאָ קיין וועג! ניט פאָרויס און אויך ניט אויף צוריק; ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס; בלויז אומקום אויפן אָרט, — האָט געיאָמערט און געקלאָגט דער יאוש.

— ניט פאַרצווייפלט! — האָט אויסגערופן הויך דער צופעליק גאַנץ פאַרבליבענער אײַנזאַמער פאַרטראַכטער מענטש. — אַ וועג איז דאָ, איז זיכער דאָ! אַ וועג אַ נייער, לחלוטין נאָך ניט אויסגעטראָטענער, נאָר מ׳דאַרף, מ׳מוז אים זוכן, מיט געדולד מיט אײַזנפעסטער זיך באַוואָפּענען און אָן ראַסט און רו אים זוכן! וועט איר זוכן אים, דעם וועג, וועט איר אָן ספק אים געפינען! איר זייט אָבער פאַרזאָושט און פאַרלאָרן, איר האָט דעם קלענסטן ווילן ניט צו זוכן נייע וועגן, — וועל איך גיין זוכן, פאַר אַלעמען פאַר אײַך וועל איך גיין זוכן!

און עס גייט אום און זוכט דער מענטש, דער פון אַלעמען פאַרשטויסענער, גייט אום און זוכט פאַר אַלעמען דעם וועג.

גייט אום אַ מענטש —

II. צווישן רויכערדיקע חורבות.

אַ מוטערס קלאָג.

(כמו אַ פאָלקס־מאָטיוו)

וואו — ביזטו, מיין זונעניו,
איינציק קינד מיינס — מוניעניו?
אויף וואָסער באַרג, אויף וואָסער פליין
איז פאַרשוואונדן דיין געביין?

איך גיי־אום וואַלד אויס — וואַלד איין,
פון פעלד אַרויס, אין פעלד אַריין, —
איך זוך און זוך דיך טאָג און נאַכט
און ווער ניט מיד, ניט אָפגעשוואַכט.

אָט בליצט־אויף פאַר מיר אַ שטראַל
פון האָפענונג און גלויבנס־קוואַל:
איך וועל דערלעבן נאָך צו זען
מיין יתום קומען פון דעם „פליען"...

נאָר ס'געווערט איין אויגנבליק —
טיפער יאוש קומט צוריק.
ס'אַ פאַרבלענדניש — וויי און ווינד!
כ'שפיר — פאַרלאָרן איז מיין קינד!

פאַרלאָרן — — — ווייט פון טאַטנס הויז,
פון מאַמעס אויג, פון מאַמעס שויס,

אין אַ העק אויף פרעמדער ערד
געפאַלן פונם שונאס שווערד.

מיין קינד, געמאָסטנס און געוואויגנס
און מיט האַרציקייט דערצויגנס—
ליגט אין בלוט איצט און אין שטויב,
פאַר חיות רעות צו אַ רויב — — —

* *
*

ווי לאַנג נאָך האָב איך דיך געוויגט
און מיט לידער פאַרגעניגט!
בייטאָג אויף דיר מיט ליב געוואַכט,
ביינאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

מיט ציטער-פלאַטער מיר מיין האַרץ
האָט געצאַפּלט אויף דיין שמאַרץ;
איך האָב דיין קלענסטן וויי געשפּירט
און טיף אין האַרץ געוועץ גערירט.

מיין בליק האָט תמיד דיך געגלעט,
מיט אַן אָנווערטערדיק געבעט
צום הימל וועגן דיר געווענדט
צו שירמען דיך פון בייזע הענט.

פון יעדן בייז געהיט דיין גוף,
דיין זיל, דיין נאָמען, דיין באַרוף;
מיט כּל הסגולות דיך געהיט, —
נאָר—וויגד און וויי!—ניט איינגעהיט!...

* *
*

כ'האָב אויפגעצויגן דיך — אַ בוים,
פאַר גאָט און לייט אַ בענטשונג-בוים;

איך האָב געמיינט: סט׳אַ שוץ מיר זיין
אין צייט פון שטורעמס, פלאָג און פיין.

ס׳אַ חלום אָבער בלויז געווען:
כ׳האָב מער מיין קינד שוין ניט געזען — — — —
אַ מאַמע האָט קיין רעכט ניט אויף איר קינד, —
אַ פרעמדער קומט און שחט עס ווי אַ רינד...

* * *

אוי, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, גוטע לייט:
וואָס ווייסט איר פון דעם בלוטן-שטרייט?
אפשר האָט איר וואָס געזען,
צי געהערט, וואָס ס׳איז געשען?

ווייסט איר עפּעס פון מיין זון —
מיין אויג אין קאָפּ, מיין העלע זון?
אויף וועלכן באַרג, אויף וועלכן פליין
איז פאַרשוואונדן זיין געביין?

איך גיי-אום וואַלד אויס — וואַלד איין,
פון פעלד אַרויס, אין פעלד אַריין, —
כ׳זוך און זוך אים טאָג און נאַכט...
פון פיין, פון יאוש — האַרץ מיינס קראַכט...

אויף דער גאַנצער וועלט אַליין
בין איך עלנט ווי אַ שטיין;
טאָג און נאַכט איך וויין און וויין,
באַוויין, באַקלאָג מיין קינדס געביין...

— — — — — — — — — — — — — —

פון טרויער — אַ שמחה.

(דערציילונג פון אַן אלטן חסיד).

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן;
יְהוּדִי הֶחָלָל — הֶאָח, לֹא קָרָה אָסוֹן!

יהל״ל.

...בכן זאָגן זיי, אַז מיר גנבענען ביי אָרימע פויערים זייערע קינדער און שחטן זיי, בכדי צו קנעטן מיט זייער בלוט אונזערע מצה.

דאָס איז דאָך אָבער מער ניט ווי אַ שטות אַזוי צו זאָגן. צי דען האָבן היינט די פויערים־קינדער בלוט?

איצט באַשולדיקט מען אונז, אַז מיר געברויכן בלוט פאַר די באַדערפעניש פון אונזער דת... אָבער דער גאָט פון ישראל איז אַן אל רחום וחנון.

איר, יונגע, גלויבט ניט? וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה שהיה.

...דאָס איז געוועזן מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק.

ס׳איז געקומען דער ליבער פסח־לעב. די זון האָט אַ ליבע ליכטיקייט אויף אַלץ געגאָסן. ערגעץ האָט זיך שוין אַ בליאונגל באַוויזן. אַ נחת איז געווען צו זיצן ביים אָפענעם פענסטער און פאַרטיפן זיך אין זכרונות פון פאַרצייטן, ווען מיר זיינען געווען קנעכט ביי פרעהן אין מצרים, בעת איטליכער מנוול איז געוואָרן איבער אונז אַ ראש און האָט אונז געשטיקט און געוואָרגן,—און

אַט פלוצלינג איז געקומען דער גואל, משה בן עמרם, און מיר זיינען באַפרייט געוואָרן, און קיינער האָט אונז שוין מער ניט געדריקט, קיינער האָט שוין מער אונז ניט געוואָרגן...

איך זיץ מיר אַזוי און מיינע לעפצן מורמלען אַ שבת צו גאָט, — פלוצלינג פליט אַריין אין שטוב, ווי אַ פייל פון בויגן, דער שמש פון שול. זיין פנים איז ווייס ווי קאַלך, די האָר פון זיין קאָפּ גליטשן זיך אַרויס פון אונטער דער סאַמעטענער יאַרמל־קע און שאָקלען זיך אין די זייטן.

— וואָס אי׳ געשען? — פרעג איך

— גיי צום רב, גיכער גיי, לויף צום רב. ס׳איז אַן אומ־גליק געשען!

— וואָס האָט געטראָפן? דערציילט!

אָבער דער שמש איז שוין ניטאָ. כהרף־עין איז ער אַרויס־געלאָפן פון שטוב שרייענדיק:

— אַ גרויס אומגליק, — אייל זיך צו!

תיכף האָב איך אָנגעטאָן די זשופּעצע און בין אַוועקגעלאָפן צום רב.

אַנטקעגן איז מיר אַרויס דער אַלטער רב בכבודו ובעצמו. זיין פנים איז ווייסער פאַר זיין שניי־ווייסער באָרד. זיין אַקסל, וואָס איז געבויגן געווען פון דער שווערער משא פון די איבער־געלעבטע צייטן, איז נאָך מער איינגעבויגן געוואָרן. די לעפצן זיינע מורמלען עפּעס אומפאַרשטענדליכס, מסתמא איז דאָס אַ שטי־לע השתפכות־הנפש געווען, אַ תפילה בלחש צום בורא ברוך הוא. איך פרעג אים מיט אַ ציטער:

— אפשר איז ביי אייך, רבי, עמיצער נפטר געוואָרן?

דער רב האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט מיט אַ ציטערדיקן קול געזאָגט:

— הלוואי וואָלט געשען בלויז אָט דאָס! דאָס דאָזיקע אומ־גליק, אויב עס וואָלט פּאַסירט אין מיין הויז, וואָלט ביי מיר פאַר אַ גליק גערעכנט געווען קעגן דאָס, וואָס ס׳איז איצט דאָ געשען.

— וואָס־זשע איז פאַרט געשען, רביניו?

— אַ צרה איז געקומען אויף ישראל, מיין קינד... אין

וואַלד נעבן שטעטל האָט מען אַ קריסטליך מיידעלע געפונען — מיט אַ געקיילעטן העלזל.

אין דער ערשטער רגע איז מיין האַרץ אין מיר פון אימה פאַרגליווערט געוואָרן. צו געפינען אום פסח אַ קריסטליך קינד מיט אַ געשאָכטענעם האַלז!

— וואָס־זשע זאָל מען איצטער טאָן? — האָב איך מיט שוואַכע לעפצן געפרעגט.

— דעריבער טאַקע האָב איך עס דיך און נאָך אייניקע טובי העיר געשיקט רופן, כדי זיך מיט אייך אַן עצה צו האַלטן.

באַלד זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע גערופענע, אַלץ בכבודיקע לייט, מיט אַ שיינעם נאָמען, און די גרעסטע עשירים פון שטעטל.

איך בין געוועזן דער ראש־המדברים:

— יידן! אַ גרויס אומגליק איז אויסגעפאַלן אויפן קאָפּ פון פאָלק ישראל. בוודאי איז זיכער. אַז סוף־כל־סוף וועט דער אמת מנצח זיין, מחמת מיר האָבן אַ גרויסן אַלמאַכטיקן גאָט, וואָס טוט גרויסע מעשים, ניסים ונפלאות. אָבער איידער עס וועט קומען די רגע, ווען דער אמת וועט מנצח זיין, איז דאָך מיגליך, אַז עס וועט זיך, חלילה, אָנהייבן אַ שחיטה... בכן מוזן מיר תיכף־ומיד אָננעמען די געהעריקע מיטלען.

— מ׳דאַרף גיין צו די שררות! — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע מיר איבערגעריסן די רייד.

— ווי־זשע וועט איר עס גיין אָן געלט? — האָט געפרעגט דער רב — מטלטל זיין געלט אום יום־טוב איז דאָך אַ דבר האסור מחמת מוקצה, און מיט ליידיקע הענט קאָן מען דאָך ניט קומען צו זיי...

— אויב אַזוי, טאָ קומט, מיר׳ן דאָך גיין!

אַז מיר זיינען אַרויס פון שטוב, האָבן די שמאָלע געסלעך פונעם שטעטל געווימלט מיט גויים.

עס האָט זיך געהערט דער קלונג פון צעשמעטערטע שויבן... ווילדע קולות און געפילדער:

— די זשידעס האָבן די מיידעלע געשחטן!

— איר בלוט האָבן זיי פון איר אויסגעזויגן!

— שלאָגט!...

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין אַ וואָסער פינף טריט, — האָבן זיי אונז שוין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

— אָט זיינען זיי געקומען! — האָבן זיך געהערט קולות פונם המון.

— זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן! כאַפּט זיי, ברידער!

— פירט זיי צום טויטן קערפּער פון דער דערהרגעטער מיידעלע. דאָרטן, אויפן אָרט פונם פאַרברעכן, וועלן מיר באַשטראָפן די מנוולים...

און דער המון האָט אונז אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד.

איינער האָט געוואָרפן דעם רב אַ שטיין אין קאָפּ, און בלוט האָט גענומען אַראָפּרינען איבער זיין בלייכן פּנים, אויף זיין שניי־ווייסער באָרד...

מיר האָבן אויף זיך אונזערע קליידער צעריסן. פון אַלע זייטן האָבן זיך אויף אונז קלעפּ און שטיינער געשאָטן.

— דער סוף איז געקומען, ברידער! — האָט זיך צו אונז געווענדעט דער רב—זייט זיך מכין! הייבט אויף צום הימל אייערע אויגן און זאָגט ווידוי, כּדין.

שטיל האָבן מיר אָנגעהויבן ווידוי זאָגן.

נאָר אָט האָט זיך דערזען דער וואַלד. צווישן די ביימער האָבן מיר געזען עטליכע „דעסיאַטניקעס“, יעדערער מיט זיין גרינעם בלעכל אויף דער ברוסט.

נעבן אַ בוימל האָבן מיר באַלד דערזען אַ טויט קערפּערל פון אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר אַכט. די קליידעלעך אירע זיינען אויף איר צעריסן געווען...

דאָ האָט דער אַלטער חסיד אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ רויטע, נאָר שוין אַן אָפּגעבלאַקירטע, קענטיק, אַ גאַנץ אַלטע פאַטשיילקע און האָט אָנגעהויבן מיט איר ווישן די טרערן פון זיינע אויגן.

— און וואָס איז געוואָרן דערנאָך? — האָט מען געפרעגט דעם זקן.

— דערנאָך... דערנאָך איז געוואָרן ששון ושמחה... ששון ושמחה... מיר זיינען־צו צו דעם קערפּערל... מיר שטייען און אונ־זערע אויגן זיינען אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד און מיר וואַרטן אויפן טויט!

און אַרום אונז שרייט מען, לאַרימט מען, פּילדערט מען:

— איר זעט? זיי שעמען זיך צו קוקן אין פּנים זייער קרבן. צוליב וואָס, זשידעס, האָט איר עס דערהרגעט דאָס דאָזיקע נפשל?

פּלוצלינג האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, ווי איך וואָלט הערן עפּעס אַ קול פון דער הייך רופט צו מיר:

— זע, גיב אַ קוק אויפ׳ן קערפּערל!

און איך האָב מיך איינגעקוקט, און נון... אַ שטראָם פרייד האָט אַרומגענומען מיין האַרץ, איך האָב דערשפּירט אַ מַעְיָן פון יענער טיפער האַרציקער שמחה, וואָס עס פילט אַ קדוש עליון בעת ער איז זיך מוסר נפש פאַר זיין גאָטס כבוד, פאַרן אמת, פאַרן כלל... אינם פּנימל פון דער דערמאָרדעטער מיידעלע — האָב איך דערקענט — שרהלען... מיין בת־יחידהלע, מיין ליב־האַרציקע שרהלען...

איר ווילט וויסן, וואָס עס איז געווען דער סוף? איך האָב עס דאָך אייך שוין געזאָגט: דערנאָך איז געוואָרן ששון ושמחה.

דער גאָט פון ישראל האָט ווידער געוויזן זיין גרויסקייט און זיין מאַכט, און אונזערע שונאים זיינען באַדעקט געוואָרן מיט שאַנד.

אַ גאַנץ פּסח האָבן ניט אויפגעהערט פרייד־געזאַנג, זמירות און טענץ פון די יידישע הייזער. איר פאַרשטייט דאָך אליין, ווי גרויס עס איז דאָס גליק ביי יידן, בעת מ׳געפינט אויף פּסח אין אַ וואַלד אַ מיידעלע מיט אַ געשחטענעם העלזעלע און אַז נאָכ־דעם ווערט קלאָר, אַז דער נאָמען פון דער דאָזיקער מיידעלע איז — שרהלע...

דער אַלטער חסיד האָט אויפגעהערט ריידן.

— און חוץ איר האָט איר קיין אַנדערע קינדער ניט גע־האַט? — האָט מען אים געפרעגט.

— ניין. ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט האָבן אַנדערע קינדער, אַז אין צוויי טעג אַרום נאָך שרהלעס טויט איז מיין אשה אויך געשטאָרבן. אַ נאַרישע אשה געווען. זי האָט בשום אופן ניט גע־קאָנט משיג זיין, אַז דורך שרהלען, אונזער טעכטערל, האָט גאָט אָפּגעטאָן אַ חרפה פון ישראל. די דאָזיקע צוויי טעג האָט זי ניט געגעסן און ניט געטרונקען און ניט אויפגעהערט צו וויינען. דער רב האָט איר געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער חטא צו פאַרשטערן די שמחה פונם כּלל, און זי...

דער זקן האָט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך מתעורר געווען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט גלייך, האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן:

— גרויס און דערהייבן איז דער גאָט פון ישראל!

די שניי־ווייסע באָרד זיינע איז געווען פייכט פון טרערן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

„אַך, די פינסטערע מאַכט"!...

אַ הערליך שיינער טאָג איז געווען יענער פּאַטאַלער טאָג אין דער שטעטקע טשייקישאָק. דער הימל איז געווען לויטער־בלוי און די זון האָט העל און מילד אַראָפּגעשיינט אויף דער צעבליטער פרילינגדיקער ערד. ליבע, מחיה־נפשותדיקע ריחות האָבן זיך אַי־בער דעם גאַנצן שטעטל געטראָגן פון די בעלי־גופימשע פּרוכט־סעדער און גרינסן־גערטענער. דער געצווישער פון די פייגלעך האָט פאַרהילכט די לופט. די אומאָפּהענגיקע נאַטור האָט געפייערט איר יערליכן יום־טוב פון אויפלעבונג און צוריקגעקערטער יוגנט — — —

די נאַטור האָט געפייערט איר יום־טוב, עס האָט געטרילערט אין דער לופט, — אין די געסלעך אָבער האָט געהערשט אַ שטילקייט אַ פאַרדעכטיק־שרעקנדיקע. זעלטענע דורכגייער האָבן זיך דורכגעשלייכט ווי איינגעשרומפּענע און זייגען גיך פאַרשוואונדן. שטיל איז אויך גע־ווען אינעווייניק אין די שטרוידעכערדיקע הייזקעס, ווי אַלע וואָלטן דעם אָטעם איינגעהאַלטן די שטילקייט ניט צו שטערן, צי מחמת דאָרטן ליגן אומעטום געפערליך קראַנקע אָדער מחמת מען דער־וואַרט עפּעס אומגעווייגליך שרעקליכס...

בלויז פון איין שטיבל הערן זיך מאָנאָטאָניש קלינגענדיקע שטימען פון קליינע קינדער, — פון ר' איצע דעם מלמדס חדר. ער לערנט מיט זיי די סדרה פון דער וואָך, פרשה „בחוקותי", און די פירכטערליכע קללות פון דער תוכחה, פון קינדערשע מיילכעלעך אַרויסגעקלונגענע, מאַכן אויפשוידערן די וואָס הערן זיי. און הערן זיי הערן אַלע איינוואוינער פון דער טל־ומטרדיקער שטעטקע, און

עס ציטערן ביי אַלעמען די הערצער, ווי עס ציטערן די ביימער בעת אַ שטורעמווינט...

מער פון אַלעמען הערט און ציטערט אָבער ר׳ איצעס טאָכ־טער — טייבקע. גאַנצענע טעג פון פרי ביז נאַכט זיצט זי אָפּ ביים פענסטער און קוקט פאַרטראַכט — פאַרטרויערט אין דער וויסטער גאַס אַריין, קוקט און ווערט ניט מיד קוקנדיק אַהין. ווער עס גייט פאַרביי און באַגעגנט זיך מיט טייבקעס בליקן, ווערט אויפגעטרייסלט ביז טיף אין דער נשמה און זעט וואָס גיכער צו פאַר־שווינדן. אַלע ווייסן טרויעריקע סודות, וואָס טייבקע ווייס ניט, און ווילן איר ניט אויסזאָגן, דען די אַנטפּלעקונג פון די סודות איז פאַר איר געפערליך: אַן איידעלע, אַ צאַרטע, אַ שטילע ווי אַ טויב איז „טייבקע דעם רבינס״, פּיזיש אַ שוואַכע און מיט אַ טיף פילנדיקן האַרצן.

אַלע ווייסן, אַז איר חתן און איר שוואָגער, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן אין דעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע, זיינען דערהרגעט געוואָרן שוין אין דער ערשטער שלאַכט ביי די מאַזורער אָזערעס, — אַלע ווייסן, אָבער פון איר באַהאַלטן זיי; אַפילו אירע עלטערן שטיקן זייער אומגליק אין זיך און לאָזן זי ניט מערקן עס. אַז איר שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט אין וויל־קאָווישק, האָט באַקומען די טרויעריקע בשורה וועגן דעם אומקום פון איר מאַן און פון איר צוקינפטיקן שוואָגער, האָט זי אַרויס־געלאָזט בלויז איין אויסגעשריי, איז אומגעפאַלן אויפן אָרט און שוין מער ניט אויפגעשטאַנען, — אויך דאָס האָט מען פאַרשטיקט פון טייבקען. אייגאייגציקע איז איצט פאַרבליבן טייבקע ביי איר פאָטער־מוטער, און זייער האַרץ האָט זיך געשראָקן, עס זאָל מיט איר ניט געשען דאָסזעלביקע, וואָס מיט איר שוועסטער.

און עס האָט געווינט־געקלאָגט ר׳ איצע לערנענדיק מיט די תלמידים זיינע די סדרה „בחוקותי״; עס האָט געשלוכצט און שטיל געשטיקט אין זיך די טרערן ר׳ איצעס ווייב חַיֶנָה, און עס האָט זיך אין זיך פאַרטיפט און נאָר פון צייט צו צייט געצוקט מיט די אַקסלען — טייבקע — — —

טייבקע האָט ניט געוואוסט, האָט פון קיינעם ניט געהערט

קיין זאַך וועגן איר חתן און איר שוועסטערס מאַן; אָבער איר האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט, זי האָט ווי אינסטינקטיוו געשפּירט, אַז עפּעס איז געשען ניט פריילעכס. זי האָט עס געשפּירט פון דער אויסערגעוויינליכער ווייכקייט צו איר מצד איר שטרענגען פאָטער און פון דער אויסטערלישער רואיקייט און פאַרזיכט אין דער האַלטונג פון איר אייביק אויפגערעגטער מוטער; זי האָט עס געשפּירט פון דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, וואָס שכנים און גלאַט באַקאַנטע מענטשן האָבן מיטאַמאָל גענומען אַרויסווייזן צו איר.

— טאַטע, זאָג מיר אויס, וואָס דו האָסט געהערט פון ראובנען און פון... פון אים... פון נַחמנען?

— איך האָב נאָך גאָר נישט געהערט פון זיי, טייבעלע מיין קינד! מיר וואַרטן פון טאָג אויף טאָג אויף אַ ידיעה. וועלווקע מירע־לאהס איז מיט זיי צוזאַמען אין איין ראָטע, און זיינער אַ חבר האָט געשריבן, אַז דער גאַנצער פאָלק זייערער איז אַריינגעפאַלן אין „פּליען"... פון „פּליען" לאָזט מען אָבער די ערשטע צייט ניט דורך קיין בריוו...

— מאַמע, זאָג מיר אויס, וואָס ווייסטו פון ראובנען און פון... נחמנען?

— קרוין מיינע! נשמה מיינע! איך הייב גאָר נישט אָן צו וויסן... אַלע זאָגן, אַז זייער גאַנצער פּולק איז אַריינגעפאַלן אין „פּליען", — נו, דאַרפן מיר האָפן און וואַרטן אויף אַ בריוו... די „הענט ניט געוואַשן" וועט געבן!...

און טייבקע קערט זיך אום צוריק מיטן פּנים צום פענסטער, וואָס צו דער גאַס, און צוקט מיט די אַקסלען און בייסט די ליפּן...

מיטאַמאָל האָט זי זיך גענומען באַזונדערס צוהערן צו דער תּוכחה, וואָס די קינדער האָבן ניט אויפגעהערט צו חזרן:

— וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם וּבְשַׂר בְּנוֹתֵיכֶם תֹּאכֵלוּ — און איר וועט עסן דאָס פלייש פון אייערע זין, און דאָס פלייש פון אייערע טעכטער וועט איר עסן...

מיטאַמאָל איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי אַ שלאַנג וואָלט איינגעביסן זי.

— וואָס איז דיר געשען, טייבעלע? — האָט ניט מיט

איר קול אויסגעשריען איר מוטער, וואָס האָט זיך אומגעשלייכט איבערן שטוב ווי אַ שאָטן.

— וואָס איז מיט דיר געשען, טעכטערל? — האָט מיט אַן איבערגעריסענער שטים אויסגעשריען אויך איר פאָטער און איז פון זיין לאַנגן חדר־טיש כהרף־עין צוגעלאָפן צו איר.

— גאָרנישט, מאַמינקע! גאָרנישט, טאַטינקע! די תוכחה האָט מיך אויפגעטרייסלט. פאַרוואָס, זאָגט, ליבינקע, קומט דאָס אונז באַשטראָפט צו ווערן זיבן מאָל מער ווי אונזערע זינד? פאַר־וואָס איז דאָס אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונז אַזאַ ניט־פאַרדינטע תוכחה? די חיות פון פעלד צעפרעסן די קערפּערס פון די זין און די חיות פון שטאָט צעפרעסן די קערפּערס פון די טעכטער...

— וואָס רעדסטו, טייבעלע? וואָס זיינען דאָס פאַר רייד? וואו האָסטו זיי געהערט? וויי איז מיר! אפשר טוט דיין קאָפּ דיר וויי?

— דאָס רייד איך פוןביידע תוכחהס, וואָס איך האָב זיי שוין געהערט פיל מאָל...

דער פאָטער איז צוריק אַוועק צום חדר־טיש און די מו־טער האָט גענומען זוכן מיטלען צו טייבקעס קאָפּ־ווייטאָג.

און טייבקע האָט ווידער זיך אַוועקגעזעצט ביים פענסטער און פאַרטיפט זיך אין אירע טרויעריקע מחשבות. ווי לאַנג איז זי נאָך אַ קינד געווען, מיט אירע חברטעס גלייך געשפּילט זיך און געחלומט וועגן דער צייט, ווען זי וועט אַ גרויסע זיין, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אַלע. ווער אין די גרויסע שטעט אַוועק, ווער קיין אַמעריקע, קיין אַפריקע. זי איז אַ בייטערין געוואָרן אין דער אומעדיקער שטעטקע. האָט געהאָרעוועט יאָרן לאַנג פאַר די מייד־לעך פונם שטעטל און פאַר די שיקסעס פון די דערפער, און ניט געקאָנט אויסצאָלן אַפילו דעם אַגענט פאַר דער מאַשין. איר גאַנ־צע פראַצע איז פאַר דער שטוב אַוועק: דעם טאַטנס מעמד איז די לעצטע יאָרן גאָר שוואַך געוואָרן. זי האָט פיל מאָל גענומען „קלייבן", אָבער ס'איז איר קיינמאָל ניט געלונגען עפּעס „אָנצו־קלייבן". איז זי געבליבן — אָן נדן, אָן אַ גאָב, אָן אַן אויסשטייער. וואָלט זי, ווי אַ סך פון אירע חברטעס, כאָטש אין אַ גרויסער

שטאָט אַוועק, קיין ווילנע אָדער כאָטש קיין קאָוונע, — וואָלט זי אין אַ ווארשטאַט אַן אַרבעטערין געוואָרן, וואָלט זי אַ מענטש מיט אַלעמען צוגלייך געוואָרן. האָבן טאַטע-מאַמע זי פון זיך ניט אָפּגעלאָזן פון מורא פאַר דער גרויסער שטאָט, און איר אַליין האָט אויך מוט פאַרפעלט צו פאַרלאָזן זיי עלנט און אַליין. זי פאַרשטייט אָבער אַליין ניט, פונוואַנען איז צו איר אַ מאָדנער „גייסט" געקומען, וואָס האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון פאַרצווייפלונג. זי איז אומגעריכט מאָדנע לעבעדיק געוואָרן און האָט זיך מיט אַן אומגעשטילטן דורשט אַרויפגעוואָרפן אויף לייענען ביכער. זי האָט געשלונגען אַ בוך נאָך אַ בוך, און אַז עס האָבן איר ביכער פאַרפעלט, האָט זי צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער שטעטלשער יוגנט — און ס'איז באַלד אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט כסדר פּראָגרעסירט. די אַרומיקע שטעטלעך: איירעגאָלע, סרעדניק, ווילקי, האָבן זיך מיט איר פאַרבונדן, און ס'האָבן גענומען בליען ביבליאָטעקן אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון פּאָנעוועזשער און ראַסיינער געגנטן. לויטן מוסטער פון דער ווילנער דראַמאַטישער געזעלשאַפט האָט טייבקע אָרגאַניזירט דראַמאַטישע קרייזלעך אין די שטעטקעס פון איר ראַיאָן. די קרייזלעך האָבן דורכגעפירט אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג ביי דער יוגנט פון די שטעטלעך, און די הכנסה איז אַלעמאָל געגאַנגען פאַר די ביבליאָטעקן.

טייבקעס נאָמען איז געוואָרן באַרימט אין דער סביבה און זי איז געוואָרן די „פירערין" פון דער שטעטלשער יוגנט. און אָט אין דער דאָזיקער פיבערהאַפטער אַרבעט האָט זי זיך געטראָפן מיט נחמן דעם שניידער, אַ פאַרקאָכטן אַמאַטאָר, וואָס האָט זיך מיט אַן אמת פאַרליבט אין איר און האָט ערנסט געמאָלדן אירע עלטערן זיין אַנטשלוס צו נעמען זי ווי זי שטייט און גייט. מ'האָט זיך שוין געגרייט צו דער חתונה, און טייבקע איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק. נאָר...

...דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די „וועלטגעשיכטע", די „אומגעריכט" אויסגעבראָכענע וועלט-מלחמה, און — נחמן איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין הייסגעליבטער כלה...

דאָ האָט טייבקע אויפגעשווידערט...
וואו איז איצטער נחמן? וואָס איז מיט אים? צי לעבט ער
גאָר? ווער ווייס דעם סוד?
אַלע האָבן זיך אויפגעהערט צו נייען, זי האָט אָנגעוואָרן
אַלע קונדן און אין שטוב איז די אָרימקייט געוואָרן נאָך גרעסער
ווי געווען, — און דאָך הערט זי ניט פון פאָטער און ניט פון דער
מוטער קיין שום באַקלאָגן זיך, זייער פאַרהאַלטן זיך צו איר איז
אַ רירנדיק צערטליכס, זיי היטן אָפּ זי ווי אַן אויג אין קאָפּ...
דאָס איז דאָך ניט אומזיסט, דאָ איז דאָך געוויס אַ סוד פאַר־
באָרגן, דער סוד, וואָס אַלע אפשר ווייסן, נאָר זי איינע ניט. און
פאַרוואָס קומט דאָס די שוועסטער ניט פון ווילקאָווישק? טייבקע
האָט צו איר געשריבן, זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר ראובנען, גע־
בעטן ביי איר רחמים ענטפערן אויף איר בריוו, — און אין קול
ואין עונה! ס׳איז קלאָר: עס איז געשען, דאָס בייז־באַשערטע אומ־
גליק איז געשען, און מען באַהאַלט פון איר! זי איז דערין כמעט
ווי זיכער, — און עס שרייט אין איר איר האַרץ:
— חתן מיינער, ליב־געטרייער, איינציקער, וואו ביזטו?
און זי ענטפערט זיך אין האַרצן באַלד אַליין:
— אויפן פעלד פון מאָרד, פון טויט האָסטו דיין נשמה
אויסגעהויכט! פאַר וועמען און פאַרוואָס? איך קאָן ניט רוען, איך
וועל ניט רוען, איך מוז גיין דיך זוכן, פון גאַנץ פרי באַגינען ביז
זונענאונטערגאַנג וועל איך דיך זוכן; טאָג און נאַכט, וואַלד איין —
וואַלד אויס, פעלד איין — פעלד אויס וועל איך דיך זוכן! ביי דיין
טויטן גוף — אַרויסלאָזן מיין לעצטן אָטעם־הויך!
און זי טוט זיך פלוצלינג שטורמיש אַ הייב־אויף:
— איך גיי!
און טאַטע־מאַמע בלאַס צעשראָקן שרייען אויס:
— טייבעלע, וואוהין?
— מיין חתן זוכן!
נאָר גראָד אין אָט דער רגע איז אין גאַנצן שטעטל געוואָרן
אַ בהלה, אַ מהומה...
גד דער בעל־עגלה איז געקומען צו רייטן אין גאַלאָפּ פון

איירנאַגאָלע און האָט איבערגעגעבן אַ ריי שרעקליכע ידיעות:

— „זיי“ טרעטן אָפּ אויף דער גאַנצער ליניע. אין שאַקי האָבן די „זאַפּאָראָזשער“ געמאַכט אַ שחיטה און אונטערגעצונדן דעם בית־מדרש. די ספרי־תורות מטמא געווען, אַ טייל פון זיי צעשניטן אויף רימענס און אויף שלייעס פאַר די פערד און דעם רעשט פאַרברענט...

— קראַסני דוואָר און ווישקאַרודע שטייען אין פלאַמען און אין סרעדניק האָבן זיך די קאָזאַקן אימהדיק צעהוליעט... איירנאַגאָלע פּאַקט זיך און לויפט אין בהלה — קיין פּאָנעוועזש, אָבער ווער ווייס, וואָס וועט זיין מיט פּאָנעוועזש... די בלעטער שרייבן, אַז גאַנץ קאָוונער גובערניע איז פאַרמשפט אויף אַ גירוש און אויף פּאָגראָמען...

— פּאָגראָמען און פּאָגראָמען... וויגד און וויי!... שרעקליכער פון אַלץ איז... אָט אין וו. פאַר דער מוטער אין די אויגן אין מיטן גאַס אין מיטן טאָג — די טאָכטער... אַ גאַנצע באַנדע — איינער נאָכן אַנדערן... דערנאָך זיך גענומען פאַר דער — משוגע־געוואָרענער מוטער...ביידע משוגע און ביידע לגמרי געשוואָלן... אין סר... אַ מוטער פון זיבן קינדער — אויך אין מיטן גאַס. געשטאָרבן אין מיטן...

— אַנטלויפט, טשייקישקער! לויפט קיין פּאָנעוועזש און נאָכדעם גלייך קיין ווילנע! שטייט ניט קיין איינציקע מינוט, דען „זיי“ גייען אַהער!

און דער רייטער איז פאַרשוואונדן — אַנזאָגן אין אַנדערע שטעטלעך...

די קינדער זייגען פון חדר זיך צעלאָפן...

טייבקע איז געבליבן שטיין, ווי אַ טויטע סטאַטוע, אָן שום באַוועגונג און בלאַס ווי דער טויט אַליין.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן גענומען לויפן ווי אין אַ פיבער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. און באַלד זייגען זיי צוגעלאָפן צו טייבקען און גענומען טרייסלען זי און בעטן זיך ביי איר — אָן שיהות צו לויפן קיין פּאָנעוועזש...

זי האָט פון אָנהייב געקוקט אויף זיי מיט פאַרגליווערטע

אויגן, ווי ניט פאַרשטייענדיק, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון איר, אָבער באַלד האָט זיך ווי אומגעקערט צו איר דער באַוואוסטזיין און זי האָט געענטפערט:

— יע, — מיר לויפן, אָבער קיין ווילנע! אפשר וועל איך דאָרטן אין שטאָב באַקומען אַ ידיעה.

און זי האָט זיך פיבערהאַפטיק גענומען צונויפזאַמלען פון קאָמאָד אַלע בריוו און צעטעלעך פון נחמנען, זיינע פאָטאָגראַפיעס און ביכער מיט זיינע אויפשריפטן, אויך איר ביסל וועש און קליידלעך. די מוטער האָט אין העכסטער אויפרעגונג געאיילט זי, דער פאָטער האָט שוין געהאַט אין האַנט זיין טלית און תפילין מיט אַ פּאָר ספרים און אויך צוגעטריבן זי וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. טייבקע האָט זיך אָבער אַזוי געפּאָרעט נאָך אַ היבשע ווײַלע, ביז זי האָט שוין געהאַט אַלץ איינגעפּאַקט און איז שוין גרייט געווען אין וועג. ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט...

די זון האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק אַ נייג געטאָן צו מערב, דער הימל איז שוין געווען באַדעקט מיט כמאַרעס, אַן אומגעריכטער ווינט האָט מיט אַמאָל אַ בלאָז, אַ פּאַך געטאָן, ווי מיט אַ גאַנצן עסקאַדראָן גאַהייקעס, אויף דער שטעטקע, און אַ וואָלקן זאַמד האָט זיך באַלד אַ הייב געטאָן און פאַרדעקט די גאַנצע גאַס... נאָך אַ רגע — און ס'איז געוואָרן אַ בהלה נאָך אַ גרעסערע ווי פריער, אַ מהומהדיקער געלאַף איבער דער ברייטער וויסטער גאַס און לאַרעם, קולות ביזן הימל:

— „זיי" זיינען שוין ביים שטעטל! ווייבער, מיידלעך, קינדער, — באַהאַלט זיך!...

טייבקע איז ווי פאַרפראָרן געוואָרן אויפן אָרט, בלאַס ווי קאַלך, און איז אומגעפאַלן.

דער פאָטער און די מוטער האָבן זי כהרף-עין אַ כאַפּ געטאָן און גענומען שלעפּן אויפן בוידעם, אָבער מעשה שטן האָבן זיי דעם לייטער ניט געפונען און האָבן זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווער עס האָט עס אים ביי זיי געליען. אומבאַהאָלפן האָבן זיי זיך געשלעפּט מיט זייער משא אַהין-אַהער און ניט געוואוסט וואו אַהינצופאַלן. און פּלוצלינג האָבן זיי דערזען — דריי ווילדע

פּנימער אין פענסטער... פון שרעק האָט זיך ביי זיי אָפּגעריסן ס'הארץ, און טייבקע איז מיט אַ טעמפּן געהילך אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר חלשות מיט אַ שווערן קרעכץ.

אין דער רגע זיינען אין שטוב אַריין דריי צעטשופּריניעטע קאָזאַקן מיט רויטע צעהיצטע פּנימער און אויגן אָנגעגאָסענע מיט בלוט...

— ווסטאַוואַי, קראַסאַוויצאַ! אילי ניעט — ליעזשי! (שטיי אויף, דו שיינהייט! אָדער ניין — ליג!), — האָט אויסגעשריען איינער פון די דריי און זיך גענומען אַיינבייגן אַראָפּצורייסן טייבקעס קלייד...

טייבקען האָט מאָמענטאַל אָנגעכאַפּט אַ פּירכטערליכע קאָנוואולסיע; זי האָט אין טויטשרעק אויסגעגלאָצט אירע אויגן, אַרויסלאָזנדיק אַ מאַוויידיקן איבערמענטשליכן געשריי, און עס האָט זי אַ הייב־אויף געטאָן אין איר גאַנצער לענג אויף אַן אייל אין דער הייך, וואו זי האָט זיך אַזוי האָריזאָנטאַל געהאַלטן אפשר אַ גאַנצע רגע, און נאָכדעם האָט עס זי אַזוי צוריק אַ וואָרף־אַראָפּ געטאָן אויף דער צעבערגלט־צעגריבערטער פּאָדלאָגע... איר שאַרבן איז צעשפּאָלטן געוואָרן און פון איר מויל האָט זיך אין דעם אויגנבליק אַרויסגעריסן אַן אומגעהייערער שטראָם בלוט...

אַ ווילדער אָבערגלויבערישער שרעק האָט אָנגעכאַפּט די קאָזאַקן פון דער דאָזיקער ערשיינונג און פון אַלע דריי מיילער זייערע האָט זיך אַרויסגעריסן:

— אַך טי, טסיאָמנאַיאַ סילאַ! (אַך, דו פינסטערע מאַכט!).

און זיי זיינען גלייך אַרויסגעלאָפן פון דער דאָזיקער „זשידאָווסקער, טייוולאָנישער” שטוב, האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף זייערע פערד און ווי אונטערגעשאָסענע האָבן זיי שנעל אַרויסגעגאַלאָפּירט פון טשייקישאָק אין ברייטן וויסטן פעלד אַרויס— — — —

און ר' איצע מיט זיין ווייב חיינה, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, זיינען איצט צוגעפאַלן צום נאָך עטוואָס וואַרעמען, נאָר שוין טויטן קערפּער פון זייער איינציק פאַרבליבענעם קינד מיט אַ געיאָמער און אַ קלאָג:

— טייבעלע! טייערע ליכטיקע טייבעלע! עפן דיינע ליכטי־קע אויגעלעך, כאַפּ זיך אויף! טייבעלע, טייבעלע! — — —

אין דער שטיקנדיקער לופט פונם פּאַרוויסטן שטעטל האָבן שוידערליך געהילכט די אומאייננעמבאַרע יללות:

— מיין ליכטיקע טייבעלע! מיין ליכטיקע טייבעלע!

און ווייט אין ברייטן וויסטן פעלד אַרויס האָט געטראָגן זיך און נאָכגעיאָגט דעם פינסטערן אַנטלויפנדיקן כוח — דאָס יאָ־מערנדיקע־קלאָגנדיקע עכאָ:

— טייבעלע! טייבעלע! ליכטיקע, ריינע, אומשולדיקע טייבעלע!

— — — — — — — — — — — — — — — —

קרייצבורג, תרע"ה.

פּאַרהיט...

אינם פ״זען יאָר, אין יאָר תּרע״ה, איז דער פרילינג געקומען זעהר פריי און איז אויך זעהר פרי פאַרשוואונדען. ניט קיין זונען-טעג האָט ער אונזער לאַנד געבראַכט און אויך ניט קיין לבנה־נעכט. ניט מיט קיין מילדקייט און ניט מיט קיין צאַרטקייט, ווי אַלע יאָר, האָט ער דאַן דערשיינט, נאָר מיט אַן אומגעווינליך-ווילדען גרימצאָרן, מיט בייזע שטורימדיגע שלאַקס-רעגענס פון אַ שוואַרצען צובושעוועטען הימעל איז ער ליטעס ערד באַפאַלען נאָכן לאַנגען שאַרפען ווינטער-פראָסט און האָט איר דערטרונקען אין אַ שוואַרצען ים געדיכטער בלאָטע, פון וועלכער ס'האָבען זיך געהויבען גאַנצע קנוילען שטיקענדיגע טומאַן און האָבען געסמט די לופט אַרום אי ווייט אי ברייט — — —

אַ שוואַרצער הימעל אויבען און אַ שוואַרצע ערד פון אונטען — — —

אַן עכטער שוואַרצער האַרבסט!

מ'האָט ניט געהאָרט פון פרילינגס קומען און מ'האָט ניט געהאָרט פון זיין פאַרשווינדען...

מ'האָט ניט געזעהן קיין טאָג, מ'האָט געזעהן בלויז אַ לאַנגע-לאַנגע נאַכט אָן שטערן...

— — — און פלוצלינג — דאַכט זיך, נאָר שלא כּדרך הטבע — האָט זיך אָנגעצונדען אַ בלוטיג-רויטע זון אין הימעל, וואָס האָט וואָס ווייטער אַלץ געענדערט מער זיין מראה פון שוואַרץ אויף טונקעל־גרוי און באַלד אויף בראָנז־קאָליר און רויביג-בלוי, און זי האָט גענומען טריקענען און שרפענען די ערד מיט אַ העלישען פייער, ווי אין מזרח־לאַנד אין תּמוז — — — —

און געווען איז עס כּל־הכּל חודש איר ערגעץ אין אַ העק אין ליטע — אין באַבּירישאָק.

* * *

שטיל און אומעטיג איז געווען אין די פּאָר עלענדע געסלעך פון דער יידישער שטעטל אין רעכטען האלבענטאָג, פונקט ווי אין האלבער נאכט אמאָל אין מיטען הארבסט.

ניט קיין קלאַנג פון מענשענשטים, ניט קיין בלעקן פון רינד און שאָף, קיין געהירזש פון פערד, קיין בילען פון א הונט און קיין מיוקען פון קיין קאַץ... אפילו ניט קיין פויגעלפיפּס... קיין ווינטעל האט ניט באַוועגט די שיטערע בלעטלעך פון די איינ־צעלנע שווינדזיכטיגע ביימלעך, וואָס זיינען געשטאַנען איינגעבויגען פאַר א פּאָר יידישע האלב־איינגעפאַלענע שטיבלעך—עלענד און פארגליווערט עפּעס אין א מיטען ניט־ארויסגעזאָגטען טרויער — — —

אלץ וואָס לעבט האָט אינסטינקטיוו מורא געהאט פאַר א זונענשלאַק און האט זיך באַהאלטען פון דער באַקענדיגער היץ אין שאָטענדיגע סקלעפּ־ערטער.

קיין לעבעדיגער נפש האט זיך אין די געסלעך ניט געזעהען.

בלויז אין איין אָרט, אין א שאָטען פון צונויפגעלייגטע האָלץ, איז געלעגען א פארשמאַכטער אלטער ווייסער הונט און צייגער מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג...

מיר און מויער זיינען געזעסען צו, ווי מ'וואָלט פאַר עפּעס א שונא זיך געשראָקען, וואָס דארף אָט־אָט אנקומען אהער...

ווי אויסגעשטאָרבען איז געווען באַלבירישאָק, אויף וועל־בער ס'האט געקוקט א בייזע בלוטיג־רויטע אויג פון אויבען און מיט אירע גלוטיגע און שטעכעדיגע בליקען מאָוטדיג געברענט, געדריקט, געלייגט צו דר'ערד — — —

* * *

די זון האט זיך געטאָן א בראָך צו צפון־מערב און דער הימעל האט גענומען פארלירען זיין בלויררויכיגען קאָליר—

עפּעס א ניטהיימליכער גערויש איז פּלוצלינג דורך דער לופט אדורך, ווי עפּעס א רוח האט זיך פון ערגיץ דורכגע־

שלײכט אַהער;—און אַ שוידער, דאָ ניטבאַגריפענער שוידער האָט דורכגענומען די אײַנוואוינער פון שטעטעל, וואָס האָבען זיך הינטער וואַנט און לאָדען פון גרויסער היץ געהאַט באַהאַלטען, און זײ האָבען גענומען ציטערען פון קעלט...

זײ האָבען אַ נאָענטען בײזען שטורמווינט דערשפּירט——————

באַלד האָט זיך ווידער אַ גערויש דערהערט, אַ ברום, און באַלד אַ דריטער און אַ פערטער, און וואָס ווײטער אַלץ מער און מער און קלערער,—און אַלץ אַ שטאַרקערער געבר״ם———

אַ דונער — — —

— — — די לופט האָט געציטערט פון אַ ניט־ווײטען קנאַלען פון האַרמאַטען...

מיט אַ מאָל איז געהאָרען ווידער שטיל... ווי פאַר אַ נײעם און גרוילענדיגען שטורים — — —

דאָ האָבען די יידען זיך דערמאָנט, — זײ זײנען פון זײער הינער־בלעט אַרויס...

זײ האָבען אָן דער היץ פאַרגעסען, עס האָבען די תקופות־ווײזע בת־קול׳ן פון דער האַרמאַטען־שיסערײ זײ ניט געאַרט,—און זײ זײנען אַלע, קינד און קײט, ניט אויפגערעדטערהײט, ווי אײן מענש אויף דער גאַס אַרויס, צו זעהן, וואָס טוט זיך דאָ, און צום בית־המדרש גלײך אַוועק—זיך מיטן כלל אָן עצה האַלטען, וואָס צו טאָן, ווי זיך צו ראַטעווען — — —

— „מיר״ טרעטען אָפּ,—האָט אויפן קול אַרויסגעזאָגט דער שטעטעלשער סטראַטעג — אַ יונגער מאַן אַ „אינטעליגענט", אַ געוועזענער עקסטערן און איצט אָן אײדים דאָ, אַ קרעמער, וואָס האָט אויסגעשריבען דעם „דיען" און דעם „רוסקי אינוואַליד", האָט ניט אַרויסגעלאָזען פון האַנט די לאַנדקאַרטע און איז געווען אַ פאַרקאָכטער רוסישער פּאַטריאָט...

— מיר יידען,—האָט ער ווײטער גערעדט.—מוזען מיטגיין מיט דער אַרמײ, און טאַקע תיכף ומיד, בנערינו ובזקנינו, מיט האַק און פּאַק! אַ ניט—וועלען מיר, ווי צווישען בופערס, דאָ צוטראָטען ווערען.

אַ מאָל עולם האָט מיט אים מסכים געווען און איז געווען

גרייט תיכף צו נעמען דעם וואנדער-שטעקען און גיין, אָבער אַ צווייטער טייל האָט געוואַלעוועט אײנצולאָזען די בעבעכעס און האָט פאַרגעלייגט פלענער, ווי צו באַהאַלטען זיך דאָ אויף אַן אָרט, „אויף די ביידימער“, „אין די קעלערס“, „ביי באַקאַנטע קריסטען-גוטע פריינד“, „אין וואַלד“...

דער חיבוח האָט זיך פאַרצויגען און סוף כל סוף האָט נובר געווען דער „סטראַשטעג“, וואָס איז אין שטעטעל זעהר נעצבט געווען.

די עדה יידען האָט באַשלאָסען צו מאַכען די נויטיגע הכנות און ביי נאַכט צו לאָזען זיך אין וועג אַריין...

אָבער—מ'האָט ניט באַוויזען אַפילו זיך פונאַנדערצוגיין, ווי ס'איז אויסגעריכט געוואָרען אַ בהלה...

אַ צושראָקענער יונגעלע איז געקומען צו לויפען אָנזאָגען אין בית-מדרש, אַז „קאָזאַקען גייען“, אַז זיי זיינען שוין נאָענט, אַז עטליכע זיינען שוין אַריינגעריטען אין שטעטעל...

בליץ ווי קריט איז דער גאַנצער עולם געוואָרען, אַ טויט-שרעק איז אויף אַלעמען געפאַלען, אַן אָפּהענגטיגקייט, אַ צוטור-מעלנקייט האָט אַרומגענומען אי יונג אי אַלט...

די מיידלעך און די ווייבער האָבען גענומען שוידערען פאַר קעלט, מ'האָט זיי גענומען קלאַפען אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווי האַלב-נאַקעטע אויסגעשאַצטע יתומות אין אַ ברענענדיגען פראָסט...

און מ'האָט גענומען לויפען אין מהומה ווי צומישטע, אַליין ניט וויסענדיג וואוהין.

מ'האָט זיך געלאָזט באַהאַלטען און ראַטעווען דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ קליינעם ווערט אָדער וואָס האָט אַפילו גאָר קיין שום ווערט ניט געהאַט, פאַרגעסענדיג אָן דאָס, וואָס איז געווען וויכטיג און מייער...

בכוון איינער האָט זיך ניט פאַרלאָרען—דער שטעטעל-שער „סטראַשטעג“.

ער האָט ניט מיט זיין קול אויסגעשריען אויף גאַנץ שטעטעל:

—מיידלעך און ווייבער! טעכטער פון ישראל! שטאַרבט און גיט זיך ניט אונטער!—מאַנסביל, נעמט זיך צונויף, שטאַרבט און

פאַרהיט אײַערע מאַמעס און טעכטער, די שוועסטער און װײַבער אײַערע!...

* * *

פון די האָריזאָנטען האָבען זיך גענומען קלײַבען גרויע פאַרשיידענפאַרביגע כמאַרעס, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי אויסגעלויכטערטע שוימענדיגע אינזלען, האָבען זיך געהויבען אַלץ העכער־העכער און זײַנען אַלץ מער און מער געוואַקסען, ביז זיי האָבען זיך צום סוף צונויפגעגאָסען צוזאַמען. די אָנגעבראָכענע־פאַרטשאַדיעטע זון האָט זיך ווי פון שרעק באַהאַלטען הינטער דער כמאַרע, וואָס איז געוואָרען אַלץ געדיכטער און מיט אַ בלײַאיגען קאָליר. פון הימעל זײַנען פאַרשוואונדען די לעצטע שפּורען פון זײַן רויכיגער בלויקײַט און ער איז אינגאַנצען גרוי געוואָרען. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ נידעריגער און נידעריגער און האָט מיט זײַן שווערער משא געדריקט די ערד. די בלײַאיגע כמאַרע פון אויבען האָט זיך אויסגעמישט — מיט אַ געדיכטען שטיקענדיגען וואָלקען, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל גענומען הייבען פון דער ערד אַרויף...

אין שטעטעל איז אַריין אַ האַלבע „סאָטניע“ קאָזאַקען אויף פערד מיט אַ ווילד־שטורמדיגען גאַלאָפּ, מיט אַ פײַפערײַ און פאָכען פון נאַהײַקעס. פון די פערדישע קאָפּיטעס איז בהרף עין צוזאַקערט געוואָרען די ערד פון שטעטעל און ס׳האָבען זיך אויפגעהויבען מוראַדיגע זײַלען זאַמד און שטויב צום הימעל — — —

אַ חושך איז געוואָרען אויבען הימעל און אַ חושך אויף דער ערד, הימעל און ערד האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איין פינסטערע מאַסע,— און עס האָט זיך אָנגעהויבען די שוואַרצע שפּיל — — —

— — — — — — — — — — — —

ווי טײַוואָלים פון דאַנטעס גיהנום האָבען זיך געטראָגען די בלוט־העמדערדיגע גבורים פון דאָן אויף זייערע צווישעטע פערד אי־בער די האַלבחויסטע עלענדע געסלעך פון דער אומבאַשיצטער באַלבירישאַק און מיט חאַוילעריש פאַרוואָרפענע קעפּ געפּאַכעט

און געשניטען מיט זייערע נאַהייקעס אויף רעכטס און אויף לינקס, און ווינד און ווי איז געווען צו די אומגליקליכע, וואָס זיינען געקומען זיי אַנטקעגען אויף די הייסע ציינער. מענשען זיינען געפאַלען ווי די סנאָפּעס ביי די זייטען און אונטער די פערדישע קאָפּיטעס. נים געקענט זיך אויפהייבען און געבליבען ליגען. ס'איז געוואָרען אַ בהלהדיגער געלאָף פון צומישטע מאַנספּיל, ווייבער, קינדער מיט אויסגעראַנטע אויגען און יאָמערליכע וויגעשריען, און צוזאַמען מיט זיי איז געלאָפען און פחדימדיג געוואָיעט דער אַלטער ווייסער איינציגער יידישער הונט פון שטעטעל. צושראָקענע טויבען האָבען נים געקענט איינזיצען אין זייערע טויבענשלאַקען און האָבען זיך געטראָגען ווי די איינציגע טימפּילענדיגע באַגלייטער איבער די קעפּ פון די געפּייניגטע קינדער פון דעם פאָלק, וואָס איז אַליין צו אַ טויב געגליכען. אונטער די פיס האָבען זיך געפּלאָנטערט שטובינע עופות און קעץ זיינען אומגעלאָפען ווי צעוולטע און האָבען געזוכט אַ באַהעלטעניש פאַר זיך. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און פון אַלץ האָט זיך געהויבען אַ שוואַרצער וואָלקען שטויב, וואָס איז געוואָרען אַלץ געדיכטער און שטיקענדיגער; אַלע קולות האָבען זיך אויסגעמישט און אין דער הייסער שטיקענדיגער לופט האָט גע־טויבט אַן אומגעהויערער לאַרים און געפּילדער, אַ מהומה עד לב השמים — — — — — — — — — — —

אַזוי איז געווען ב״ז די קאָזאַקען זיינען אויפן מאַרק אַרויף. דאָרטען האָט דער קאָמאַנדיר פון דער האַלבער „סאָטניע" פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן:

— רעביאַטאַ. סטאָי!

די קאָזאַקען זיינען שטיין געבליבען און עס איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל.

די איינוואוינער פון שטעטעל זיינען ווי פאַרשטיינערטע געשטאַנען און האָבען געוואַרט. וואָס דאָ וועט זיין, קיינער האָט זיך נים גערירט פון אָרט, כדי פּונדאַנען צו אַנטלויפען און זיך צו ראַטעווען.

דער קאָמאַנדיר האָט זיצענדיג אויפן פערד געהאַלטען

אַ קורצע רעדע וועגען דעם, אַז די „קינדער״ טוען נישט גוט, וואָס זיי מאַכען אַן אַזאַ מהומה, ווייל „נישט אַלע „זשידעס״ זיינען „גער־מאַנטשיקעס״. קודם־כל דאַרף מען לאָזען צורו די „זשידיוקעס״. זיי דאַרף מען, פאַרקערט, „האַלט האָבען״.. —דערביי האָט ער שעלמיש צוגעוואונקען מיט די אויגען...— ווייטער דאַרף מען שאַנעווען די קליינע „זשידעניאַטקעס״, ווייל דער „אויסליוער האָט פאַרזאָגט צו שאַנעווען דאָס „קליינוואַרג״. מ׳דאַרף בלויז אָפּטיילען די מאַנסביל „פון צוועלף ביז הונדערט יאָר״ און זיי נעמען אויפן „דאַפּראָס״..

און מ׳האָט אַזוי געטאָן.

מ׳האָט אָפּגעטיילט אַלע מאַנסביל. וואָס זיינען געווען דאָ אויבענאויף, מ׳האָט אויסגעזוכט אין שטעטעל אויך אַלע באַהאַלטענע מאַנסלייט און מ׳האָט זיי אַלעמען פאַרטריבען אינם דערביי׳איגען וואַלד. דער קאָמאַנדיר האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, כדי די יידען זאָלען נישט אַנטלויפען פון וואַלד, און האָט זיך מיט דער איבעריגער קאָמאַנדע אומגעקערט צוריק אין שטעטעל...

* * *

אין וואַלד זיינען געווען צונויפגעטריבען אַ מאַן אַנדערהאַלבען הונדערט פון פאַרשיידענעם עלטער, אָנהייבענדיג פון 10־12־יאָריגע יינגלעך און ענדיגענדיג מיט 80־יאָריגע זקנים. דאָ זיינען געווען בעלי־מלאכות, קרעמער און הענדלער, כלי־קודש, אַ פּאָר מלמדים, דער לערער פון שטעטעל און 2—3 אַרבעטער. צווישען זיי איז אויך געווען דער יונגערמאַן, וואָס די שטעטעל האָט אים גערופען „סטראַטעג״, ווייל ער האָט מיט דער לאַנד־קאַרטע אין האַנט שטענדיג פאַראויסגעזאָגט מיט התלהבותדיגער איבערצייגונג דעם גאַנג פון דער מלחמה. דאָ זיינען געווען אָנהענגער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבען אין אַלע טעג און נעכט פון אַ גאַנץ יאָר געפירט מחלוקת לשם־שמים און לשם־כבוד, און קאָנקורענטען און שונאים צוליב פּרנסה און פאַרשיידענע אַנדערע סיבות, וואָס האָבען איינע קעגען די אַנדערע געפירט קליינשטעטעלשע אינטריגעלעך צוליב פּערזענליכע

פּניות. הײנט האָט זײ אָבער דער אַלגעמײנער אומגליק פאַרבונ־
דען אין אײן ברידערליכער משפחה און זײ האָבען זיך אַלע אויס־
געזעצט אויף אַ „פּאַסעקע" אין װאַלד אין אַן ענגען קרײז, האַרט
צונױפגעטוליעט שטיל שװײגענדיג אײנער צום אַנדערען. זײ האָבען
זיך געפילט װי שטומע לאַמען, װאָס װערען געפירט צו דער שחיטה,
און אַ מאָדנער הײסער שטראָם פון קעגנזײטיגען מיטגעפיל און
ליבשאַפט איז דורך זײערע הערצער אַדורך. נאָכמער, זײ האָט
גאָר אין דער רגע ניט געאַרט דער אײגענער גורל, — עס האָט
זײ ס'האַרץ געבלוטיגט אויפ'ן גורל פון זײערע ליבע און טײערע,
װאָס זײנען אין שטעטעל אויף הפקר פאַרבליבען... ס'האָט זיך
אויסגעדוכט, װי אַלע טראַכטען זײ אײנעם און דעם זעלביגען
געדאַנק, װי אַלע פילען זײ אײנעט און דעם זעלביגען געפיל,
װאָרים עס האָט זײ אַלעמען מיט אַ מאָל אַ שװערער געטאָן, נאָכ־
דעם האָט זײ אַלעמען מיט אַ מאָל — װער װײס, לויט װעלכע
געזעצען פון דער נאַטור — געטאָן אַ ברען אין האַרצען און די
גאַנצע עדה האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געװײן.. עמיצער
האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען אין האַרצען „אָשמנו" קלאַפּען
און אַן אַנדערער האָט אָנגעהויבען אויפ'ן קול גאָר תהלים זאָגען...

די קאָזאַקען, װאָס זײנען געשטאַנען אויף דער שמירה,
האָבען זיך מיט ערשטױנונג צוגעקוקט צו דער דאָזיגער אומפאַר־
שטענדליך־טרויעריגער סצענע און האָבען די װײניגער ניט גע־
שטערט אין זײער װײנען — — —

מיט אַמאָל האָט דער עולם אַ ציטער געטאָן און איז אויפ־
געשפרונגען פון אָרט — — — פון שטעטעל האָט אַ שטאַר־
קער װינט אַ טראָג געטאָן און ס'האָבען זיך דערהערט מאָוטריגע
האַרצרײסענדיגע גװאַלד־געשרײען פון די טרויען, װאָס האָבען
געמאַכט ציטערן די לופט און אויפגעטרײסעלט די הערצער פון
די מענשען דאָ אין װאַלד...

— ברידער!—האָט אויסגעשריען דער „סטראַטעג" מיט אַ
דונערדיגער שטים—מ'איז מאַנס אונזערע מאַמעס און אונזערע
טעכטער, מ'איז מאַנס אונזערע װײבער און אונזערע שװעסטער!
באַלד װעט דאָ זײן אויך אונזער כוח! לאָמיר אויפשטײן װי

אין מענש קענען די ווילדע צווייפיסיגע חיות! לאָמיר די עהרע פון אונזערע אומשולדיגע ריינע טויבען באַשיצען מיט אונזער בלוט! לאָמיר אונזער לעבען ניט אָפּגעבען אומזיסט! גיך, ברידער, געשווינד! ס'איז טייער יעדע רגע! — — —

די ווערטער האָבען געבריט, געבּרענט, געצונדען און די עדה יידען איז פון אַ טשעריעדע שטומע לעמער, געפירטע צו דער שחיטה, געוואָרען אַ מחנה מונטערע גבורים. דער גאַנצער עולם האָט זיך אָן ווערטער ווי איין מענש געטאָן אַ הייב און אַ שטעל־אויף און איז ווי פייל פון בויגען — צום שטוינען און צום שרעק פון דער צוטומעלטער וואַך, מיט אָפּגעבראָכענע צווייגען פון די ביימער אַוועק אין שטעטעל אויף אַן ענטשיידענע מלחמה מיט די וואוילבאַוואַפענטע לייט פון דאָן—צו באַשיצען די עהרע פון די טעכטער פון ישראל...

די יידען זיינען ניט געלאָפען, נאָר געפלויגען, און מיט אַ שטורימדיגען אימפּעט, מיט אַן איבערמענשליכען כוח, מיט אָפּגעבראָכענע גרויסע צווייגען פון ביימער אין די הענט. אַז די קאָזאַקען־חבֿליים, וואָס זיינען באַלד פון זייער צוטומעלקייט צו זיך געקומען און גענומען נאָכיאָגען זיי, האָבען בשום־אופן זיי נאָכהאַלטען ניט געקענט.

אַ געדיכטער שטויב האָט זיך אויפגעהויבען ביים וואַלד, האָט זיך ווי אַ ווירבעלווינט געטראָגען צוזאַמען מיט די מענשען אויף דער שטעטעל און האָט פולגעמאַכט די לופט.

די שוואַרצע שאָטענס פון הימעל זיינען געוואָרען נאָך שוואַרצער און די געדיכטע לופט—נאָך געדיכטער.

אַז די יידען זיינען אין שטעטעל אַריין, האָבען זיי פון ערשטען בליק איד ניט דערקענט און האָבען זיך אַלע ווי איין מענש אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, כדי צו אָריענטירען זיך———

די קראָמען אין אַנהייב שטעטעל זיינען געווען צוראַבירט און טאַטען הייזער לגמרי חרוב. דאָס איז אָבער געווען בלויז דער אַנהייב.—דער חורבן האָט איצט געהאַלטען נאָך אין רעכטען ברען... פון ערגיץ ווייט,—פון מאַרק צי אפשר גאָר פון דער בית־המדרש־ווינט,—האָט זיך געטראָגען אַ מאָוויטריג גע-

ברום ווי פון צוריצטע חיות און א אויפגעציטערטע קוויטשע־ריי און ילדות פון מענשען, פון פרויען און פון קינדער———

און פלוצלונג האט, ווי א וואונק צו זיי, פונווייטען אויפגעבליצט א בלאסער בליץ און באלד נאך אים האט זיך דערהערט א איינזאם־שוואכער דונער...

און ווי א ווירבלווינט האבען זיך א לאז געטאן צום מארק און צו דער בית־המדרש־ווינט די טאטעס און די מאמען און די ברידער — — —

דאס האט געדויערט, דוכט זיך, סך־הכל בלויז איין אויגענבליק, אבער—ניט פאר אייך געדאכט, איר מענשענקינדער, וואס זיי האבען פאר דעם איין אויגענבליק דערזען, וואס זיי האבען זיך אין אים אנגעזען — — —

זיי האבען געזען:

ווי מענשען—עפעס גאר באקאנטע שטילע מענשען, דוכט, גאר שכנים פון ארום, פון שטעטעל און איר סביבה—מיט רויטע צורות און מיט שוואַרצע אויגען—האבען מיט א שטורעמדיגער און מיט א טעמפער רישעות געבראכען טויער, טיר און פענסטער — — —

זיי האבען דאס געזען און האבען זיך ניט אפגעשטעלט: ניט דא איז זייער ציל געווען!

זיי האבען זיך אויך גאר אפשטעלען ניט גידארפט: ווי פאר אן אומגעריכטען ווירבעלווינט זיינען די ברעכער אין גרויס שרעק פאר זיי אין ערד זייטען זיך צולאפען — — —

זיי האבען געזען:

ווי אלטע בעלי־גופען און יונגע שקצים וואַרפען מיט עפעס א משונהדיגער גדלות דורך די פענסטער אויפן גאס — טעלער, שיסלען, גלעזער, טאפען, שפיגלען, שטולען, טישען, בעטען, אלמערס, און ווי עס ווערט דערפון א תל — — —

זיי האבען געזען און זיינען ווייטער זייער וועג אוועק: אויך ניט דא איז זייער ציל געווען!

און אגב — זיינען אויך די אלטע בעלי־גופען און די יונגע שקצים פון פלוצלינגדיגען ווילדען פחד זיך צולאפען — — —

זיי האָבען געזען:

ווי מ'שלעפּט פראַנק און פריי פון די געשעפטען כל המינים סחורות און פון די הייזער קליידער, וועש און בעטגעוואַנט, גאַנצע אויסשטייערס פון כלות און חתנים — — —

זיי האָבען דאָס געזען, אָבער אויך דאָס האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט: זיי האָבען אַן אַנדער צוועק געהאַט!

און ווידער אַמאָל—זיינען די שלעפּער און ראַבירער אין גרויס אימה פאַר דעם שטורימדיגען שטראָם אַנגעקומענע יידען אויך באַלד אַנטלאָפען וואוהין די אויגען האָבען נאָר געטראָגען, איבערלאָזענדיג אָפט אויפן גאַס די אַרויסגעשלעפּטע זאַכען —

זיי האָבען אויך געזען:

ווי גוטמוטיגע און פריילּיכע מענשען האָבען געוואָרט אַנטאָן אַ נחת־רוח זייערע חברים אויפן גאַס—און האָבען אויפגעריסען קישענס, אויפגעשניטען פּערינעס און אַרויסגעלאָזען די פעדערן, און באַדעקט די גאַס און אָנגעפילט די לופט מיט אַ טרוקענעם, ווייכען, וואַייסען, אָבער שטיקענדיגען שניי — —

זיי האָבען אויך דאָס געזען, אָבער אויך דאָ האָבען זיי ווי אַ ווירבעלווינט זיך דורכגעטראָגען איבער ווייטער, ווייטער, ערגיץ צו אַן אַנדער ציל!

נאָר אויך אויף די דאָזיגע גוטמוטיגע און פריילּיכע לייט איז אָנגעפאַלען אַ מורא פאַר דעם מענשען־ווירבעל און זיי זיינען אויך תּיכּף אין אַלע לעבער זיך צולאָפען — — —

אָבער באַלד האָבען זיי דערזען:

ווי היימישע אַלטע פרומע פרויען און יונגע „תמימותדיגע“ קינדער פירען די פרעמדע „זעמליאַקעס“, ווייזען וואו עס האָבען זיך באַהאַלטען די „פּאַרשיווע זשידאָווסקעס־די שפּיאָנקעס“, און ווי די וואוילע זין פון דאָן שמייכלען שעלמיש גייענדיג מיט זייערע וועגוויזער און הערענדיג זייער אומגעלומפּערטען געפּלוידער —

און זיי האָבען אין דער זעלביגער רגע פון אַן אַנדער זייט דערהערט— אַ הילכעדיג הערצרייסענדיג אויסגעשריי פון אַ קינד, וואָס מ'האָט זיין מוטער פון איר באַהעלטעניש אַרויסגעשלעפּט.

און זיי האָבען באַלד דערהערט פון אַלע זייטען — פאַר

שטיקטע שלוכצען פון אומשולדיגע-אומגליקליכע טויבען, וואָס צאַפּלען זיך צווישען לעבען און טויט, צווישען ערדע און שאַנד אין די קראַלען פון בלוטדאָרשטיגע מענשען, ערגערע ווי די ערגסטע שפּאַרבערס, ערגערע ווי די ערגסטע חיות־רעות ———

און זיי האָבען אינם אייגענעם אוינענבליק דערזעהען:

ווי אַ צומורשטע פרויענצימער איז געלעגען אויף דער ערד אַנטקעגען דעם בית־המדרש און האָט מיט די לעצטע כוחות גע־ראַנגעלט זיך מיט עטליכע פינסטערע מענשליכע פיגורען, וואָס האָבען מיט זייערע פויסטען געביילט איר קאָפּ און מיט די שטי־וועל געקנאָטען איר ווי אַ קאָם ליים; ווי זי האָט זיי אויף רעכטס און אויף לינקס מיט פאַרביטערטקייט געביסען מיט די אויף העלפט אויסגעבראָכענע ציינער, פאַרגאָסענע מיט איר אייגען בלוט; ווי זי האָט אומגעריכט מיט אַ מאָל ווי אַ פייל פון בויגען געטאָן זיך אַ ריס־אויף, ארייגעפלאָכטען אירע הענט אין די לאַנ־גע קודלעס פון אַ ווילד־תאווהדיגען טיגער איבער איר און האָט זיי געריסען מיט אַזאַ נאָך ניט געזעענער פאַרביסענקייט און שטורימדיגען צאָרען, אַז יענער האָט איר תיכף אָפּגעלאָזען און ניט מיט זיין קול ווילד אויסגעשריען: „ראַטעוועט, הייליגע, פון אַ פינסטערער מכשפה!“— און ווי זיינע חברים האָבען זיך ווי משוגעים אַרויפגעוואָרפען אויף איר, איבערגעבראָכען איר די הענט און די פיס און צעטראָטען איר אויף טויט ———

און זיי האָבען אויך דערזעען:

ווי ניט ווייט פון דעם זעלבינען אָרט האָט אַ קליינע מיידעל אַריינגעלאָזען איר קליינע הענטעל אין מויל דעם קאָזאַק, וואָס איבער איר, און האָט מיט אַ שטורימדיגען אויסגעשריי פון גע־רעכטער נקמה אַרויסגעריסען אים די צונג, און ווי זיינע חברים האָבען תיכף איר לעבעדיגערהייט איבערגעריסען פאַר די פיסלעך אויף צוויי העלפט ———

זיי האָבען געזעען די קאָנוואולסיווע צאַפּלעניש פון די פאַרפייניגטע אין זייער לעצטען גוראַנגעל צווישען לעבען און טויט, צווישען ערע און שאַנד,—

און זייערע הערצער האָבען זיך אויף שטיקער געריסען!

זיי האָבען געהערט די ענױמדיגע קרעכצען פון די גוססע אונטער די הענט פון זייערע פינגער און זייערע לעצטע חיי־געשרייען, —

און ס'האָבען זיך געשפּאָלטען זיי די הערצער און די מוחות!

אָבער — ועוד היד נטויה! זיי איז באַשערט געװען צו זעען נאָך מערער — — —

פאר זיי איז פּלוצלינג אויסגעװאַקסען אַ נייע גאַנצע מחנה דאָנער, וואָס האָבען מיט אַ ווילדען ליאַרים און געפּילדער, מיט צינישען געשפּעט און העסליכסטע זלזולים געיאָגט זיך מיט עקשנות נאָך מיידלעך און נאָך ווייבלעך, נאָך קליינע מיידעלעך און אַלטע ווייבער — — —

און די דאָזיגע אײַנגעשפּאַרט-גערודפטע טעכטער פון ישראל זיינען געלאָפען איבער דער גאַס און איבערן מאַרק מיט ווילד־צעשויבערטע האָר און טויט-בלאַסע געזיכטער, מיט מוראַדיג־ברייט געעפענטע אויגען און מיט אַן אָפּגענומענעם לשון, — גע־ראַפּען הענדום-פענדום, ניט ווײסענדיג וואוהין און שלוכצענדיג אַן אויפהער — — —

און אויף די דאָזיגע אַלע ריינע טויבען וועט געוויס באַלד אויספאַלען דערזעלביגער גורל פון די פריערדיגע שוועסטער זייערע!

זיי האָבען דאָס אַלץ געזעען — זיי האָבען דאָס אַלץ, דוכט, אין איין אויגענבליק דערזעען, און ווי אַ לאַנגע שוואַרצע אייביגקייט האָט זיך עס פאַרגעשטעלט פאַר זיי!

און זיי האָבען דערשפּירט:
אַז דאָ מוז עס געשעען!
און זיי האָבען געוואוסט:
אַז דאָ איז זייער ציל!

* * *

דער הימעל איז שוין אינגאַנצען פאַרצויגען געוואָרען מיט אַ טיף-געדיכטער שוואַרצקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ בייז־בשורהדיגע אימה... שטאָק-חושך איז געוואָרען אויף דער ערד...

מיט אַמאָל האָט אַלץ אַרום געטאָן אַ ציטער... אַ מאָרגע העפטיגער ווינט האָט זיך, ווי אַ ווילדע חיה־רעה פון קייט אָפּ־

געריכען פון ערגעץ פארבארגענע מקומות אומגעריכט געמאַך אהער א טראַג מיט שאַרפען וואוט און גרוויליגען געהייל — —

מיני צושראָקענע פייגעלעך האָבען זיך מיט אַ מאָל איבערן שטעטעל באַוויזען, — צי פון זיכערע נעסטען פארוואָגעלטע אָדער פון אומזיכערע נעסטען אגטרונענע. — האָבען גענומען ציטערען-פלאַטערען גאָר נידעריג איבער די דעכער פון די חרוב-געוואָרענע שטיבלעך, האָבען געהיפּט פון דאַך אויף דאַך און האָבען צום סוף זיך אָפּגעשטעלט ווידער ציטערען-פלאַטערען איבערן דאַך פונם חרובן און פאַרשוועכטען בית־המדרש, ווי זיי האָלטען געוועלט, ווי הייסלאָזע, אין די לעכער און אין די חורבות זיינע אַ שוץ פאַרן געוויטער זיך געפינען — בעת ער אַליין איז געוואָרען לנגזרי הפקר — — —

אַלץ האָט זיך פאַר שרעק צו עפּעס געטוליעט.. ס'האָבען זיך דערשראָקען גראָזען, בלומען ..

ס'האָבען גענומען ציטערען און טרייסלען זיך די שיטערע דאַרע צווייגען אויף די עטליכע איינזאַמע ביימער פון שטעטעל און עס האָט מיט משונהדיגען כעס גענומען רייסען פון זיי אפילו די נאָך נים פאַרוועלקטע בלעטער און טראָגען זיי אין דער לופטען ערגעץ העט-הייט — — —

נאָך אַ רגע — און אַ הייטער בליץ האָט כהרף-עין דורכגעשניטען די שווארצע חושכדיגע לופט און גלייך נאָך אים האָט זיך דערהערט אַ הייטער דונער, באַלד אַ צווייטער בליץ און אַ צווייטער דונער, נאָך אים אַ דריטער און אַ פערטער און וואָס הייטער אַלץ אָפטער און אַלץ מער און אויך נעענטער און שטאַרקער.. מיט אַמאָל האָט עס אַ ביגרן סאַמע שטעטעל אויסגעבראָכען אַ נעוואַלדיגער פּאַרטויבענדיגער געקנאַל — און תיכף איז געוואָרען מאָדנע שטיל — — — שטיל, ווי פאַר אַ נייעם, נאָך גרעסערען געוויטער — — —

און נאָך גרעסער איז געוואָרען די בייזע שרעק טרום ..

ס'האָבען אָבערגלויבעריש אויפגעציטערט און אויפגעשוידערט די אָרטיגע תושבים, וואָס זיינען דאַן געווען אין גאַס, אויפן מאַרק און אויפן פּלאַץ קעגען דעם בית־המדרש; ס'האָבען זיך

אַבערגלויבעריש דערשראָקען אויך די פּרעמדע, די קאָזאַקען,— און אַלע-אַלע האָבען זיי זיך העפטיג צלמען גענומען און שטיל, איטליכער פאַר זיך, אַ תּפילה מורמלען.. ס'האָבען זיך דערשראָקען אַלע ברואים..

אַלע—נאָר ניט די יידען!

קיין שום געוויטער האָט זיי ניט געקענט מער אָפּשרעקען און לעבען — — —

זיי האָבען זיך רואיג אָפּגעשטעלט. האָבען רואיג און האַרציג „שכוח" אָפּגעזאָגט און זייערע אויגען האָבען אויפגעבליצט מיט עפּעס אַ נייער, ביז דער רגע קיינמאָל נאָך ניט דורכגעלעבטער טיפער פרייד. ווי זיי וואָלטען אין דער סטיכיע פאַר זיך עפּעס אַ פונק נייער האָפענונג דערשפּירט, ווי די סטיכיע אַליין וואָלט זיי צו הילף געקומען — — —

די קאָזאַקען האָבען זיך אָפּגעשטעלט און נשתומם זיך אומגעקוקט אויף די יידען, וואָס זיינען דאָ פאַר זיי פלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אַרויס... זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, און האָבען אויף אַ רגע זיך פאַרלאָרען... זיי האָבען דאָ פאַר זיך געהאַט ניט קיין „ירלעך-צווינגע און צווינגע", זיי האָבען דאָ געהאַט פאַר זיך אַ שׂונא, וואָס האָט אַרויסגערופען אַכטונג און רעספּעקט — — —

ביידע שונאים האָבען זיך אָנגעקוקט—אין אַ מאָדנע שטילען שווייגען — — —

אַ שטילקייט איז געווען אויפן הימעל און אַ שטילקייט אויף דער ערד—אַ שטילקייט פאַר אַ שטורים!

דאָס האָט אָבער אויך געדויערט בלויז איין קורצע ווײַלע!

אין די הערצער פון „די פאַרטייריגער האָט געברענט אַ טיפער פייער פון הייליגען צאָרען, וואָס איז ביז אַהער געווען בלויז שטיל פאַרטאַיעט, איז אָבער קיינמאָל ניט געווען פאַרלאָשען,—פונקט ווי דער אייביגער פייער אויפן מזבח פון די קרבן-עולות, — און וואָס וועט אָט-אָט אויסברעכען מיט אַן אויסערגעוויינליכען שטורים. און ער האָט זיך שוין גענומען הייבען. אָט דער פייער, אַלץ העכער, שטאַרקער, — אָט האָבען זיך

שוין גענומען צינדען די געמישער, — און עס האט זיך שוין דערשפירט באלד א פארשטיקטער און באלד אויך אן אפענער געברום — — —

דער „שטעטעלשער סטראטעג“ — דער ראש פון די פאר־טיידיגער — האט מיט א קלארער, שטארקער און גאנץ רוהיגער שטים געווענדט זיך צו זיין עולם, אז אלע אלטע לייט און יונגע יינגלעך זאלען תיכף ומיד ארויס פון מחנה און אוועקגיין פון גאס, צונויפנעמען די גאנץ־געבליבענע פורען און וואס גיכער מיט זייטיגע וועגלעך אוועקפירען פונדאנען די ווייבער מיט די מיידלעך און די קליינע קינדער — — —

אז דאס ערשטע איז דערפילט געווארען, האבען די יידען מיט א מאל מיט אן אויסערגעוויינליכער ענערגיע געטאן זיך א הייב אויף און ווי א מחנה פארוואונדעטע לייבען אויף זייערע פארפאלגער, האבען זיי מיט דער שארפסטער פארביטערקייט און אין דער זעלביגער צייט מיט „שמע ישראל“ אויף די ליפען זיך ארויפגעווארפען מיט די צווייגען זייערע אין א העפטיגען שטורים אויף זייערע אומזיסטיגע שונאים די קאזאקען, — און ס׳האט זיך אנגעהויבען א שלאכט ניט אויף לעבען, נאר אויף טויט — — —

א לארים. א געפילדער האט פארטויבט די לופט, — א לארים א געפילדער פון מלחמה!

אין דער זעלביגער רגע האבען די ווייבער און די קינדער אויסגעבראכען אין א מאוידריגען געיאמער און געוויין, — אז די הימלען האבען זיך געשפאלטען! ס׳האבען מיטגעוואיעט מיטגעוויינט מיט זיי די בהמות און די חיות פון׳ם שטעטעל, ס׳האבען מיטגעקולות׳ט אויך די ביסער עופות פונעם שטעטעל, ס׳האט מיטגעוויינט א האלץ פון וואנט און א שטיין פון גאס, ס׳האבען מיטגעוויינט אפילו די ארטיגע תושבים, — ווער ווייס, אפשר האבען זיי שוין חרטה באקומען אויף דאס גרויסע בייז און אויף די שלעכטע מעשים, מיט וועלכע זיי האבען זיך אזוי שטארק פארזינדיגט קעגען זייערע אומשולדיגע שכנים די יידען, אדער אפשר נאר מחמת א גאנץ אנדערן מאטיוו — ווער ווייס...

אין אַ פֿירכטערליכען קאָנטאַקט מיט דעם האָט אַן אומגע־היערער פֿאַרבלענדענדיגער בלאַס פֿון הימעל—בליצלינג באַגאָסען די גאַנצע מיט אַלע חורבות, דעם פּלאַץ פאַרן בית־המדרש און דעם מאַרק מיט אַלעמען און אַלץ מיט אַ רויטער פֿייערדיגער ליכט, און באַלד דערויף האָט אַ קנאַל געטאָן אַ געוואַלדיגער פֿאַרטויבענדיגער דונער, באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער און אַ פֿערטער,—און ס'איז אויסגעבראָכען אַ שטורימדיגער מבולדיגער רעגען, וואָס האָט פֿאַרוואַנדעלט די שטעטעל אין אַ זומפּ...

טייכען בלוט און טרערען האָבען זיך צונויפגעמישט אין מיסטיג־בלאָטיגען זומפּ און איבער דעם אַלעם איז געהאַנגען אַ ווילדער לאַרימדיגער מישמאַש פֿון געוויטער, שלאַכט־געפּילדער און יללות..

הימעל און ערד האָבען זיך צונויפגעמישט אין אַ ווילדען גרוילענדיגען כאָאָס — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

די קאָזאַקען זיינען געווען כאַבילעזירט מיט אַלע כוחות זייערע הן צופוס און הן אויף פערד, האָבען אָנגעווענדט אין שלאַכט נאַהייקעס, פּיקעס און אַפילו פֿייער־געווער, און די יידען זיינען געווען באַוואָפּענט בלויז מיט אומגעלומפּערטע צווייגען, — און דאָך—און דאָך האָט די שלאַכט געדויערט לאַנג, ווייל די יידען האָבען זיך געשלאָגען מיט אַן איבערמענשליכער גבורה און זייער מסירות־נפש האָט זיי פֿאַרביטען די מעלה פֿון כלי־זיין. דערצו האָט זיי נאָך געהאָלפֿען דער געוויטער, דער שטאַרקער רעגען, וואָס האָט געשטערט די באַוועגונגען פֿון די קאָזאַקען און שוואַך געמאַכט זייער שיסען — —

סוף כל סוף האָט דער געוויטער און דער שלאַקסרעגען געגומען ווערען קלענער, שוואַכער, — האָט זיך געביטען אויך דער גאַנג און דער אויסגאַנג פֿון דער שלאַכט — לרעה פֿון די יידען..

די קאָזאַקען האָבען זיך מיט אַ באַזונדערער צערייצקייט אַרויפגעוואָרפען אויפֿן "קאָמאַנדיר" פֿון די יידען, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר אַן אמתן סטראַטעגיש קינסטלער: "ער איז

געוים און „אנטלאָפענער סאָלדאַט", „אַ בונד", — האָבן זיי געשילדערט, — און האָבן אויסגעלאָזן צו אים כל חמתם. דער געראַנגל איז געווען נישט קיין גלייכער און סוף כל סוף איז דער יונגערמאַן געפאַלן אַ צעלעכערטער פון פּיקעס און פון שאַבלען... אָבער אויך אַ טויטן האָבן זיי אים נישט געלאָזט צורה: זיי האָבן אים מיט די פערדישע קלויען פאַרוואַנדלט אין אַן אומפאָרמיגע מאַסע...

די ייִדן האָבן באַלד פאַרלאָרן נאָך עטליכע הרוגים און שווער פאַרוואונדעטע...

די שטימונג ביי די ייִדן האָט גענומען פאַלן און זיי זיינען געוואָרן פון מינוט צו מינוט שוואַכער. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך נאָך אַלץ געראַנגלט און כל זמן זיי זיינען נאָך געווען ביכולת צו באַוועגן מיט די הענט און מיט די פיס, האָבן זיי נאָך אַלץ געשטעלט ווידערשטאַנד... דאַן האָבן די קאָזאַקן זיך אַרויפגעלאָזן אויף די ייִדן מיט די פערד, געוואָרפן זיי צו דער ערד און געטראָמפּלט זיי אויף די קעפּ, אויף די ברוסטן, אויף די בייכער...

דאָ זיינען די ייִדן געוואָרן אַ סך ראַנגלער, דאָ זיינען זיי ווידער מאַרטירער געוואָרן...

אויף איינעם אַ געזונטן ייִדן מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד אין די מיטעלע יאָרן איז אַ קאָזאַק אַרויף מיט זיין פערד אין פולן גאַלאָפּ גלייך אויף דער ברוסט, — האָט יענער אַרויסגעלאָזן בלויז איין־איינציגן האַרצרייסנדיגן אויסגעשריי און אין איין כהרף־עין אויסגעהויכט די נשמה... ביי אַ צווייטן ייִדן, גאָר אַ יונגען, איז פון די פערדישע קלויען צעשטאַמפּערט געוואָרן דער שאַרבן און ס'האָט זיך אויסגעגאָסן די מאַרך... ביי נאָך אַ יונגערמאַן האָט עס פון אַן אַרויפגעשטורעמטער פערדישער קאָפּיטע אויפגעריסן דעם בויך און אַרויסגעשליידערט די גאַנצע געדערים אין דער מיטיגער בלאָטע אַריין...

איז דאָס נאָך ווייניק געווען! האָבן די ווילדע אָנגעכאַפּט איינעם אַ רייכן מאַן פון שטעטעל, וואָס מ'האָט אָקאָרשט פון זיין גאַנצן האָב־און־גוטס געמאַכט אַ תל און ער איז אין איין

האַלבע שעה געוואָרען אַן אביון, האָבען פון אים אַ צווייטער געטאָן „קאָנטריבוציע", און אַז ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו געבען, האָבען זיי אים צוגעשלעפּט צום פּלוש אַנטקעגען דעם בית־המדרש אויפצוהענגען, — איז ער בהרף־עין פון זינען אַראָפּ...

איז דאָס נאָך אַלץ ווייניג געווען! האָט מען ציניש חוזק געמאַכט פון די יידען און מ'האָט ביי זיי געפאָדערט, זיי זאָלען תיכף־ומיד אַרויסגעבען „זייערע ושידאַחקעס", וואָס זיי האָבען זיי בשעת'ן „בונט" באַהאַלטען, און אַז דער ענטפער האָט די קאָזאַקען נים באַפרידיגט, האָבען זיי אַרומגערינגעלט די יידען, אויסגעטאָן זיי הויל־נאַקעט און מיט נאַהייקעס געשניטען זיי די לייבער מיט אַזאַ מענשענפרעסערישער אכזריות, ביז ביי אַ סך פון די קרבנות זיינען הענגען געבליבען גאַנצע שטיקער, גאַנצע פאַסען פלייש... אַ סך זיינען געשטאָרבען אונטער די נאַהייקעס און אַ סך זיינען ליגענדיג אין פאַרבלוטיגטער בראָטע אויסגע־גאַנגען וואָכעס, טרענקענדיג זיך אין אייגענעם בלוט...

האָבען די קאָזאַקען נאָך אַלץ זייער בלוטדורשטיגקייט שטילען נים געקענט, — האָבען זיי ווי משוגעים גענומען שלע־פען הין און צוריק איבער'ן גאַס און איבער'ן מאַרק טויטע און גוססדיגע מענשליכע קערפּערס, פאַרגאָסענע מיט בלוט און שמוץ, און בסדר געמאַסעקט די טויטע און האַלב טויטע לייבער מיט זייערע נאַהייקעס —

די גאַס איז געוואָרען רויט פון בלוט און רויט פון בלוט— דער מאַרק... דער שלאַקסרעגען פון וואַסער האָט שוין אויפגע־הערט, — דערפאַר איז איצט געגאַנגען אַ שלאַקסרעגען פון בלוט, וואָס האָט צוזאַמען מיט די טייבען וואַסער געשטראָמט איבער גאַנץ באַלבי־ישאָק און אריבערגעשטראָמט ווייט, ווייט איבער אירע גרעניצען, האָט געשטראָמט און געזאָטען, געזאָטען און געשריען הויך צו די הימלען און צו אַלע וועלטען, געשריען און גערופען צו נקמה — — — —

* *
*

די קאָזאַקען האָבען אָפּגעהאַלטען אַ גלענצענדיגען נצחון איבער די אומבאַוואָפּענטע יידען און גענומען פון זיי אַ בלוטיגע נקמה פאַר זייער פאַרלאַנג צו פאַרטיידיגען דעם כבוד פון זייערע מוטערס און ווייבער און פון זייערע טעכטער און שוועסטער, — אָבער ער האָט זיי קיין שמחה ניט געגעבען, אָט דער נצחון... זיי האָבען מיט אַמאָל דערזעהן דעם אומגעהייערליך שטראָמענדיגען און זירענדיגען טייך בלוט, וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען און וואָס זיי האָבען זיך אין אים געבאָדען; זיי האָבען דערזעהן זייערע פערד און אַלץ-אַלץ אַרום—פאַרפּליצט מיט בלוט; זיי האָבען זיך אַליין דערזעהן אין קליידער און אין שטיוועל אינגאַנצען אויסגעוואַשען אין בלוט, אין מענשליך בלוט. — און זיי האָבען אויפגעשווירעט אויף די זאַטלען... און מיט אַמאָל האָבען זיי דערהערט אַ קנאַלען, וואָס פון רגע אַלץ נעהענטער און שטאַרקער, אָבער דעם מאָל שוין מער ניט פון דונערן פון הימעל, נאָר — וואָס נאָך שרעקליכער און גרוילענדיגער — פון אונטען, פון דער ערד, פון הינטען און פון אַלע זייטען,—און אַ בייזע אימה איז פּלוצלינג זיי באַפאַלען, און — זיי זיינען אין טויטשרעק אין איין אויגענבליק אַנטלאָפען, ניט פאַרענדיגט זייער אַרבעט פון פולשטענדיגער פאַרטיליגונג און פאַרווּסטונג — — —

* * *

דער געוויטער איז אַריבער, דער רעגען איז געוואָרען אַלץ חייניגער און קלענער און איז צום סוף אינגאַנצען פאַרבײַ. בליצען און דונערן זיינען געוואָרען זעלטענער און די וואָלקענס שיטערער. פון די שיטערער ווערענדיגע טרעגענבויגען האָט אַרומגערייפט אַ האַלבען הימעל, אַ בלויער פּאַס האָט זיך אויפן געהעלב באַוויזען, —און אַ ציטערדיגער זונעשטראַל האָט זיך דורכגעגלימשט דורך דער נאָך געדיכטער לופט און האָט זיך אָפּגעשלאָגען און איבערגעהאַקט אין דעם טייך בלוט פון שטעטעל, אָפּגעשפּיגעלט אין צונטער-רויטע זיגזאַגען... דער הימעל האָט אַזוי ווי פון אונטערן שטערן אַ שמייכעל געטאָן פאַרשעמט, ווי פאַרשולדיגט, שטאַרק פאַרזינדיגט קעגען דער אומגליקליכער ערד... ער איז נאָך געווען פאַרדעקט מיט

שוואַרצע וואָלקענס, אָבער — אַ שטראַל ליכט האָט זיך שוין דורכגעריסן צו דער ערד — — —

מיט זייער מסירות-נפש האָבן די הייליגע גבורים פון באַלבירישאָק געראַטעוועט פון שאַנד די מיידלעך און די ווייבער פונ'ם שטעטל, וואָס די אַלטע האָבן זיי בשעת דעם פאַר-טיידיגונגס-געראַנגל פאַרפּאַקט ווי הערינג אין וואָגענס אונטער היי און שטרוי און אַוועקגעפירט צוזאַמען מיט די קינדער וואוהין די אייגענע טראָגן — — —

אָבער אין שטעטל זיינען אויך פאַרבליבן זקנים, וואָס האָבן ניט געקענט איבערלאָזן „זייערע קינדער" די פאַרטיידיגער אַליין, זיינען אויך געגאַנגען אויף מסירות-נפש. האָבן זיך „באַהאַלטן" אין אַזוינע ערטער, וואו מ'וואָלט זיי לייכט געקענט געפינען, און געוואַרט. פאַרגיסענדיג אין האַרציג-שטילע תפילות טייכן אַלטע טרערן, — געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין דער סוף...

אַז אַלץ איז געווען געענדיגט, זיינען די זקנים אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, זיינען אַוועק איבער'ן שטעטל אין האָבן געטראָפן עטליכע פון די פאַרטיידיגער, וואָס זיינען על-פּי-נס אַרויס בלויז לייכט פאַרוואונדעט. זיי האָבן אַלע צווישן זיך צעטיילט די פונקציעס: איינינע פון זיי האָבן צונויפגעזאַמלט די הרוגים, די צעריסענע טויטע קערפּערס און די אָפּגעריסענע גלידער — הענט, פיס, איינצעלנע פינגער, שטיקער און פאַסן פלייש — און האָבן דאָס אַלץ געבראַכט צו קבר ישראל; די אַנדערע האָבן צונויפגענומען די ערגסט פאַרוואונדעטע און מסוכן-קראַנקע, האָבן ביי עטליכע שכנים-קריסטן באַקומען פורן און אַוועקגעפירט די חולאים און זיינען אויך אַליין אַלע אַוועק פון דער דאָזיגער שחיטה-שטאָט — אין וועג נאָך די פורן מיט די ווייבער און די קינדער — — —

דער הימעל-געוועלב איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואָלקנט, אָבער פון הינטער די צעריסענע כמאַרעס האָט שוין אַרויסגעקוקט די זון. אמת, זי האָט זיך שוין דערלאַנגט אַ שטאַרקען נייג צו מערב און זי האָט באַלויכטן דעם וועג די נייע וואַנדערער

מיט אירע פארנאכטיגע קאלטע שטראלען, אבער דאך איז דאס אזוי געװען, אבער דאך זײַנען דאס געװען שטראלען...

די צומורשטע און מטובן־קראנקע באלבירישקער גבורים זײַנען געלעגען אויף די פורען מיט אפענע אויגען געװענדט קעגן דער פארנײַענדיגער זון און זײערע געזיכטער האבן גע־שטראלט פון עפעס א טיפער צופרידענקײט, פון א טיפער רײנער שטילער נשמה־פרײד, פון א התפעלות נישט אויסצודריקן מיט װערטער, און זײערע פארשטאכטע ליפען האבן געשמײכעלט מיט א ניט־ערדישען שמײכעל און געמורמעלט א שטילע־שטילע אג־װערטערדיגע תפילה... עטליכע פון זײ, װאס האבן נאך געהאט כוח צו רײדן, האבן פארזיכערט די ארומיגע, אז זײ פילען עפעס גארניט קײן שום װײטאג, קײן יסורים, אז די נשמה האט זיך זײ אויסגעטאן פון חומר, און אז זײ פילען זיך גוט, אזוי גוט, װי נאך קײנמאל נישט אין לעבען, אז זײ פילען זיך טיף אין הארצען גליקליך, װאס זײ האבן פארהיט די טעכטער פון ישראל... װאס זײ האבן זוכה געװען אויפצוהאלטען גאנצע װעלטען...

בײַ אײנעם א גוסס'ן אויף די ליפען איז דאס לעצטע װארט געװען:

— גרויסער גאט: פארהיט! פאר—היט פ־א־ר־ה־י־ט

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווילנער נייע לעגענדעס.

א.

מידה כנגד מידה.

אין יאָר תּרע״ד האָט די זינדיגע וועלט אַ ציטער געטאָן און איז אויפגעטרייסלט געוואָרן אין אירע גרונדפעסטן, און דאָס יאָר תּרע״ה איז גאָר אַ בייז יאָר געווען, וואָס האָט ביז דעמאָלט זיין גלייכן ניט געהאַט. דערפאַר האָבן זיי, די ביידע יאָרן, אַזוינע נעמען באַקומען— — —

— — — דער מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון דעם מזרחדיגן מלך־בכּפה און ער האָט אין דער מלחמה מיט זיינע גרויסע שונאים געליטן מפּלות נאָך מפּלות. זיין שר אין הימל איז גאָר שוואַך געוואָרן — און עס האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ פונם מלך און אַ שוידער איז אַריבער איבער אַלע אברים זיינע. ער האָט צונויפגערופן אַלע זיינע אַלטע חכמים ושרים אויף אַן עצה און זיי האָבן צו אים אַזוי געזאָגט:

— גרויסער, געאַכפּערטער און באַליבטער מלך המלכים! אַלע אומות פון דיין אומגעהייערער קיסריות, פון די גרויסע און קליינע, ווייטע און נאָהענטע מדינות דיינע, זיינען דיר פונקט אַזוי געטריי ווי דיין אייגן רעכטפאַרטיג פאָלק, טראַכטן און קלערן נאָר וועגן דיר און זיינען זיך מוסר־נפש פאַר דיר, פאַרגעסנדיג לגמרי אָן זיך. בלויז איין אומה איז דאָ, פון אַ ווייטן לאַנד אַמאָל אַהער געקומען.

וואָס וואוינט צווישן די געמאַרקן און איז מגלה דעם שונא אַלע סודות דיינע, אפֿילו אַלע טיפֿסטע און באַהאַלטנסטע מחשבות, וואָס דו טראַכטסט ביינאַכט אין דעם חדר פֿון דיין געלעגער. בקיצור, דאָס איז דאָס פֿאָלק פֿון „יהודה איש קריאות", וואָס מ׳דאַרף עס עוקר מן השורש זיין — — —

און דאָס האַרץ פֿונ׳ם מלך איז נאָך די דאָזיגע רייד געוואָרן ווי אַ קאָכעדיגער קעסל און עס האָבן זיינע נאָזלעכער מיט גרימצאָרן געזשויבערט. ניט געטראַכט האָט ער באַלד שאַרף און בייז באַפֿוילן:

— זאָל זיין אַזוי! אַזוי ווי איר האָט אָט גאָר צולעצט געזאָגט: „מ׳דאַרף עס עוקר מן השורש זיין!"— — —

און באַלד איז אַרויס אַ שאַלקהאַפֿטיג-גיפֿטיג וואָרט:

— שפּיאָנען!

פֿון מאַן און ווייב, פֿון אַלט און יונג, פֿון קינד און קייט האָט מען פֿון פֿרי ביז נאַכט און פֿון נאַכט ביז פֿרי געהערט בלויז דעם איין וואָרט:

— שפּיאָנען!

פֿון אומעטום, פֿון אַלע זייטן האָט אָפּגעהילכט דאָס בייזע וואָרט:

— שפּיאָנען!

די גאַנצע לופֿט איז אָנגעזאַפּט געווען מיט׳ן גרוילענדיגן סם פֿון חשד:

— שפּיאָנען!

ס׳איז צוגעקומען אַ נייער בלבול—עלילה-שפּיאָנען — — —

ס׳האָט געשטיקט, געוואָרגן אין דער דאָזיגער פֿאַר׳סמ׳טער לופֿט... ס׳זייגען אָן אַ צייט פֿאַרוועלקט געוואָרן די שענסטע בליענדיגע בלומען און ס׳זיינען אומגעקומען אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור אומשולדיגע לעבנס—פֿון דער עלטסטער אומגליקליכער אומה— —

די לופֿט איז באַלד פֿאַרטויבט געוואָרן פֿון מאַוויידיגע קולות — — —

ס׳האָט געוויינט אי חי, צומח און אויך דומם. ס׳האָבן געוויינט די חיות פֿונ׳ם וואַלד, די ביימער, פֿלייטן, ווענט און קוימענס — די

שטומע עדות פון מענשליכער רציחה; ס'האָבן אויך געוויינט די שטיינער אין די גאַסן און אויף אַלע וועגן — אויף דאָס פאַרגאָסן בלוט פון די אומשולדיגע קרבנות... און ס'האָט זיך אַלץ געמערט מער דער געיאָמער און די קלאָג, ביז — — —

די שטראָמען זודיגע טרערן האָבן אויפגעריסן די פעסט פאַרשלאָסענע טויערן פון הימל — און ס'איז געקומען אויך אויף די שונאים די בייז־באַשערטע שטראָף — — —

די מפּלות זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער, שטאַרקער — און די טיאַזמען פון דער פאַרפעסטיגטער געדיכטער לופט פון עלילת־שפּיאָנען האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַזוי ברייט און ווייט און הויך, אַז זיי זיינען באַלד אַריינגעדרונגען — אויך גאָר אין די הויכע פענסטער, אויך אַזש צו די, וואָס האָבן אַליין אויסגעטראַכט דעם דאָזיגן שאַלק־האַפטיגן בלבול אויף די יידן, און ס'האָט זיי אויך גענומען שטיקן, ווערגן, סמ'ען... און זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן גענומען פאַלן פון די אייגענע רוצחישע הענט — — —

אַזוי זיינען זיי באַצאָלט געוואָרן מדה כנגד מדה — — — —

ב.

די באַשערטע שטראָף.

מ'האָט אַ גאַס דורכגיין ניט געקאָנט, וואו מ'איז איז געשטאַנען און וואוהין מ'איז געגאַנגען — אימעטום האָט מען געהערט פון גרויסע און פון קליינע בלויז איינעם און דעמזעלביגן פזמון: „ביילים! גערמאַנטשיקי! שפּיאָני!" אין די פאָרשטעט און אין די זייטיגע גאַסן און זאַוואולקעס פלעגט מען אָנפאַלן אויף אַלטע און אויף יונגע יידן מיט פויסטן און מיט שטיינער — — —

איינמאָל פאַר שבועות אין אַ שיינעם ליכטיגן פרימאָרגן איז דער שקפל — גער אַלטער רב געגאַנגען דאַווענען. האָט אים באַגעגנט אַ שגץ, איז אָנגעפאַלן אויף אים מיט די שפלכטע זלזולים, האָט אים געריסן באָרד און פאות און אים שטאַרק געשלאָגן. דער זקן איז געלעגן אויף דער ערד אַ צעבלוטיגטער כמעט אָן כוחות.

יונגע יידן האָבן דאָס דערזעהן און געוואָלט זיך אָננעמען פאַר אים. האָט ער זיך גענומען בעטן ביי זיי דאָס ניט צו טאָן:

— גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר דאָס פאַרגאָסן אומשולדיג בלוט פון זיין געפלאָגטן פאָלק און וועט אליין באַשטראָפן פאַר די בלבולים און פאַר די רציחות, וואָס די בלבולים האָבן גורם געווען! — „לי נקם ושלם"...

און ס'איז געווען אַזוי.

דער שגץ האָט זיך משונהדיג פאַרקוקט אויפן אַלטן רב, וואָס האָט ניט געלאָזן די יונגע יידן זיך אָננעמען פאַר אים, האָט זיך פאַרטראַכט און איז אַוועק ווייטער. ער איז געגאַנגען איבער דער ליניע, וואָס איז געווען פאַרנומען פון אַ צוג מיט חייל. האָבן אים די סאָל־דאַטן מתרה געווען, ער זאָל אַראָפגיין פון דער ליניע. האָט ער פאַ־טראַכטערהייט דאָס מסתמא ניט געהערט און איז זיך ווייטער געגאַנגען. האָט די וואַך אויסגעשאָסן אין אים און ער איז געפאַלן — אַ טויטער — — —

ג.

פאַר חילול הקודש.

כ' סיון תרע"ה, דעם טאָג פון „תענית גזירות ת"ח ות"ט", אין דער פרי, איז אויף נאָווינאָראָד אַ רבי מיט תלמידים געגאַנגען דאַווענען אין שול. די קינדער זיינען געגאַנגען פאָרוויז און שטיל, מיט סידורים און סליחות אונטער די אָרעמלעך, אַנדערע אויך מיט תפילין־זעקלעך אין די הענטלעך, און אויף זייערע פּנימלעך איז גע־ווען אויסגעגאָסן פּונקט אַזאַ ערנסט און טרויער, ווי ביי זייער גרייז־גרויען רבי'ן.

באַלד האָט זיי באַגעגנט אַ שגצ'ל פון אַ יאָר פופצעהן און אָנגע־הויבן וואַרפן אין זיי שטיינער און זידלען:

— ביילים! שפיאָנעס!...

האָט געשוויגן דער רבי און ס'האָבן געשוויגן די תלמידים און זיי זיינען זיך אַלע געגאַנגען רוהיג ווייטער זייער וועג.

אין דער שגצ'ל גאָר צערייצט געוואָרן, האָט זיך אַרויפגע־

וואָרפן אויף די קינדער מיט די פויסטן, האָט מיט ווילדער חוצפּה אַרויסגעשטעקט אַ צונג דעם רבּי׳ן, האָט מיט שום אויף די ליפּן געריסן די סידורים און די סליחות, געוואָרפן אויף דער ערד די תּפילין און געטראָטן זיי מיט די פיס.

זיינען די ייִנגלעך אין גרויס גרימצאָרן אַריין און האָבן געוואָלט אויך מיט זידלערייען און שטיינער ענטפערן.

האָט דער רבּי גענומען בעטן זיך ביי די קינדער דאָס ניט צו טאָן:

— דער אייבערשטער וועט זיך אָננעמען פאַר די תּינוקות של בּית רבּן און פאַר די פאַרשוועכטע דברים שבּקדושה און וועט דעם זינדיגן באַשטראָפן.

און ס׳איז געווען אַזוי.

דער שגץ האָט אַזוי ווי פאַרשטאַנען די לעצטע ווערטער און ס׳האָט אים עפּעס אָפּגעריסן ס׳האַרץ. ער האָט געטאָן אַ משונהדיגן קוק אויפן רבּי׳ן און אויף די תּלמידים און באַלד אויך אויפן פאַרכמאַרעטן הימל און איז אין טויט-שרעק אַהיים אַוועקגעלאָפן — — —

אַז ער איז אין שטוב אַריין, האָט ער זיך פאַרן האַרצן געכאַפּט, האָט זיינע חברים און די קרובים מיט די שכנים מיט ניט קיין גוטן וואָרט דערמאָנט... און אַז זיין מאַמע האָט אים געפרעגט, וואָס איז אים מיט-אַמאָל אַזוי שלעכט געוואָרן, האָט ער אויף איר קוים אַ קוק געטאָן און האָט בלויז דעם איין וואָרט אַרויסגעזאָגט:

— ווידוי-זאָגן!...

די מוטער האָט אַ יללה אויפגעהויבן, האָט כּהרף-עין דעם גייסטליכן גערופן — און דער אומגליקלעכער פאַרפירטער זון איז באַלד אויסגעגאַנגען — — —

ד.

אַ פאַטער פון יתומים...

אין דעם טרויעריגן ביון תּרע״ה זיינען אין אַ ייִדישן הויף אויף זאַרעטש־יע אַריינגעפאַרן עטליכע „אַרויסגעזעצטע״ דערשלאָגענע ייִדישע פאַמיליעס פון קאָוונער גובערניע. זיי האָבן געמיינט דאָרטן

אַ צייטווייליגע „היים", אַ מקום־מנוחה צו געפינען, ביז גאָט וועט זיך איבער זיי מרחם זיין און וועט זיי אומקערן צוריק אַהיים פונם גייעם גלות. אָבער, פונקט ווי אין זייערע ישובים און אין וועג, האָבן זיי אויך דאָ קיין רוה פאַר זיך לחלוטין ניט געפונען.

דער קערער מיט דער קערעקע האָבן גענומען ברענגען די אומגליקליכע די טריט, כל־ערליי נגישות אָנטאָן זיי. בפרט האָט זיך דעריין די קערערקע אויסגעצייכנט. דאָ טאָר מען ניט שטיין, דאָ — ניט גיין און דאָ — ניט זיצן... ווי אַ האָגל גיהינומשע שרצים האָבן זיך פון איר ברייטגעעפנטן מכשפה־מויל געשאָטן אָן אָן אויפהער אויף די „זשידעס די אַרורים" די עקעלדיגסטע חרפות וגידופים און די טייוולאָנישסטע קללות און חרמות. נאָר מיט אַ באַזונדערער רוצחי־שער הנאה האָט זי זיך נוקם געווען אָן די „קליינע זשידקעס", אָן די עלנדע אמתע יתומים, וואָס זייערע פאָטערס זיינען דערהרגעט געוואָרן אויף מלחמה, און אָן די לעבעדיגע יתומים, וואָס זייערע טאַטעס דערוואַרט נאָך דאָרט דער בייז־באַשערטער גורל — — —

איינמאָל איז זי, קערנדיק דעם הויף, אָנגעפאַלן אויף אַ דורכגייענדיגן יינגעלע מיט ווילדע קולות: „אַך דו קליינער ביילים! אַך דו קליינער שפיאָן!" און האָט מיטן בעזים אויסגעשמאָרעט אים די אויגן. זי האָט אים אין די שוואַ־צאַפּלען געטראָפן... דער יינגעלע האָט ניט מיט זיין קול אַ האַרצרייסענדיגן געשריי געטאָן, איז זיך פאַרגאַנגען און איז אַ געחלשטער ווי אַ סנאָפּ אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן...

באַלד איז די מוטער פונם קינד, איינגאַנצן אָן אויפגעציטערטע, צוגעלאָפן צו אים און האָט אים מיט יעלות מינטערן גענומען, און אַז דאָס האָט זיך איר שווער איינגעגעבן, האָט זי די האָר אויף זיך געריסן און האָט זיך מיט פאַרבראָכענע הענט געווענדט צום הימל מיט טענות און מיט תביעות פון אַ פאַרביטערטער נשמה. זי האָט זיך געשטיקט, געוואָרגען מיט די ווערטער פון גרוים אויפרעגונג און פון איר מויל האָט זיך באַלד אַרויסגעריסן אַ שוידערליכע קללה:

— אויב דו, רבונו של עולם, ביזט אַ פאָטער פון יתומים און אַ גערעכטער דיין פון אלמנות, זאָלסטו די רוצחת'עס קינדער אויך אַזוי פלוצלינג מאַכן פאַר יתומים, ווי אומגערעכט פאַר מיר דו האָסט

געלאָזט צונעמען פון מיר מיין מאַן און דערהרגענען אים אין ערגעץ אַ העט-ווייטן לאַנד און ווי אומגעריכט דו האָסט אָן רחמנות די קינדער זיינע פאַר יתומים געמאַכט!..

און ס'איז געווען אַזוי— — —

די קערערקע האָט גוט פאַרשטאַנען יידיש, האָט געהערט די קללה און האָט זיך לכתחלה אויסגעלאַכט פון איר, אָבער נאָכדעם האָט זי פלוצלינג די קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אַוועקגעוואָרפן קערן און איז אין שטוב אַוועק. אין אָוונט האָט זי זיך אַ פרישע—אַ געזונטע פריער ווי אַלעמאָל שלאָפן געלייגט און האָט זיך ווי אין אַ בייזן קאָשמאַר געוואָרפן אויף די זייטן און שלוכצן און שרייען מיט אַ פאַרשטיקטן קול פון שלאָף. ביינאַכט האָט זי זיך בלויז איין מאָל אויפגעכאַפּט פון אַ שוידערליכן חלום, האָט אויפגעוועקט דעם מאַן און אים געהייסן—ניט אין ריי זיך אויף „וואַרטע" שטעלן און ניט דערלאָזן דעם דערהרגעטן יידישן סאָלדאַט, דעם „פאָטער פון די יתומים", אין טויער אַריינגיין, ווייל ער וויל זי ווערגן, ער האָט זי שוין איין מאָל אַפילו אָנגעהויבן ווערגן...

דער מאַן האָט אויף זיין ווייב אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן, האָט איר אָבער געפאָלגט, האָט זיך איבערגעצלמט און איז אַרויס אויף וואַרטע. ער האָט עטליכע חברים זיינע פון די שכנותדיגע הויפן צו זיך צום טויער צוגערופן און זיי אַלעמען דערציילט דעם בייזן חלום פון זיין ווייב.

איינער האָט אים דערויף מיט אַן אומעטיגן קול געענטפערט:

— מיר האָבן זיך, פאַנאָווע, קעגן זיי די לעצטע צייט צו פיל פאַרזינדיגט... גאָט שטראָפט אונז דערפאַר,—איר זעהט!..

— — — אויף מאָרגן פרי האָט דער קערער געפונען זיין ווייב אויף דער ערד אַן אַראָפּגעפאַלענע פון בעט און שוין אינגאַנצן אַ קאַלטע—מיט צייכנס אויפן האַלז — — —

ווילנע, סיון, תרע"ט.

היימלאָזע

(פון מיין טאָגבוך)

דער טאָג איז געווען אַ פיינליך־הייסער און אַ שטיקנדיגער. די תמוז׳דיגע זון האָט מיט אכזריות׳דיגער תאוה גלייך געברענט־געשרפה׳ט אי די לויטערע בלויקייט פון הימל, אי די זאַפטיג־פרישע גרינקייט פון דער ערד, אי די טונקעלע גרויקייט פון דער שטיינערנער שטאָט.

די גליקליכערע לעבעדיגע ברואים האָבן זיך פון דער העלישער היץ ערגיץ אין אַ קילן שאָטן אַ שוץ געפונען, — די עלנדע שטיפקינדער אָבער פון לעבן האָט אויף שריט און טריט אַ זונענשלאַק געטראָפן, און בלויז זעהר ווייניג פייגעלעך, פון זייערע נעסטן פאַרוואָגלטע, האָבן פון דער שריפה אַ באַשירעמונג געפונען...

איך האָב אָנגעוואָרן די פאָרשטעלונג פון צייט און רוים. פון די טיפעלישן פון האַרצן האָט זיך עפּעס אַ קנויל גענומען הייבן, האָט זיך געדרייט־געקייקלט און איז אַלץ גרעסער געוואָרן, ביז עס האָט זיך אַזש צום האַלז דערהויבן און מיך שטיקן גענומען ...

... פון עפּעס אַ געהיימער קראַפט געטריבן, בין איך אויף די גאַסן אַוועק. אָן אויפהער בין איך אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, פון גאַס צו גאַס, פון שטאָט אין די פאָרשטעט — געגאַנגען־געוואַנדערט פון „היים“ צו „היים“ — און עס איז אַלץ קיין סוף צו די „היימען“ ניט געווען. און עס איז אַלץ קיין סוף ניט געווען צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע — צו די „אַנטרונענע“...

א. פייגעלעך.

נאָך אַ לאַנגן אומבלאָנדזען אָן אַ ציל און אָן אַ זין בין איך אין אַ „היים“=אַ שול אַריין.

אויבן, אין ענגן, שמאָלן עזרת=נשים, אין אַ קלעפּיג=געדיכ=טער גרויער לופט, וואָס האָט געשטיקט=געוואָרגן פון אַלע זייטן; וואָס האָט זיך, דוכט, געקליגט טיף אין די אויערן אַריינ=צודרינגען, איז אין די אויגן אַריין און מיט איר שאַרפן גיפט געגעסן זיי; האָט זיך דורך מויל און נאָז טיף אין די געהירן אַריינגעכאַפּט, דאָרט אַלע צעלן אָנגעפילט און מיט אַ בליי=שטויביגן נעפּל דעם מוח פעסט פאַרצויגן און אים געפרעסט אָן אויפהער;— אָט דאָ, אין צווייטן האַלבן היכל, וואָס איז אין אַ מקלט=אָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן, האָבן זיך איבער צוויי הונדערט נפשות היימלאָזע געפונען: מאַנסביל, ווייבער, אַלט און יונג, און בלויז אַ ביסל קליינע קינדער, איינס פון אַנדערן קלענער, דאַרער, גרינער, געלער.

אַ שקרוך איז מיר איבערן גאַנצן לייב אַדורך.

* * *

פאַרשטיקט אין זיך, כמעט פאַרטעמפּט, זיינען אויף די לאַנגע שמאָלע פאַרברודיגטע ביינק יונג=פאַרוועלקטע ווייבלעך איינע נעבן די אַנדערע געזעסן און געשוויגן.

איינע אין שוואַרצן און איינגאַנצן אָן איינגעשרומפּענע, מיט אַ פריצייטיג צערונצלטן פאַרמעט=געזיכט, אָנגעלעהנט אָן רוקן פון אַ באַנק, דעם קאָפּ אויף פאָרנט, צום ברוסט, אַראָפּגעבויגן און די הענט אויף די קני אַראָפּגעלאָזט מיט די פינגער איינע אין די אַנדערע פאַרפלאָכטן,—האָט מיט שט לע אָבל=בליקן אויף אַ שפּאַלט אין דער שוואַרץ געוואָרענער דיל געקוקט, דוכט זיך, שעה'ן לאַנג און אפשר גאַנצע טעג און נעכט אָן אויפהער אַזוי געקוקט, זווי זי וואָלט דאָרטן אין שפּאַלט עפּעס אַ טייערע, האַרציג=ליבע אַך געהאַט, פון וואָס זי קען אַפילו אויף אַ רגע ניט אָפּרייסן די אויגן און מיט וואָס זי קען בשום אופן זיך ניט שיידן...

אָן אַנדערע, אַ קרענקליך=בלאַסע, אָן אַ טראָפּן בלוט אין די

איינגעפאלענע באקן, מיט א דינער, עטוואס אויסגעצויגענער נאז, האט זיך מיטביידע אויסגעדארטע הענט פארן הארצן אלץ גע־האלטן און מיט עפעס א מין פאר׳יאוש׳טן געבעט פון שטילע טויבן־אויגן אויף אלץ ארום געקוקט...

אנגעשפארט מיט ביידע עלנבויגנס אן א פענסטער אין דער דרום־וואנט און מיט ביידע הענט פארדעקט די באקן, האט איינע א שלאנקע, מיט צוויי לאנגע שווארצע צעפ אראפגעהאנגענע, — ווייזט אויס, נאך א יונג מיידל, — אין א דינער אלטער קלייד, פון א אומבאשטימטן שטאף און פארב, — געקוקט ארויף צום שמאלן הימל־פאס, וואס האט זיך דורכן פענסטער דא געזעהן, און פון צייט צו צייט א שטיל־פארשטיקטן זיפץ ארויסגעלאזן...

און ביי א צווייטן פענסטער אין דער זעלביגער וואנט האט א בלייכע פרוי א קינדערש קליידעלע אדער עפעס אנדערש פון וועש פארריכט און גאנץ אפט פלעגט איר פון אויג אראפפאלן א טרער אויף דאס געניי און איבערלאזן דערויף א נאסן פלעק — — —

אין מזרח־וואנט, אריבערגעבויגן איבערן געלענדער פון דער גאלעריע און געווענדט צום ארון־קודש, איז מיט פארבראכענע הענט און פארשוואלענע אויגן א פרוי געשטאנען. שטארק קענטיג, אז דורך עפעס אן אויסערגעוויינלעכער קאטאסטראפע איז זי גרוי און אלט געווארן: דאס מויל איז ביי איר געוועזן פונאנדערגעריסן און אויסגעקרימט, אזוי אז אויסער דעם מויל האט זיך כמעט קיין געזיכט ניט געזעהן. די טרערן אירע זיינען, קענטיג, שוין אויסגע־טריקנט געווארן, — זי האט ניט געוויינט, זי איז ווי א פארגלי־ווערטע געשטאנען, נאר צייטנווייז פלעגט זיך איר פון האלז ארויס־רייסן א האלב־דערווארגענער שלוכץ, ווי זי וואלט אים וועלן איינהאלטן אין זיך, כדי די ארומיגע שטילקייט ניט צו שטערן. זי קען און וועט שוין קיין טרייסט קיינמאל מער ניט האבן, ווייל קיינער קען איר מער מיט קיין זאך שוין ניט העלפן... עס האט זיך אויסגעדוכט, אז זי קלאגט דעם אלטן איכה־קלאג:

„עס זיינען אויסגעגאנגען פון טרערן מיינע אויגן
אויפן גרויסן בראך פון מיין געשענדטן פאלק...
בעת דער׳הרג׳עטע און זויגעדיגע קינדער

האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן פון דער שטאָט...
ווענען איך האָב געהאָדעוועט, געמאָסטן און געוואויגן —
האָט מיין שונא זיי פאַרטיליגט...
פון דרויסן איז אַ שווערד און אינעווייניג טויט...
איך וויין בייטאָג און וויין ביינאַכט,
דען פון אַלע מיינע ליבהאָבער און פריינד
האָב איך קיין טרייסטער ניט, —
אַלע מיינע גוטע פריינד האָבן ווילד געפעלשט אין מיר...
האָבן מיך פאַר אומריין דערקלערט,
אַז איך טאָר גאָר צווישן פעלקער מער ניט וואוינען" ———

* * *

עטליכע עלטערע יידן זיינען אָן אַ זייט געזעסן פאַרטיפט אין ספרים און אַנדערע האָבן תהילים שטיל געזאָגט.

אַלטע לייט זיינען אויף די הוילע ביינק אָדער אויפן דיל אויף שמוציגן שטרוי געלעגן, געכאַפט אַ דרעמל אָדער פאַרגאַפט, טעמפ, אָן זיבען די אויגן קעגן די פענסטער אין דער דרום-וואַנט געווענדט.

יינגערע יידן און עלטערע ווייבער, וואָס האָבן די דאָזיגע טרויער-שטילקייט ניט אויסגעהאַלטן, פלעגן זיך אויפן ענגן פאַר-שטיקטן הויף אַראָפלאָזן, כדי דעם אָטעם עטוואָס אָפצוכאַפן און אַ ביסל אויך אין פלוידעריי פאַרברענגען.

בכלל האָט פון די מאַנסבילן מיט עפעס אַ גלייכגילטיקייט געווייעט. נאָר אין צפון-מערבדיגן ווינקל, אָנגעשפאַרט אויף אַ שטענדער, איז אַ יונגערמאַן געשטאַנען, וואָס האָט מיט זיין גאַנצן אויסזעהן געריירט ביז טרערן. אַ שיין בלאָס אינטעליגענט געזיכט, מיט אַ הויכן טיף-געקנייטשטן שטערן און אַ גלייכער, עט-וואָס לענגליכער נאָז, מיט אַ רונד-געדיכטן, ניט געקאַמטן שוואַרצן בערדל און אַ הוילן ווילד-צעשויבערטן קאָפּ שוואַרצע לאַנג-גע-דיכטע האָר. זיינע שוואַרצע ברייט-אויפגעעפנטע אויגן האָבן גע-ברענט מיט אַ פיבעריש-אומרוהיגן פייערל און געוואָרפן צערו-דערטע בליקן אויף אַלץ אַרום... דאָ שטעלן זיי זיך אַ ווייַלע אָפּ

און גרויסע טרערן קייקלען זיך איבער זיינע באַקן און קאַפּן אויפֿן שטענדער אַראָפּ, און באַלד ווערן די ווינקלען פֿון זיינע דינע בלויע ליפּן אויסגעצויגן שאַרף און קרום אין אַ מין מאָדנעם סאַרקאַסטישן שטילן געלעכטער, אַ געלעכטער מיט טרערן אין די אויגן... מיטאַמאָל ווערט ער פֿול מיט ווילדן צאָרן, די אויגן הייבן אָן צו וואַרפֿן אימהדיגע בליצן, ער פֿאַרבייסט די ליפּן אַזש ביז בלוט און הייבט אַ האַנט — צום סופֿיט אַרויף... דערנאָך צעוויינט ער זיך היסטעריש אויפֿן קול, פֿאַלט אָן כּוחות אויפֿן דיל און ווערט אַזוי ביסלעכווייז אַנטשוויגן...

* * *

די דאָזיגע אַלע שטומע סצענעס האָבן מיך צענומען און איך האָב דערשפּירט, אַז איך וועל דאָ אין דעם דאָזיגן אַבלים־הויז מער ניט קענען אײַנשטיין; עס האָט מיר גענומען שווינדלען אין מוח, אין די אויגן. אַוועקגיין אָבער האָב איך ניט געקענט. מיר האָט נאָך עפּעס אויסגעפּעלט. עפּעס איז דער טרויער־בילד נאָך ניט גאַנץ געווען. איך האָב גענומען מיט די אויגן קינדער זוכן, איך האָב געוועלט קינדערשע קולכעלעך דערהערן, אויב ניט אַ געלעכטערל אַ שטיפֿעריש, איז כאָטש אַ געזונט וויינען אָדער שרייען. אָבער פֿאַמעליך, שטילינקע זיינען צווישן די ענגע דורכגאַנגען פֿון די לאַנגע רייען בייַנק געציילטע קליינע עופֿהלעך, נאַקעטע און באָרוועסע אָדער אַרומגעריסענע־אַרומגעשליסענע, אויסגעדאַרטע און אויסגעקרענקטע, בלוטאָרימע און גרינע־געלע, ווי ווערימלעך, איבערן ברודיגן דיל אַרומגעקראָכן. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די שוידערליכע שטילקייט האָט זיך שוין אויך אין די יונגינקע מלאָכים'דיגע נשמהלעך פֿון די דאָזיגע פֿאַרוואָגלטע קינדערלעך אײַנגעזויגן. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די דאָזיגע צוויי־דריי־פֿיר־יאָריגע נפֿשלעך זיינען פֿאַר דער צייט אַלטע יידן געוואָרן און זיי האָבן שוין אויך אײַנגאַנצן דעם טיפֿן טרויער און אַכזריותדיגן ערנסט פֿון לעבן באַגריפֿן, און זיי שווייגן שטיל איצט, די דאָזיגע פֿייגעלעך, וואָס זיינען פֿון זייערע היימישע נעסטן אין דעם געוויטער־טאָג אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן, — שווייגן, ווי די גרויסע, און ערנסט, ווי די אַלטע...

און אַזוי ווייניג, אַזוי פאַרדעכטיג ווייניג זעה איך זיי דאָ איצט!...

וואו זיינען זיי דאָס אַלע אַהינגעקומען?

פאַרוואָס הערשט דאָ אַזאַ אימהדיגע שטילקייט, אַזאַ שטילער און נאָגנדיגער אומעט, אַזאַ שווייגנדיגער שרעק?

איך האָב שוין גענוג „היימען" זיך אָנגעזעהן, גענוג עלנד און טרויער, אָבער אַזוינס האָב איך נאָך ניט געטראָפן. אומעטום איז אַלע מאָל פונקט דער היפוך געווען. אומעטום זיינען די קינדער דער גרעסטער טייל פון די „היימען"-איינוואוינער געווען, זיינען דער הויפּט-עלעמענט געווען, וואָס האָט אַפילו אין די טרויעריגסטע מינוטן טומל און געפילדער, טרייסט און לעבן אַריינגעטראָגן.

פאַרוואָס זעהען זיך אָבער דאָ כמעט קיין קינדער ניט?

די גרויסע גייען בייטאָג ס'רוב אַוועק איבער די גאַסן וואַנדערן, – די קינדער אָבער זיינען דאָך אין ערגעץ ניט אַוועק!... וואו ליגט דאָ דער באַשייד פון דער דאָזיגער משונהדיגער רעטעניש?

איך בין וואָס ווייטער אַלץ מער אומרוהיג געוואָרן. דאָס האָט מיך [ביז] אין די טיפעניישן פון האַרצן אָנגערירט, עס האָט מיך געגרוילט, געשווידערט פאַר דעם אומבאַוואוסטן, מן הסתּם, טרויעריגן גורל פון די אומשולדיגע קינדער, וואָס זיינען דאָ געווים געווען...

און מיין פאָרגעפיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט!

אויף מיינע שאלות האָט דער אונטער-שמש מיר אַ וואונק געטאָן צו גיין נאָך אים.

דורך אַ הינטער'טיר זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אַ דערביי-איגן זייטן-צימער, פונוואַנען עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין האַלז, אין נאָז און כּהרף-עין אויף אין קאָפּ, טיף אין די געהירן אַריין אַ משונהדיגער מישמאַש פון שאַרפע שפּיטאָל-ריחות און אַ דאַמף פון אַ שטאָטישן הינטערהויף.

אין קאָפּ האָט זיך מיר מישן גענומען. איך האָב די ערשטע רגע כמעט ניט באַגריפן, וואָס דאָ קומט פאָר.

— דאָ איז אַ קינדער-לאַזאַרעט, — האָב איך באַלד דערהערט

— דאָ ליגן אַ וואָסער דרייסיג קינדער — אויף סקאַרלאַטין, דיפּ־טעריט, דיזענטעריע, טיפוס, פּאָקן...

— און אַלע אין איין צימער?

— אַלע אין איין צימער.

— און עס איז גאָר ניטאָ קיין אויג אויף דעם?

— כמעט ניטאָ...

עלנדע, פאַרוואָגלטע פון זייערע שטילע נעסטן, ס׳רוב אָן אַ טאַטן און אַנדערע אַפילו יתומים אָן אַ מאַמען אָדער פאַרלאָרן־געוואָרענע פון זייערע עלטערן אין וועג, אַייגעמאַטערטע און אָפּגעצערטע פון דעם בהלה׳דיגן נע־ונד־לעבן, פון דער סם־המות־דיגער לופט און שמוץ פון דער נייער „היים“, — האָבן די יונגינקע קינדערלעך ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַוועקגעלייגט. לכתחילה זיינען קראַנק געוואָרן אַ דריי־פיר, האָט מען אויף זיי זיך ווייניג אומגעקוקט, האָבן טאָג־טעגליך אַלץ מער און מער קינדער זיך אָנגעשטעקט, — איז געוואָרן אַ יעלה, האָט מען פאַר זיי אַ לאַזאַרעט געשאַפן און שטרענג זיי אָפּגעזונדערט... איז מען אָבער ביסלעכ־ווייז צוגעוויינט און קאַלט געוואָרן — — און די קינדער פאַלן און פאַלן, ווי די פליגן... פון עטליכע און פערציג זיינען קוים אַ דריי צעהנדליג פאַרבליבן און די עפּידעמיע איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעהאַלטן געוואָרן — — —

* * *

איצט איז פאַר מיר אַלץ קלאָר געוואָרן: אי די בית־עולמ־דיגע שטילקייט אין דער דאָזיגער „היים“, אי דער אַבלים־טרויער פון די מענטשן דאָרט, דער עיקר פון די פרויען, אי זייער טיפער שוואַרצער יאוש — — —

אַז איך בין פון דאָרט אַרויס, האָבן מיר אין די אויערן נאָך לאַנג געקלונגען פון עמיק דאָרט אין „לאַזאַרעט“ געהערטע האַרצרייסנדיגע פאַרשטיקטע וויי־געשרייען:

— „אוי, פייגעלעך! מיינע אָרימע, עלנדע פייגעלעך!“ — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווילנע, שבעה עשר בתמוז תרע״ה.

הימלאָזע.

וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה
עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה.
דברים כח, לד.

ב.

אין אַן אַטמאָספערע פון יאוש און משוגעת.

און איך בין אַוועק ווייטער — פון „היים" צו „היים"...

אומעטיק אין „שווייצער גאָרטן", טרויעריק אין „פילהאַר-מאָניע"; טיפער צער אין די קלויזן, פיין און אימה אין די לאָ-קאַלן פון די לערן-אַנשטאַלטן און קאָנצערטן; שרעק און יאוש אין „זוויערינעץ" און אין די ציטווייליק „געשפענדעטע" פריוואַטע הייזער... אומעטום אויפטרייסלענדיקע בילדער און שוידערליכע סצענעס, וואָס מאַכן גליווערן אין די אָדערן דאָס בלוט — — —

גאָר פירכטערליך איז געווען אין לאָקאַל פון דער פאַבריק פאַר מכשירים פון באַלייכטונג, וואָס האָט אויפגעהערט צו פונק-ציאָנירן, ווייל שטאָק-פינסטער איז געוואָרן אויף דער ערד און אפילו די ליכטער פון די הימלען האָבן ניט געקאָנט דורכרייסן דעם חושך...

אַ קאָלאָסאַלער דרייגאָרנדיקער בנין אָן אינעווייניקסטע עטאַזשן מיט אַ גלעזערנעם סופיט, אָפּגעליידיקט פון די מאַשינעס און אַלע אַנדערע פאַבריקס-געצייג און מאַטעריאַלן. אַנשטאָט די גרויסע הונדערטער פּראָדוצירנדיקע לייט, וואָס זיינען אַוועקגע-שיקט געוואָרן אויף די פראָנטן אויף אַן אַרבעט פון פאַרניכטונג, זיינען דאָ איינגעקוואַרטירט געוואָרן העכער זעכצן הונדערט אַנ-טרונענע און אַרויסגעטריבענע יידישע נפשות — מענער, ווייבער און מיידלעך, זקנים און קליינע קינדער, באַזונדערס קליינע קינדער.

די דיל איז אַ צעמענטענע געווען, דאָך האָט פון איר גע-הויבן זיך אָן אויפהער אַ געדיכטער שטויב ביז צום פאַרשוואַרצטן

גלעזערנעם סופיט אַרויף, — אַ שטויב, וואָס עס האָבן אויף זייערע מלבושים און שוכוואַרג אָנגעטראָגן פונם לאַנגן זאַמדיקן וועג די עלנטע מגורשים און פליטים. און כאָטש די טירן און די פענסטער זיינען אַ גאַנצן טאָג געווען אָפן, איז דאָך די לופט געווען אַ געדיכטע און אַ שטיקנדיקע, פול כל המינים ריחות אומדערטרעג־ליכע — אַ לופט אַ סם המות פאַר די געזינטסטע לונגען. אויך כאָטש די זומערדיקע זון האָט אַריינגעשיינט אַהין דורך די סך פענסטער, דורך די אָפענע טירן און דורך דעם גלעזערנעם סופיט, פונדעסטוועגן האָט אַפילו אין מיטן העלבן טאָג געהערשט דאָרטן אַ האַלבטונקלקייט — פונם כסדר שטייגנדיקן נעפּל שטויב פון די אומאויפהערליך צוקומענדיקע מאַסן נייע אומגליקליכע אורחים, משונהדיק דורכגעווירצט און אויסגעמישט מיט די געדיכטע אויס־דעמפונגען פון דער מענטשן־מאַסע.

ניט ריין איז געווען דער גלעזערנער סופיט, פאַרשמוציקט זיינען געווען די ווענט, די פענסטער און די טירן, אָבער גאָר גע־פערליך שמוציק איז געווען די גאַנצע צעמענטענע פּאָדלאָגע, ווי די פּאָדלאָגע אין אַ פּראָווינציעלער רוסישער עטאַפּן־טורמע.

די גאַנצע פּאָדלאָגע אין דער לענג און אין דער ברייט פון וואַנט ביז וואַנט איז געווען פאַרלייגט מיט פּעק, אָנגעפּאַקטע זעק און בעטגעוואַנט. די דורכגאַנגען האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון שטעגעלעך צווישן נאַקעטע בייטן אין אַ פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן האַרבסט־צייט.

ביים ערשטן אַריינגאַנג בין איך פאַרטויבט געוואָרן פון אַן אומגעלומפּערטן ווירוואַר און הו־האַ פון די גרויסע און פונם גע־פילדער, לאַרעם און געוויין פון די מאַסן קליינע. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז מ׳איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ משוגעים־הויז. באַלד אָבער האָבן די אויגן און די אויערן זיך צוגעוויינט און אָריענ־טירט זיך, און פון דער זעכצנהונדערטיקער מאַסע האָבן זיך גע־נומען אויסטיילן איינצעלנע ווי גרופּן סילועטן, און פון דער קאַ־קאָפאָניע — אַ טראַגישע האַרמאָניע פון ריינדיקע קלאַנגען.

דער גרעסטער טייל פון עולם איז געווען אויסגעזעצט אויף די פּעק, אָנגעפילטע זעק און בעטגעוואַנט. אַ טייל האָט אומגע־

בלאָנקעט פאַריאושט איבער די דורכגאַנגען און די עלטערע קינדער האָבן זיך געריסן אויפן הויף, אין סעדל.

די ברידער און שוועסטער אין אומגליק האָבן זיך דאָ אויסטערליש גרופּירט. עס זיינען דאָ געשלאָסן געוואָרן אייגנאַרטיקע באַקאַנטשאַפטן און אַלע צוזאַמען האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער האַרץ אין איין אַלגעמיינעם איכה־קלאָג.

אַלטע מיט אַלטע זיצן צוזאַמען אַראָפּגעלאָזט די קעפּ; אַמאָל הייבן זיי זיי אויף איינער צום אַנדערן, וואַרפן דורך זיך מיט אַ וואָרט, טוען דאַן אַ זיפץ, וואָס צערייסט דאָס האַרץ, און בלייבן ווידער שטיל, פאַרטיפט אין זיך. זיי האָבן אַלץ פאַרלאָרן, זייער אייגן לעבן, און וואָס נאָך טייערער — די קינדער! וואָס איז דאַן דאָ נאָך וואָס צו ריידן?

צוויי קליינע מיידעלעך, — אויסגעדאַרטע־אויסגעקוואַרטע און איינגעצן גרינגע, אָן אַ שפּור פון בלוט אין די אויסגעקרימטע פּנימלעך, ביז ניט צו דערקענען זייער עלטער, — זיינען נאַקעטע, באָרוויסע און שמוציקע געזעסן דאָ דערנעבן אויף אַ בערגעלע מיסט און שטורעמדיק געקראַצט די קעפּלעך, אויסגייענדיק פון יאָמערלעכן געוויין. קיינער פון די זיצער אויף די פּעק אַרום האָט ניט אַ קוק געטאָן אַפילו אין זייער זייט: זיי זיינען שוין געוווינט געוועזן צו דער דאָזיקער אייגנאַרטיק־זשעסטיקולירנדיקער קלאָג־מוזיק.

אויף מיין פראַגע האָט אַ זקנה, וואָס איז דערביי געזעסן אויף אַ קאָרב און געהיט צוויי צונויפגעבונדענע, איינער אויפן אַנדערן אַרויפגעלייגטע פּעק בעטגעוואַנט, געענטפערט:

— אָן אַ מאַמען, אָן אַ טאַטן. דער טאַטע—אויף מלחמה, און די מאַמע האָט אין דער מהומה בעתן גירוש אָנגעוואָרן אָט די מיידעלעך,—האָט זי פון צער זיך אַריינגעוואָרפן אין ניעמאַן. איך בין געווען אירע אַ שכנה פון אַלעקסאָט, האָב דערקענט די פאַרבלאָנדזשעטע קינדער אויף אַ פור פון אַ סלאָבאָדקער יידן ביי פּילווישאָק און קומענדיק קיין ווילנע האָב איך זיי מיטגענומען מיט זיך. איך האָב שוין געבעטן דעם „קאָמיטעט“, און ער האָט צוגעזאָגט די טעג אַריבערצופירן זיי אין אַ קינדער־היים.

די דאָזיקע זקנה איז געווען אַ „פיינע בעל־הביתטע“ אין אַלעקסאַט, האָט זי אָבער געהאַט צער פון קינדער: איין זון איז אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, — און איר מאַן, אַ ייד אַ חלוש, האָט זיך גענומען צום האַרצן, האָט אָפּגעקרענקט איבער אַ האַלב יאָר און איז אַוועקגעשטאָרבן; אַ צווייטער זון איז אַוועק קיין אַפריקע, איבערגעלאָזן דאָ אַ ווייבל מיט צוויי קינדער, און ניטאָ פון אים קיין איינגעטונקטע פעדער, — האָט זי, די אַלטע מאַמע, די גאַנצע צייט געמוזט אויסהאַלטן די שנור, אַ מענטש אָן אַ טאַלענט אין האַנט, מיט די צוויי אייניקלעך; דער דריטער, דער ייִנגסטער זון, געווען אַ בוכהאַלטער, געלעבט זיך גאַנץ פיין, איז אָבער צוגענומען געוואָרן אויף מלחמה, איבערלאָזנדיק זיין יונג ווייבל אויך אויף דער מאַמעס קאָפּ. איצט זיינען זיי מיט געוואַלד אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער היים; זייער פאַרמעגן, אַ הויז און אַ קראָם, איבערגעלאָזן אויף הפקר און אָט דער קאָרב מיט די צוויי פעק בעטגעוואַנט איז זיי פאַרבליבן פון זייער גאַנצן אייגנס. זיי ווילן בשום אופן ניט אַרויסגעשיקט ווערן ווייטער, קיין ראַסיי; זיי האָפן, אפשר וועט נאָך זיין אַ מיגליכקייט צוריק צוקומען קיין קאָוונע, — און די שניר מיט די קינדער זיינען אַוועק אין שטאָט זוכן עפּעס אַרבעט, כדי צו קאָנען דאָ פאַרבלייבן. זי האָט אָבער, צו איר גרויסן אומגליק, געהערט, אַז מ׳וועט אַלע מגורשים אַרויסשיקן פונדאַנען ווייטער. דאָס האָט זי דערשלאָגן ווי אַ דונער...

— אפשר ווייסט איר, יונגערמאַן, דעם אמת?

ניט ווייט פון דער אַלטער אויף אַ פּאַק זיצן האַלב אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט צוויי גאַנץ יונגע, שיינע, אָבער זייער בלאַסע, ווי פון עפּעס איבערגעשראָקענע מיידלעך און ריידן צווישן זיך שטיל־שטיל, אַלע ווײַלע אַרומקוקנדיק זיך מיט חשד אין אַלע זייטן, און ווי לאַנג מ׳זאָל, אומבאַמערקט פון זיי, זיי ניט אָבסערווירן, איז ביי זיי ניט צו באַמערקן קיין שום שמייכל אויף די ליפּן. פאַרוואונדערונג, דערשטוינונג, שרעק קוקט פון זייערע

צאַרטע טויבן־אויגן. מיטאַמאָל, אינגאַנצן אומגעריכט, שיסן זיי אויס מיט אַ משונהדיק פאַרכאַפּטן געלעכטער, לאַכן און כאַפּן זיך פאַרן האַרצן, לאָזן ביידע באַלד אַרויס, ווי זיך אויפגערעדט, צוגלייך איין קרעכץ און ברעכן גלייך דערויף אויס אין אַ ניט־באַנומענעם געוויין, אין אַ געיאָמער און אַ קלאָג:

— אוי ווינד און ווי איז אונז! אוי ווינד און ווי איז אונז!

און די גאַנצע סביבה פּעק אַרום איז ווי אָנגעשטעקט געוואָרן פלוצלינג פון די קלאָגנדיקע מיידלעך און האָט אויך אויסגעבראָכן אין אַ קאָלעקטיווער איכה. ס'האָבן מיטגעוויינט און מיטגעקלאָגט יונגע קינדער און גרייז־גרויע זקנים, מיידלעך און אַלטע ווייבער; ס'האָבן מיטגעיאָמערט די עצם פּעק, די פאַרשוואַרצטע ווענט און דער גלעזערנער סופיט...

אַ שקרוך, אַ שוידער האָט אָנגעכאַפּט אַפילו מענטשן מיט גראָבע, האַרטע נערוון, אַפילו מענטשן, וואָס האָבן שוין אין לעבן אַ סך געזען און דורכגעמאַכט — — —

און אַז די מענטשן זיינען סוף כל סוף געוואָרן איינגעמאַטערט פון יאָמערן און קלאָגן, זיינען זיי געפאַלן ווי די פלאַכעס אויף די פּעק, און אַ טויטע שטילקייט האָט אויף אַ קורצער ווייַלע זיך אויסגעגאָסן אויף דעם „ווינקל". די אַלטע יידן זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אין יאוש; די אַלטע ווייבער האָבן געקוקט פאַר זיך מיט פאַרשטאַרטע בליקן, ווי זיי וואָלט אַלץ—אַלץ־איינס געווען; די מיידלעך האָבן זיך געסודעט שטילשטיל און אויף קיינעם ניט געקוקט; די באַיאָרטע מאַנסבילן האָבן זיך געפּאָרעט ביי זייערע פּעק און צווישן זיך ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווי ווילד פרעמדע, אומבאַקאַנטע, כאָטש זיי האָבן דאָ געבילדעט גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטן — קאָוונער, שירווינטער, פּאָנעוועזשער, ווילקאָמירער, שאַקיער, סרעדניקער, וולאַדיסלאַוואָווער, קראָקיער, טשייקישקער, יאַנאָווער, באַלבירישקער און איירא־גאָלער. קיין בחורים איז דאָ כמעט ווי גאָר ניט געווען צו זען. בלויז די קליינע קינדער, די געוועזט שטיל געוואָרענע קליינע קינדער האָבן זיך

ווידער צעקולותט אויף זייערע סאָפּראַנאָס און דיסקאַנטן, ביי־קולכלעך און קוויטשן. אַ געוויין פון זיי, אַ לאַרעם, אַ געפּילדער פון אַלע זייטן האָט פאַרהילכט די לופט אינם פאַבריק־לאָקאַל אָן אויפהער, אָן אַ סוף.

יינגלעך פאַרגעסן, וואו זיי זיינען אין דער וועלט, און קריגן זיך, רייסן זיך, שלאָגן זיך, איבער אָן אָרט, איבער אַ שטיקל ברויט, וואָס אַ גוטהאַרציקער מענטש ברענגט אָדער וואָס דער קאָמיטעט צעטיילט, — קריגן זיך און באַליידיקן איינער דעם אַנ־דערן, באַלד ווערן זיי אָבער ווידער שלום, ווייל זייער קריג איז געווען אָן באַזונדער בייזקייט, און נעמען זיך גאָר — קערן די שמוציקע צעמענטענע פּאָדלאָגע, ווייל אַ סך פון זיי האָבן ניט קיין פעק, אויף וואָס צו שלאָפן, און מוזן דורכליידן די נאַכט אויף דער הוילער, האַרטער, קאַלטער דיל, אין בעסטן פאַל אויף ברעטער, וואָס אַנדערע באַקומען צופעליק. פון זייער קערן הייבט זיך אָבער אויף דער שטויב און פאַלט צוריק אויף די דערוואַק־סענע, אויף די קינדער און אויף די פעק.

עופהלעך שפּאַצירן רואיק אום צווישן די פעק, פאַרטשעפּען זיך אָבער באַלד איינער מיטן אַנדערן, פאַלן אַנידער, אָדער בעטן וואָס פאַרעקשנט, פאַרקאַפּריזען זיך, ווערן אָבער ניט באַפרידיקט און — ווידער קולות עד לשמים...

די סם־המותדיקע לופט שטיקט, ווערגט, סמט, דער סדום ועמורה שפּאַלט דעם קאָפּ, — און איך גיי פון פאַק צו פאַק, פרעג אויס און נאָטיר... עס גייט־צו צו מיר אַ ייד, אַ יידענע, אַ קינד, — מיינען — איך קאָן עפּעס העלפן, איך בין געוויס עפּעס אַ דע־פּוטאַט, אַ דעלעגאַט, אַ „קאָמיטעטשיק", אַ „פאַרשטייער", אָדער אַ שישקע, אַ שמעלקע ביים „באַראָן", — און בעטן הילף, דער־ציילן זייער ביטערע לאַגע, גיסן אויס זייער צעפּלאַגט־צעפּייניקט האַרץ... אַז זיי דערוויסן זיך אָבער, אַז איך בין מער ניט ווי אַ שרייבער, ווערן זיי אַנטוישט און פרעגן אָפּהענטיק:

— צו וואָס דאַרף מען עס פאַרשרייבן? צו וואָס נוצט עס?

דאָס אומגליק איז מאַויימדיק, די ערד ברענט און שפּאַלט זיך אונ־טער אונזערע פיס, מיר פאַלן אין אָפּגרונט אַריין און מיר גייען

פאַרלאָרן... הילף מוזן מיר האָבן די רגע,—מיט אַ רגע שפּעטער איז צו שפּעט!... אָבער עס וועט קיין הילף ניט קומען!...

און אין דער אמתן: צו וואָס דאַרף מען עס? אויב די רעאַלע טראַגעדיע רירט ניט, ווי וועט רירן די באַשריבענע?

אָבער עפּעס טרייבט דעם שרייבער און באַפעלט אים:

— שרייב!

פאָלג איך דעם באַפעל און גיי ווייטער—פון פּאַק צו פּאַק.

* * *

אָט זיצט אַן עלטערער ייד און האַלט אַ פּיצל קינד אַ ניט באַנומען שרייענדיקס. זיין איידעם — אויף מלחמה, און די טאָכטער — געשטאָרבן אין קימפּעט, — איז אָט ניאַנטשעט זיך מיטן עופהלע דער אומגליקלעכער זיידע, וואָס אויך זיין ווייב איז אים געשטאָרבן אין וועג, ווייל בעת מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן פון סלאָבאָדקע, איז זי געלעגן קראַנק אויף אַ לונגן-אַנטצינדונג און מ'האָט זי אַזוי אַ קראַנקע אַרויפגעלייגט אויף דער פור, — נו, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן... ער פילט זיך פאַרלאָרן,—וואָס טוט מען מיטן קינד?

מיט צוויי פּעק ווייטער ליגן דריי קראַנק-געוואָרענע אויף דער ערד אויף אַן אונטערבעט פון שטרוי; זיי ברענען ווי אין אַ העליש פייער, און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף זיי: אַלע פון די אַרומיקע פּעק ווייסן, אַז באַלד וועט מען זיי אַריבערטראָגן פונדאַנען אינם אימפּראָוויזירטן לאַזאַרעט, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ פליגל פון דעם בנין. נאָר אָט זיינען אַריינגעלאָפן די קרובים פון די קראַנק-געוואָרענע, זיינען צוגעפאַלן צו זייערע ליבע און טייערע מיט אַ פאַרצווייפלטן הענטברעכן און ביטערן געוויין.

דאָסזעלביקע האָט זיך געהערט נאָך אין עטלעכע אַנדערע פונקטן פון דער „היים". טיפוס, דיזענטעריע, סקאַרלאַטין און דיפטעריט האָבן געבושעוועט אין דער דאָזיקער „היים", האָבן פאַרגעמאַכט דעם פליגל-לאַזאַרעט מיט חולאים פון עק ביז עק און געשניטן אַ שניט פון טויט.

יעדן טאָג פלעגט מען פון אָט דעם פליגל אַריבערטראָגן אינם מתים-פליגל אייניקע אָדער אפילו מער קרבנות פון די עפּי-דעמיעס, און יעדן טאָג פלעגן די ליידיק געוואָרענע בעטלעך אינם לאַזאַרעט פאַרנומען ווערן מיט נייע קראַנקע, אַזוי אַז עס האָבן אפילו בעטלעך אויסגעפעלט.

אָט די עפּידעמיעס האָבן אויף טויט איבערגעשראָקן די גאַנצע באַפעלקערונג פון „היים". מיטאַמאָל איז טויט-שטיל געוואָרן אין דער „היים". ס'האָבן לגמרי אויפגעהערט צו ריידן די דער-וואַקסענע; ס'האָבן אויפגעהערט קריגן זיך און רייסן זיך און שריי-ען — די יינגלעך; עס זיינען אפילו אַנטשוויגן געוואָרן די גאָר קליינע קינדער, ווי זיי וואָלטן פלוצלינג אינטואיטיוו באַגריפן דעם גאַנצן ערנסט פון זייער לאַגע, דען דער טויט האָט אומדערבאַ-רעמדיק געקאָסעט איבערהויפּט די קליינע קינדער...

אָט די אמתע בית-עולם-שטילקייט האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אפילו אויף די פאַרהאַרטעוועסטע נאַטורן. די „קאָמיטעטשיקעס", די „פאָרשטייער", און ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן, האָבן באַקומען פחד אַריינצוגיין אין „היים". אַ טיפער, נאָך ניט געוועזענער יאוש איז אַריינגעדרונגען אין מוח און אין האַרץ פון די איינוואוינער פון „היים"...

מיטאַמאָל ווערט איבערגעריסן די שוידערליכע שטילקייט. אַן אומגליקליכע מאַמע פאַלט אַריין פון לאַזאַרעט אין „היים" מיט אַ האַרצרייסנדיקן אויסגעשריי:

— אַ בראָך צו מיר! איך האָב מיין פייגעלע פאַרלאָרן! קינד מיינס! קינד מיינס!

און אַ מיידל פאַלט אַריין און רייסט די האָר זיך:

— איך האָב מיין מאַמען אָנגעוואָרן! מאַמע! מאַמע! מאַמע! אָדער:

— טאַטע טייערער, מיין היטער און באַשיצער! אויף וועמען האָסטו מיך דאָ איבערגעלאָזן אין אַזאַ פינסטער-בייזער וועלט פון געוואַלט, בלוט און טרערן! טאַטע! טאַטע!

עס שקרוכט, עס שוידערט פון דעם אַלעם. איך וויל אַנטלויפן פון דעם נעסט פון טרויער, — איך קאָן מיך אָבער ניט אָפּרייסן פונדאַנען.

און איך גיי נאָך אַלץ פון פּאַק צו פּאַק. זעכצן הונדערט אומגליקליכע אַנאָנימען, זעכצן הונדערט טראַגעדיעס פון שטילע נאָמענלאָזע מענטשן, וואָס שרייען אָן ווערטער און אָן קולות צום הימל ווי צו דער ערד:

— ווערט פּאַרוויסט, אויב איר מאַכט אונז אונטערגיין, אונטערגיין אָן שום זינד און שולד!

* * *

אָט זיצט אַ פרוי פון מיטעלע יאָרן מיט שפּורן פון פאַרוועלקטער געוועזענער גרויסער שיינקייט. די אויגן לויפן הין און צוריק, הין און צוריק פיבערהאַפטיק. זי פּרעפּלט עפּעס מיט די ליפּן, צוקט מיט די אַקסלען און שוידערט עפּעטערס אויף.

זייער רייך געווען. דער מאַן געווען אין קאָוונע אַ גרויסער און געאַכטער תבואה-סוחר. קינדער געלאָזט לערנען יידיש און וועלטליך. איז געקומען די מלחמה און צוגענומען זייערע צוויי זין, טייערע צוויי זין, צו גאָט און צו לייט. איינער איז דערהרגעט געוואָרן אונטער אינסטערבורג, דער צווייטער—פאַרלאָרן ביידע פיס דאָ ניט ווייט, סך הכל ביי קיבאַרט, און פון גרויס פאַרצווייפלונג גענומען זיך דאָס לעבן. דער מאַן געפירט תבואה פון געלוואַן פער אַקס קיין קאָוונע, צוצושטעלן דער רוסישער אַרמיי,— פאַרמסרן אים „שכנים” פאַרן קאָמענדאַנט, אַז ער האָט די תבואה גאָר בדעה צו טראַנספּאָרטירן פאַר הינדענבורגס אַרמיי! מער האָט מען ניט געדאַרפט. אָן שום טענות ומענות, אָן שום געריכט, אין צוויי שעה אַרום נאָך דער מסירה — דערשאָסן! איצט איז זי מיט נאָך אַ ייִנגל פון 17 יאָר אַ גימנאַזיסט און אַ ניינצעניעריקער מיידל אַרויסגעשיקט געוואָרן פון איר היים. דאָס אייגן הויז און דאָס גאַנצע האָב און גוטס איבערגעלאָזן אויף הפקר. איז אָט זייענען זיי ערב שבועות געפאָרן דורך אַ דאָרף אויפן וועג קיין ווילנע, האָבן די שקצים אָנגערייצט אויף זיי אַ מחנה בייזע הינט, וואָס האָבן צעביסן דעם ייִנגל און די מיידל,—און זיי זיינען ביידע משוגע געוואָרן. איצט ליגן זיי ביידע אין ווילנער יידישן

שפּיטאָל אין דער משוגעים־אָפּטײלונג. דעם ייִנגלס משוגעת באַ־שטײט דערין, וואָס ווי ער דערזעט אַ הונט, פאַלט ער אָן אויף אים מיט אַן אומבאַנומענעם אימפּעט און הרגעט אים אַוועק. ער וואַרפט זיך אויף אויף אַזעלכע, וואָס דוכטן זיך אים אויס ענליך אויף די אָנרײַצער. אָט איז ער דאָ ניט לאַנג פלוצלינג אַרויסגע־לאָפן פון שפּיטאָל אויף זאַוואַלנער גאַס, וואו ער האָט דערזען אַ גרויסן הונט און האָט אים מיטן פוס דערלאַנגט אַזאַ בריק אין בויך, אַז דעם הונט האָט עס אויפגעהויבן אויף אַ פּאָר קלאַפטער אין דער הייך און ער איז צוריק אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד מיטן קאָפּ אַראָפּ—אַ טויטער. מ׳האָט דעם אומגליקליכן גימנאַזיסט געכאַפּט, געבונדן אים הענט און פיס און צוריקגעבראַכט אין שפּיטאָל. — די מוטער איז פון דעם אַלעם אויך אַראָפּ פון זינען, נאָר זי איז אַ שווייגעדיקע.

דערציילט דאָס אַלץ האָט אַן אומאויפהערליך אומשפּאַצירנ־דיקער יונגערמאַן, וואָס איז אַליין, לויט אַלע סימפּטאָמען, אויך געווען אַ היבש ביסל אַ גערירטער...

ער, אַ קאָוונער, האָט געדינט אין דעם ראַיאָן פון פראָנט, און זײַן ווייב האָט לאַנג פון אים ניט געהאַט קיין שום ידיעה, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו שרײַבן אפילו די אומשולדיקסטע ווערטער. אײנמאָל איז ער אומגעריכט פאַר איר געקומען אַ היים אין אורלויב אויף צוויי טעג. זי האָט אים שוין געהאַט באַווײנט און אָפּגעוויינט. דערזעענדיק אים אָבער פלוצלינג, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן די שמחה, וואָס האָט איר אָנגעגריפן טיף דאָס האַרץ, און איז געשטאָרבן אויפן אָרט, איבערלאָזנדיק פיר עופהלעך. דאַן האָט ער אויף זיך צעריסן דעם זעלנערישן אוניפאָרם און האָט גענומען לויפן איבער די קאָוונער גאַסן. נאָכדעם איז ער צוגלייך מיט אַלעמען אַרויסגעשיקט געוואָרן. זײַנען צוויי קינדער ביי אים די טעג געשטאָרבן פון סקאַרלאַטין, די אַנדערע צוויי ליגן אין לאַזאַרעט און עס איז פאַר זיי קיין האָפענונג ניטאָ, — און ער שפּאַצירט דאָ אום הין און צוריק, הין און צוריק צווישן די פּעק־בייט־צו צו יעדן נייעם מענטשן און ווייס צו דערציילן פון אַלע־

מענס טראַגעדיעס. און אַלעמען גיט ער צו די ווערטער: „און דיין לעבן וועט הענגען דיר פונווייטן“...

צי איז דאָס פולשטענדיקע רעזיגנאַציע אָדער אַ באַזונדער מין משוגעת?

מיט דריי פּעק ווייטער זיצט אַן עלטערער ייד אין טלית און תּפילין און זיינע ליפּן באַוועגן זיך ניט. און דער קאָוונער יונגערמאַן דערציילט: געהאַט פיר זין און אַלעמען פאַרלאָרן אין איין טאָג בעתן באַלבירישקער פּאָגראָם.

מיטאַמאָל האָט מען אין מזרח־וואַנט גענומען דאַוונען מנחה מיט אַ טאָן פון יום־כּפּור קטן, אָבער די מנחה האָט פאַרכאַפּט גאָר אַ טייל איינוואוינער פון „היים“. אַ ייד איז געלעגן אויף אַ שטרויזאַק און שטום געקוקט אין אַ תּהילים; אַלטע יידענעס האָבן עפּעס קאַלט מיטגעשעפּטשעט און טאַטעס־מאַמעס האָבן עופּהלעך געקושט מיט טרערן אין די אויגן.

קרעכצן, זיפצן און געוויין.

אָט זיצט אַ גאַנצע גרופּע היימלאָזע און אַלע ריידן — מיט זיך. און אָט זיצן צוויי קינדער און רופן מיט אַ שטיל־פאַרשטיקטער שטים: „מאַמע! מאַמע!“ אָבער זייער מאַמע איז דאָ ניטאָ. נאָך דער גרויסער שׂרפה אין פּאָנעוועזש, וואו ס׳האָבן אָפּגעברענט בלויז יידישע 80 הייזער, איז זי מיט אַלעמען אַנטלאָפן, און אין דער מהומה איז פון פור אַרויסגעפאַלן איינס פון אירע דריי קינדער און איז צעטראָטן געוואָרן. דאַן האָט זי זיך אַזאַ ריס געטאָן מיט ביידע הענט פון איר קאָפּ די האָר, אַז זי האָט איבאַייבעם מיט גאָר די האָר אַראָפּגעריסן, אַראָפּגעשונדן אויך די גאַנצע הויט פון שאַרבן. זי איז משוגע געוואָרן און צום סוף געשטאָרבן אין אומבאַשרייבליכע יסורים.

נאָך ווייטער זיצט אין טיפן שווייגן אַ קראַנקע פרוי מיט אַ זון פון 19 יאָר, וואָס ווייזט אויס ווי פון 15, אַ מיידל פון 12 יאָר, וואָס ווייזט אויס פון 8—9, און דריי גאָר קליינע קינדער. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געוועזן אַ רייכער שיינער מאַן פון קאָוונע, איז אין טאָג פון גירוש געבליבן כּיום הולדו, האָט עס ביט אויסגעהאַלטן און איז אַוועקגעפאַלן פון אַ פּלוצלינגן האַרץ־שלאַג.

און דערנעבן זיצן נאָך פיר קליינע קינדער צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן אין שרעק, ווי די פייגעלעך אין אַ נעסט בעת אַ געוויטער, זיצן שטיל און צוקן מיט די פלייצקעס. זייער מוטער, אַ צוריקגעשיקטע פון אוקראַינע, איז אויף דער סטאַנציע באָוואָ-ווילייסק אַראָפּ נעמען אַ ביסל וואַסער פאַר די קינדער, וואָס זייען פאַרטריקנט געווען פון דאָרשט אין ענגשאַפט און אין דושנער היץ. פון דעם הו-האַ אין וואָקזאַל און אויף דער פלאַטפאָרמע איז זי צוריקגעגאַנגען אַ צעטומלטע, אין די אויגן איז איר פינסטער געוואָרן, האָט זיך אַריינגעדרייט צווישן די בופערס, און איז כּהרף עין צעקוועטשט געוואָרן. דער מאַן איז אויך פאַרלאָרן געוואָרן ערגעץ אויף די פראָנטן.

און אַ יונגערמאַן אָן אַ פוס זיצט און דערציילט אויך אַ טרויעריקע עפּאָפּעע. זיינער אַ ברודער און זיין שוועסטערס מאַן — דערהרגעט אויף מלחמה, וואו אויך ער האָט זיין פוס פאַרלאָרן. נאָכדעם איז ער צוזאַמען מיט זיין שוועסטער מיט אירע פינף קינדער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער שטעטל, וואָס ביים פראָנט. אין דער זעלביקער צייט האָט מען צוגענומען אין מיליטער אויך איר עלטסטן זון. צוויי קינדער זיינען קראַנק געוואָרן אין וועג אויף סקאַרלאַטין און זיינען ביידע אָן אַ דאָקטאָר און אָן רפואות געשטאָרבן אין אַ פרעמדער געגנט, פונוואַנען מ׳האָט זיי געהאַט צוריקגעשיקט. האָט די פאַרצווייפלטע מוטער מיט אירע צוויי קינדער זיך אַריינגעוואָרפן אינם דניעפּר.

און אַ פאַרוואונדעטע און געשוואָלענע פרוי דערציילט: איר אַלטע מוטער, וואָס האָט פיר קרבנות דער מלחמה אַוועקגעגעבן, איז אויך אַרויסגעטריבן געוואָרן פון איר געבורטסאָרט. אין וועג זיינען קאָזאַקן איר באַפאַלן, — און זי האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטערן צוג און איז צעמאָלן געוואָרן. — וועגן זיך דערציילט ניט די געשוואָלענע, זי כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ בלויז און ווערט אַנטשטומט...

אַן אַלטער ייד פון א — לע הערט אויס מיט אַ ציטער די דערציילונג פון זיינער אַ שכנה, וואָס האָט געוואוינט ביי אים אין הויז פינף און צוואַנציק יאָר און ער האָט זי איצטער ניט

דערקענט. בשעת די שיינע „העלדן” זיינען אַריין צו איר כלומרשט קויפן פּאַפּיראָסן, האָט איינער פון זיי אַרויסגעכאַפּט פון איר טיש־קעסטל אַ צענרובלדיקע. אַז זי האָט אָנגעהויבן שרייען, האָבן זיי אַראָפּגעריסן ס'טיכל פון איר קאָפּ, די בלוזקע איר צעריסן, גע־טאָן אַ בריק איר און אויסגעשריען:

— אַלטע...

זי פאַרשטייט ניט עד היום, וואָס זיי האָבן איר אַזוינס גע־זאָגט, וואָס זיי האָבן געוועלט פון איר אַחוץ דעם געלט... וואָס זיי האָבן איר געטאָן...

דער אַלטער האָט מיטאַמאָל מיט אַ ווילדן ברום גענומען שרייען:

— אָבער מ יי ן רחקע! מ יי ן רחלע! אוי ווי געשריען, וואו זיינען עס אַהינגעקומען שמעון ולוי?!... שמעון ולוי!!...

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון אַ פּאַק מיט אַ ווילדן אימ־פּעט געטאָן אַ הייב־אויף אַ יונגערמאַן און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט אַ שטורעם און האַרצרייסנדיקע קולות:

— מיין שוועסטער! מיין שוועסטער! מיין איינציגע שוועסטער!...

עס זיינען נאָך געלעגן דאָרטן פינף און צוואַנציק געשוואָלענע פרויען, וואָס מ'האָט געדאַרפט זיי אַריבערפירן אין יידישן שפּיטאָל, — אָבער איך האָב שוין ניט געקאָנט מער פרעגן און נאָטירן. מיין האַרץ איז מיר צונויפגעפרעסט געוועזן ניט צו דער־טראָגן, אין קאָפּ האָט זיך גענומען מישן און עס האָט פון מיין נשמה טיף אַרויסגעשריען:

— געוואַלד, די כוס פון אומגליק און פון טרויער,—האַלט אָפּ! עס פּלאַצט אין מיר מיין האַרץ, עס קראַכט מיין מוח!— — —

און איך בין אויך אַרויסגעלאָפן האַלב־משוגע — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווילנע, תמוז תרע"ה.

איבער דער חרובער פּראָווינץ.

(רייזע-נאָטיצן, שטריכן, איינדריקן).

I. אין וואַגאָן.

נאָכן אָפּשימלען אַ וואָסערע דריי יאָר אַ פאַרשפאַרטער אין דער ענג-פאַרשטיקטער שטיינערנער גרויסער אָקופּירטער שטאָט, איז פאַר אונזערן אַ ברודער — שרייבער פּשוט אַ גייסטיקע אָפּ-פרישונג כאָטש אויף אַ קורצער צייט אַרויסצוכאַפּן זיך אויף דער פרייער, פרישער פּראָווינציעלער לופט. שוין קומענדיק אַפילו אויפן וואָקזאַל, דערשפּירסטו גלייך, ווי דו וואָלסט זיך פון עפּעס שטויביקס און קלעפּיקס אָפּגעטרייסלט, ווי דו וואָלסט זיך באַפרייט פון עפּעס שטיקנדיקס און דריקנדיקס, וואָס האָט דיך געבויגן אונטער אַ יאָך פון שאַבלאָן און באַנאַלקייט, אונטער אַ יאָך פון אָנגענומענע מנהגים, פון אַן אויסגעדרעסירטן שטייגער פילן און דענקען. דו דערפילסט זיך כמעט ווי גאָר אַמאָל-אַמאָל, אין די בעסטע פרילינגס-יאָרן דיינע, ווען דו ביסט נאָך פריש און מונ-טער געווען און ביסט נאָך אַ פרייער מענטש געווען, מיט אייגענע און ניט געליענע געפילן און מיט אייגענע און ניט געליענע גע-דאַנקען — — —

* * *

דער וואָקזאַל איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, פאַרשמאַיעטע און אַיילנדיקע, מיט פּעק און פּעקלעך און מיט ליידיקן, אָבער ס׳איז ניטאָ יענער הו-האַ און אומאָרדענונג, וואָס אַמאָל, וואָרום

ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט, און אַן אויער, וואָס הערט, און אַ האַנט, וואָס מאַכט אָרדענונג...

אויף דער פּלאַטפאָרמע שפּאַצירט זיך אַן עולם גאַנץ געמיטליך, וואַרטנדיק אויפן צוג, און אַז דער צוג קומט אָן, ווערן די וואַגאָנעס באַלד פול, אַפילו ענגליך, כמעט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

דער עולם פּאַסאַזשירן פאַרנעמט די ערטער ברייטליך, עפּעס מיט אַ באַזונדערער האָפערדיקייט, ווי איינער זאָגט: איך האָב טאַקע אַ שיין, איך געהער ניט צום המון, איך בין אַ יחסן — אַ „קויפמאַן", אַ ליוועראַנט, אַ שישקע אין די הויכע פענסטער!

דאָ איז געווען אַן עלעמענט אַ פאַרשיידנאַרטיקער, מענטשן פון אַלע קלאַסן און שיכטן: געוועזענע מאַנופאַקטוריסטן, וואָס האַנדלען מיט בולבע אַנגראָ—כשרע שיריים פון מיטלשטאַנדסקיכן; געוועזענע הערינג-קרעמער, וואָס פאָרן דערשמעקן „כעמיקאַליען"; געוועזענע שלאָסערס, וואָס פאָרן מיטן צווייטן קלאַס און חלומען וועגן ערשטן; דאַנטיסטן, פאָטאָגראַפן און גבאים מיט גבאימעס, וואָס ריידן מיט פייער וועגן וואַגאָנעס גרויפּן און אַרבעסענע מעל — אומשולדיקע איבערבלייבסלעך פון פאָלקסקיכן; געוועזענע פּריקאַזשיקעס און בוכהאַלטערס, וואָס זיינען באַגייסטערט פונם ענין קאָאָפעראַטיוון, פון וועלכע מ'קאָן מאַכן אַ גוט געשעפט; שרייבאַרעס, פאַרמאַצעווטן און אַמאַטאָרן, וואָס מאַכן וואָיאַזש מיט גוטאַלין און דזעגעכץ; לערער—זאָלן זיי מיר מוחל זיין!—פאַרליבטע אין טאָרף און געפּרעסטן היי; געוועזענע קוימענקערערס, וואָס זיינען איצט אין די פעדערן און האַנדלען גאָר אויפן גרויסן שניט מיט ערזאַץ-זייף, גאָט ווייס דורך וועלכע כעמיקער און פון וואָסערע שטאָפן פאַבריצירטע; לידערמאַכערס און פורמאַנעס, געבליבענע אָן שפּאַן, מיט פּראָבעס פוצפּאָמאַדע און סאַכאַרין; שיינע לייט, וועלט-בעלי-טובות, מיט מיילער אויף אַרכיראַדיקאַלע שרויפן, וואָס האָבן יאָרן לאַנג בגנבה געחלומט וועגן אַ בעל-הבתישקייט פאַר זיך, האָבן זיך צוגעפּוצט צו קיכן און זיינען סוף-כל-סוף — אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די אָרגאַניזאַציעס; מענטשן אין די דרייסיקער און פערציקער, וואָס האָבן אַמאָל געזונגען שיינע רירנדיקע

לידער אין די אינעװײניקסטע קאַמערן פון „קרעסטי", „טאַגאַנקע" און „בוטירקע" און זײנען באַקאַנט געװען מיט די װײטסטע געאָ־גראַפיעס פון אוסט־צילמי, אוסט־איזשמי און יאַקוטקע, און װאָס כאַפּן איצט אַ שמײכל־טאָן איבער די „נאַרישקײטן" פון דער יוגנט און — שמוכלען אויף טיש און אויף בענק; געװעזענע גימנאַ־זיסטן, רעאַליסטן, „קאָמערסאַנטן", עקסטערנעס, יובעלירערס, זײ־גערמאַכערס, דאַמענשנײדערס און כל המינים אַנדערע אינטעלי־גענטן אין פּענסנע און אָן פּענסנע מיט סאַקװאָיאַזשן טיבי שמוכל; דאַמען און „דאַמעטשקעס", פרײלינס און מײדלעך, מיט געזיכטער אָפענע און פאַרשטעלטע, מיט חן און אָן חן, װאָס פאָרן אויף „שטעלעס" צו קרובים און באַקאַנטע און כאַפּן דערװײל אַ לײכטן װאַגאָנען־פלירט אָדער װערן מיטאַמאָל ערנסט און לאָזן זיך אַרײַן אין אַן אַזאַרטן האַנדל מיט נײַע און מיט אַלטע געלטן. ס'האָט אַפילו ניט געפעלט אַ 50־יאָריקע הױכװאוקסיקע און טאָפּל־גײ־דערדיקע דיקע „מאַדאַם" מיט געשײטע שעלמישע בליקן פון חוצפּהדיקע אויגן, געװאָרפענע אין די זײטן פון די ײנגסטע מײדלעך — — בקיצור הדבר, אַ מישמאַש פון די סאַמע קעגנ־זעצליכע מעמדים און טיפּן, װאָס װאָלטן אַמאָל אײנע אויף די אַנדערע אַפילו קוקן ניט געװאָלט; איצט גיבן זײ אײנע די אַנדערע אַזוי פרײַנדליך די הענט און פרעגן זיך אַזוי בנעימותדיק פונאַנ־דער — ממש וגר זאב עם כבש — — —

און ס'איז גאַנץ נאַטירליך: דעם דאָזיקן דור־הפלגה פאַר־אײניקט אײן אינטערעס — עפּעס אײנער בײַם אַנדערן צו דערטאַפּן. זײ זײנען אַלע אַזוי תקיף — בײ זיך און אויך בײ לײטן. אַזױנע אָפּגעגעסענע און צופרידענע מיט בלוטשפּריצנדיקע פּנימער און קאַרקן, גאָר ניט װי אין מלחמה־צײַט.

* * *

דער צוג רירט זיך און אין װאַגאָן הײבן זיך אָן אין פאַר־שײדענע ערטער צו אַנטװיקלען שמועסן צװישן באַקאַנטע און באַלד אויך צװישן אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן, װאָס פאָרן פון אַרבע

פינות אָקופּאַציע אַהער אין די עכט־ליטווישע שטעט און שטעט־לעך און דערהויפּט אין די דערפער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין מיל און אין באָד און אין הקדש, און פאַר זיי איז אַלץ אָפן, ווי אויף דער האַנט. זיי ווערן פאַר קיין זאַך ניט נתפּעל, ווערן פון קיין פרעמדן צער ניט גערירט און פון קיין פרעמדער קאַטאַ־סטראָפע ניט אויפגעטרייסלט. זיי נוצן אויס פרעמדע נויט און פרעמדן אומגליק, טרעטן אויף מענטשליכע לעבנס, ווי מ׳טרעט, אַ שטיי־גער, אויף אַ פרעמדן פעלד מיט תבואה, ווי מ׳טרעט אויף ווער־רים... אם אין אני לי — מי לי? היינט לעבן מיר — איז חי — געלעבט, און מאָרגן וועלן מיר ווידער לעבן... זאָל זיין אַ מבול — מירן ניט דערטרונקען ווערן, מירן בלייבן, — מיר האָבן אַ גאָט, האָבן מיר, פאַרשטייט איר מיך, אַ טייערן, אַ גאָלדענעם גאָט!...

* * *

דער וואַגאָן איז מגולגל געוואָרן אין אַ ריידאַרניע און באַלד אין אַן אמתער בירזשע. די לופט איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט די מיאַזמען פון האַנדל־וואַנדל־שווינדל און ס׳האָט גענומען אָטעמען מיט ספּעקולאַנט און שמוכלער. די חוצפּה פונם ספּעקולירער מיט מענטשליכער נויט און מיט מענטשליכע לעבנס האָט גענומען שטייגן פון מינוט אַלץ מער און מער, ביז זי האָט דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה. מ׳איז דאָ געפאָרן אויף רויב. די אויגן האָבן גע־ברענט מיט אַ זשעדנעם פייער און מ׳האָט דאָ שעלמיש חוזק גע־מאַכט פון אַלץ און אויסגעלאַכט זיך פון דער גאַנצער וועלט. אַפילו אַ בלום אין דער האַנט פון עמיצן אַ פּאַסאַזשיר איז גע־וואָרן אַ ענין פון חוזק. דאָ האָט געהערשט דער גייסט פון מאַרקן און פון באַנעס, פון רובלס און פון קערענקעס...

* * *

מיר איז זייער ענג געוואָרן און כ׳האָב דאָ פאַר זיך קיין אָרט ניט געפונען. די מונטערע שטימונג, וואָס האָט זיך ביי מיר תחילת דערוועקט, איז לגמרי פאַרשוואונדן. אַלע זיצן זיך דאָ אַזוי

בהרחבה, און איך איינער שטיי ווי אַ בעכטיקער; אַלע פילן זיך דאָ ווי תּושבים, און איך אַליין נאָר — ווי אַ „ניט היגער“. ניט קוקנדיק, וואָס איך האָב מיינע ייִנגסטע יאָרן פאַרבראַכט אין אומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט, ניט קוקנדיק, וואָס איך בין אין מיין לעבן אָפּגעפאָרן אין וואַגאָן אַ סך מער ווי דריי הונדערט מאָל, — פונדעסטוועגן האָב איך זיך דעם מאָל געשפּירט ווי אַ ישובניק דעם ערשטן מאָל אין אַ שטאָט, אָדער, נאָך בעסער, ווי אַ „פּאָליטישער“ ערגעץ אין אַ פּערעסילנע טורמע צווישן קרימינעלע —

איך האָב זיך אָפּגעקערט, — בין צו צום אָפענעם פענסטער און געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט, גאַפנדיק אויף די שווינדלדיק און אָן אויפהער דורכשלייכנדיקע און אַלץ ווידער פאַרשווינדנדיקע בילדער אָן אַ צאָל...

אַלץ איז, דאַכט זיך, דאָס זעלביקע וואָס אַמאָל, אַלט־באַקאַנטע בנינים און וועגן, אַלט־באַקאַנטע בילדער און סילועטן, אָבער דאָס דוכט זיך מיר נאָר אַזוי בלויז נאָכן אויבנאויפיקן בליק. אַריינדרינגענדיק עטוואָס טיפער, דערקען איך באַלד די טיפע שינויים, וואָס זיינען געשען אין עצם תּוך פון אַלץ, וואָס איך זע — — —

פון ביידע זייטן באַן — דיזעלביקע אַלט־באַקאַנטע שורות ביימלעך, יונגע וועלדלעך, איינצלנע קליאָנעס, איינגעבויגענע ווערבעס ביי שמאָלע קאַנאַווקעס און קוואַל־גראָבנס. אָבער ווי שיטער זיינען די שורות און ווי קליין די וועלדלעך! ווי עלנט ווייזן אויס די איינזאַמע אַלטע קליאָנעס און ווי אומעטיק די ווערבעס! ווי שוידערליך עס קוקן די גרויסע חורבות פון די געוועזענע ישובים! איך געדענק נאָך לעבעדיק ווי היינט די אַמאָליקע גרויסגעדיכטע וועלדער, וואָס זיינען דאָ געווען, די מאַסן דערפער און די הפלאדיק שיינע לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן באַצירט די גאַנצע סביבה פון דער ווילִיע און פונם ניעמאַן, — און מיר ווילט זיך איצט אַריינקוקן אין די געדיכטע צווייגעלעך פון די ווערבעס, וואָס זעען זיך פונדערווייטנס, אפשר העגנט דאָרט ערגעץ אַן איבערגעלאָזן פידעלע פון עמיצן אַ מגורש פון תּרע"ה, וואָס האָט דאָ אויף אירע סטרונעס אין טרערנדיקע טרעלן אויסגעגאָסן זיין

האַרצנסוויי אויף דער פאַרוויסטונג פון די וועלדער, אויף דער פאַרמינערונג פון די נעסטן און פון די זינגפייגעלעך אין זיי, אויפן אומעט פון די ליידיקע און ניט באַאַקערטע פעלדער און פון די צעגריבערטע לאָנקעס, אויפן עלנט פונם פאָלק און אויפן חורבן פונם לאַנד — — —ווי נאַקעט איז געבליבן די צניעות־דיקע ווייליע און ווי פאַרוואָרלאָזט דער אַלטער ליבער ניעמאַן!

אמת, ס׳באַמערקן זיך שוין דאָ און דאָרטן סימנים פון אויפ־ריכטונג און באַנייאונג, אָבער דערווייל זיינען דאָס נאָך מער ניט ווי סימנים...

* * *

אַ בלענדנדיק־העלע זון לויכט אויף אַ בלויליך־זומערדיקן הימל, ערטערווייז אַ דורכגעשטרייפטן מיט לענגערע און קירצערע, שמעלערע און ברייטערע פאַסן דין־געפּאַלבטע וואָלקנדלעך, אָפּגעצווייגטע פונם ווייטן — ניט־ווייטן נישקשהדיק פאַרכמאַרעטן האָריזאָנט, פון וועלכן ס׳לאָזט זיך אַראָפּ אַ שאָטן ערגעץ דאָרטן העט־ווייט — — — ליכט און שאָטן, שאָטן און ליכט — אויפן הימל און אויף דער ערד — — —

און עס שלייכן זיך אַלץ שווינדלדיק און אָן אויפהער דורך נאַקעטע בערג און געלב־גרויע טאָלן, שמיטה־פעלדער אָן ווידער־וואַקסונג און פעלדער אָפּגעשניטענע, ערטערווייז אויסגעזעצטע מיט סקירטעס שווינדזיכטיקע גאַרבן; לאָנקעס, שוואַך באַגרינטע און אויך אָפּגעקאָשעטע, מיט שיטערע סטערטעס היי, וואָס שטייען ווי פאַרשעמטע; אַ פאַריתומטער, איינגאַנצן דורכגעפוילטער און איינדרייען געבויגענער אַלטער דעמב און אַ פּאָר שטאָלצע טאָפּאָליעס, ווער ווייס פונוואַנען אַהער פאַרבלאָנדזשעטע; עלנטע הושענא־בוימלעך, טענענבוימלעך, כאַלופּקעס, חורבות, איינציקווייז בלאָנדזשענדיקע שעפּסן אָן אַ פּאַסטוך און אַ מעלה־גרהדיקע קו, אַ קליאַטשע ערגעץ אין אַ גראָבן — — —

גרויע, אומעטיקע בילדער, אַ דאַנקבאַרער שטאָף פאַר די רירנדיקע ליטווישע דאַיִנאָס און רווידאָס, ווי אויך פאַר אונזערע אייגענע „איכה׳ס" — —

און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט דאָס האַרץ פאַרנומען נאָך עפּעס שיינס אַזוינס, וואָס עס איז געווען און וואָס ס'האָט געקאָנט נאָך זיין, אָבער וואָס עס איז שוין, דאַכט זיך, אויף אַלע מאָל פאַרשוואונדן — — —

און דאָ הינטער מיר און אַרום זיצן נאָך אַלץ די דאָזיקע אַלע שיינע גרויסשטעטישע פּאַרשוינען, צווישן וועלכע ס'איז אַן אַרבעטסמאַן מיט ליכט ניט אויסצוזוכן, זיצן און שפּאַרן אין אָנ־בליק האַלבע קאַטשקעס און גאַנצע הינער, אייער מיט פּוטער און ווייסע חלה, „שערס" באַרנעס און טאָרט מיט וואַרעניעס, און פאַרטרינקען דאָס אַלץ מיט עכטן ביר און מיט אמתן אַלטן אונ־גער־ווין. אייגער אַ פּאַרשוין האָט געוויזן, אַז ער איז ניט קיין „יאָלד", האָט געטאָן אַ וואונק מיט זיינע פאַרלאָפענע קוקערס, אַ קנאַק מיטן גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט און אַ גנבישן דריי מיטן רעכטן וויזפינגער אין דער האַלב־פאַרמאַכטער לינקער דלאָניע, אַז ער האָט—ניט קיין דענאַטורירטן ספּירט, ניט קיין לאַק און ניט קיין „כאַנזשע", חלילה—נאָר טאַקע עכטן מהודרדיקן יין־שרף,—ער ווייסט ניט, צי ער שטאַמט פון די היינטיקע שמוגל־ברייזלען אָדער אפשר גאָר געגנבעט פון דער אַלטער „מאָנאָפּאָלקע",— וואָס מאַכט עס אויס, — אָבער בראַנפן איז דאָס פּרימאַ! — — —

און מ'האָט געטאָן און געפּאַקט און געגאָסן אין זיך און בעת־מעשה—שוין ניט גערעדט מער וועגן די אייגענע „עסקים", נאָר—גערכילותט אויף באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע אויף רעכטס און אויף לינקס מיט אַזאַרט און מיט אַ ברען: אַז — רב צץ האָט פאַרלאָזן אַלע זיינע ווינט־געשעפטן, איז געוואָרן אַ גבאי ביים טיילן האַלץ פאַר אָרימע־לייט און—האָט אָפּגעלייגט אַ מטמון מיט גאָלד; אַז — רב דץ האָט זיך מייאש געווען צו באַקומען די וואָ־כער פון זיינע געפאַלענע לווים, האָט געגרינדעט אַ חברה „מכלכל חיים" צו שטיצן געפאַלענע בעלי־בתים און אַז באַכדעם ווי אַלע

„געשטיצטע" זיינען געשוואָלענע פון הונגער אוועק צום מחיה-מתים, האָט ער דאָס קרעמל — די חברה הייסט עס — פאַרמאַכט און איז געוואָרן א „פּאָפּעטשיטעל" אין א שטאָט-קראָם; אַז — בינקע-עקל-הערינג איז געוואָרן א „טשלען" אויפן פישמאַרק און ער לייגט אויך, ברוך השם, צו די באָבעס ירושה; אַז חאַציע האָ-ביק-קוועטשער האָט גענומען ספּעקולירן מיט געגנבעטע לעדער און — זאָגט שוין א דעה אין דער שאלה העברעאיש-יידיש; אַז — דער קאַנדידאַט גלעב פּאוולאָוויטש מה-יפית רייסט זיך צו ווערן דער פּאָרשטייער פון א גרויסער יידישער קהילה און ער צֶלֶמט זיך, אַז ער וועט זי ניט פאַרראַטן; אַז — כאַשקע די גראַפיניע איז געוואָרן די ערשטע שמוכלערקע אין שטאָט, אַז די צייט האָט ניט געענדערט זי און זי וואַרפט נאָך אויגלעך עד-היום; אַז — די רייכגעוואָרענע יענטקע די כּאָדפּראָפּאָרשטשיצע האָט געכאַפּט א מפּלה, איר מאַן איז געקומען און האָט געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזן; אַז — פליגלמאַן דער בעל רגשי-קודש, וואָס האָט זיך אומגעטראָגן אין די הויכע הימלען און אין די ווייטע וועלטן, האָט געעפנט א באָד מיט אַן אָפּטיילונג פאַר צערטליכע געפילן און — מאַכט געשעפט; אַז — גימפּל קונצנמאַכער האָט גענומען אין מאָנאָפּאָל די קונסט און — מאַכט דעם גראָשן; אַז — גומפריך דער בעל מטופל האָט שותפות געמאַכט מיט יעקל שאַפּשאָוויטש, האָט, ניט צו פאַרזינדיקן, די גוטע שפע און האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר אַן עקסט-ליבקן; אַז — — — איך האָב שוין מער ניט געקאָנט איינזיין — אין וואַגאָן, בין אַרויס אויף דער פּלאָשטשאַדקע און דאָרטן פאַרבליבן שטיין ביז דער נאָענטסטער סטאַנציע — — —

און מיר פאָרן ווייטער, ווייטער...

אָבער וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון דער גרויסער שטיינערנער שטאָט און וואָס טיפער מיר שניידן זיך אַריין אין די ברייטע שטילע ליטווישע פעלדער, אַלץ קלענער ווערט די חוצפה פונם אויפגעקומענעם קליינמענטשעלע, אַלץ שוואַכער ווערט

דער האַבונישער גייסט פונם גרויס־שטאָטישן אוחז־ביד, אַלץ רויִקער ווערן די געמיטער און נאַטירליכער די מענטשן — — —

די ווירקונג פון דער אָרימער, איינשטילנדיקער נאַטור — — —

אויף די סטאַנציעס האָבן גענומען אַראָפּשטייגן די דערעסענע פּאַסאַזשירן, די געקומענע פון שטאָט, און ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינשטייגן אין די וואַגאָנעס נייע פרישע מענטשן, געקומענע פון די שטעטלעך, — און דאָס בילד האָט זיך לגמרי געביטן — — —

II. אויף די סטאַנציעס און אין וואַגאָן.

אויף די סטאַנציעס איז גאַנץ לעבעדיק; ס'קאָכט, ס'רעשט אַפילו, אָבער — אַזוי צו זאָגן — לייטיש, מיט שטאַט, מיט אַ מאָס. מ'אײַלט זיך צו דער סטאַנציע, צום צוג, אָבער דאָ פילט זיך עפּעס אַ מין רואיקייט, אַ זיכערקייט, אַז „בישקשה, מירן ניט פאַרזאַמען, אונזערס ט'ניט אַוועקגיין, אונזערס וואַרט אויף אונז", — ווי דאָ וואָלט געווען אַן איילעניש אַן אויסגערעכנטע אַפּריער, אַן אָפּגעמאָסטענע אין דער צייט, מחמת דאָס גאַנצע לעבן איז איצט אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן.

דאָ לאָדט מען אָן און דאָ לאָדט מען אויס אַ וואַגאָן טאָרף, שטיינקוילן, האָלץ, דאָ — תבואה, צוקער, מעטאַלן, זאַלץ און דאָ — גאָר שטיינער, — און אַרום דעם אומעטום — אחינו...

און דער עולם אויף די פּלאַטפאָרמעס פילט זיך פריי און מונטער, שפּאַצירט זיך אום צופרידן הין און צוריק, ס'רוב אין גרויע פּלאַטשיקע, הייבטיק וואוילערישע היטעלעך, מיט אויפגעהויבענע, שוין צופיל אויפגעהויבענע קעפּ און מיט אויגן מונטערע, וואָס קוקן גלייך און דרייסט, ווי עפּעס איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים דאָ, אָדער וואָס, גאָרניט ווי אַמאָל — עפּעס גאָר אַ צייט אַן אַנדערע, און עפּעס גאָר אַן אַנדער דור — — —

אַדאַנק דעם, וואָס אויף דער פּראָווינץ זייַנען אַראָפּ די שייַנען, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ נייַע באַוועגלעכקייט, אַ ניי־לעבן, איז אַוועק אַ רירעוודיקע קאָמוניקאַציע, וואָס האָט אַ פרישן באַלעבנדיקן שטראָם אַרייַנגעטראָגן אין די שטעט און שטעטלעך און ברענגט שוין געווינטשטע רעזולטאַטן. די פּראָווינץ האָט ווי נאָך עפּעס אַ לעטאַרגישן שלאָף געגומען אויסרייַבן פּעסט די אויגן און מיטאַמאָל געטאָן זיך אַ הייב-אויף, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע, און האָט גענומען אויסגלייַכן דעם רוקן דעם געבויגענעם, אויסציען די גלידער די צעפּרעסטע. עס הייבט קענטיק אָן אַלץ ווידער אַרייַנגיין אין דער נאָרמע, ס'וועקט זיך אַ נייַע האָפענונג אויף עטוואָס בעסערס, שענערס, ליכטיקערס — — —

* * *

אויף דער סטאַנציע לאַנדוואָראָוואָ פילט זיך עפּעס אַ באַזונדערע פרייקייט, אַ פרייַליכקייט, ניט קוקנדיק אויף דער טרויעריקער מראה פונם נאָך חורבן, געוועזענעם שיינעם וואָקזאַל, וואָס דערמאָנט אָן פינסטערע טעג און אימהדיקע נעכט, וועלכע ער האָט מיט דריי יאָר צוריק איבערגעלעבט — — —

די „פּערעסאַדקע" קאָכט. אַ שטראָם אַרויס פון די וואַגאָנעס און אַ שטראָם אַרייַן. דאָ לויפט מען מחנותווייז און איינציקווייז צום עקספּרעס, און דאָ—צום שלעפּ-צוג, אָבער אַלע מיט פּעק און פּעקלעך, זעק און זעקלעך, טשעמאָדאַנעס און סאַקוואָיאַזשן, זעלטן-זעלטן ווער מיט ליידיקן — — —

פונם גרויסן עולם האָבן זיך אויסגעטיילט אייַנצלנע נייַע פאַרשוינען מיט עטוואָס אינדיווידועלערע נאַטורן, וואָס האָבן גלייך מיט זייער אַרייַנקומען גענומען צעשטערן די שמוכלערשע אידיליע פון וואַגאָן.

צוערשט האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אַהער פון אַן אַנדער וואַגאָן אַ יונגערמאַן צו אַפּטייק-קרעמער ערגעץ אין דער סביבה פון אָראַן, וואָס האָט געפירט פון ווילנע סחורה פון זייַן פאַך און איז געווען אש-להבה אויף די רוצחים די ווילנער דראָגיסטן-אַגול-

ניקעס, וואָס שינדן אַראָפּ די הויט פון די קליינשטעטלשע „אורחים",
וועלכע „האָבן קיין הארץ ניט" פון זייער צד צו רייסן ביי די
אָרעמע קונים נאָך העכערע פרייזן.

— טאָ זייט ניט קיין יאָלד, — האָט זיך מיטאַמאָל ווי אַן
אָפּגעריסענער פון ערגעץ אַ פינפטער באַנק אַ וואָרף געטאָן אַ
באַיאָרנטער באַקאַליישטשיק — אַן אָגוליק מיט אַ פעט־גלאַנצנדיקן
ראַזירטן פנים, — און רייסט אויך: נישקשה — די געוועזענע „בע־
זשענצעס" האָבן גענוג געלט, האָבן גענוג אָוועקגעשלעפּט פון
ווילנע...

דער יונגערמאַן, אליין טאַקע אַ געוועזענער אַנטרוגענער,
איז אויף אַ רגע אַ ביסל צעטומלט געוואָרן פונם אומגעריכטן ברוך־
הבא, האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און באַלד דערלאַנגט גוטע
„רעשטע":

— ווילנע איז אַליין אַ גרויסע שנאָרערקע, זאָל זי מיר
מוחל זיין, לעבט אַליין אויפן חשבון פון „אַמעריטשקע" און פון
אַנדערע גוטע מומעס. און אירע שמוכלער האָבן אויסגעזויגן די
פראָווינץ...

אין וואַגאָן איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, און דער אַפּ־
טייק־קרעמער האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ „בערלינער טאַ־
געבלאַט" און האָט מיט אַ פּאָר שכנים פאַרפירט אַ שמועס וועגן
וועלט־פּאָליטיק — — —

אין דערזעלביקער צייט האָט אַרומקוקנדיק־זיך זיך אַריינגע־
כאַפּט אַ 25־יאָריקער בלאָנדבערדיקער בעל־הביתל, נתן כלבו, וואָס איז
פון ווילנע צוגעפאָרן ביז לאַנדוואַראָוואָ מיט אַ פור, ווייל, נעבאָך,
אָן אַ שיין, און פונדאַנען וועט ער שוין פאָרן פראַנק און פריי,
וואוהין דאָס הארץ וועט גלוסטן און די אויגן וועלן טראָגן —
אַגב איז אים אַלץ איינס וואוהין, ווייל קיין געלט האָט ער סיי־
ווי ניט. ער איז אַ דלפון, לא־עליכם, נאָר אַ גרויסער, נאָר איי־
ביק אַ פריילעכער „הוליע קבצן". ער איז אַ בעל־נגינה, איז קאַ־
פּאַבל אַריינצוכאַפּן זיך אין אָלקעניק, אין סעריי צי אין לאַזדיי
און אָפּצוציקלען אַ „לכה־דודי", אַ „השכיבנו", אַ „ישמח משה"
און אַ „תכנת שבת", אַז די גבאים זאָלן פאַרגאַפּט ווערן און די

ווייבער זאָלן זיך בענטשן מיט אים. ער האָט אויך ערגעץ גע־שריבן, אין „הזמן" צי אין „ווילנער וואָכנבלאַט", איז אומגעפאָרן מיט אַ טרופּע און איז איצט פּשוט „פאַרצאַפּלט" איבער ענין „יידישער טעאַטער", „ריינער, קינסטלערישער רעפּערטואַר". ער האָט זיך באַלד טאַקע גענומען אַגיטירן אין דעם .זינגען דעם עולם פּאַסאַזשירן, אָבער די פאַרברענטע חסידים פון „מטורף", „כינקע־פינקע", „אַ מענטש זאָל מען זיין" און „יאָסקע פּאַרט אוועק" — טאַקע אַ דריי פערטל וואַגאָן — האָבן אים אויפגעהויבן אויף אַ „הורא", און ער האָט זיך אַן אַנטוישטער אַראָפּגעלאָזן אויפן באַנק אונטערברומענדיק אונטערן נאָז „אֵלי אֵלי" — — —

באַלד זיינען אַריין אַ פּאָר סובאַלקער יונגע שיינע בחורים, הויכע ווי די טאָפּאָליעס, עפּעס ווי אַ פּאָר ברידער, שותפים אין וואַיאַזש, וואָס פאָרן איצט אַהיים פון קאָוונע. „דער עסק" איז זיי דערווידער, — זיי האָבן אַמאָל אַלגעברע געלערנט און האָבן שוין געהאַלטן אַפילו ביי קאָסמאָגראַפיע, — נאָר וואָס, זאָגט אַליין, זאָל מען איצטער טאָן? גיט, אדרבא, אַן עצה... איינער פון זיי איז געווען מיט פולע קעשענעס בלעטער מכל המינים; ער האָט געהאַט אַ מאַניע צו קלייבן קאָלעקציעס צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלע יאָרן בכלל און פאַר דער צייט פון מלחמה בפרט, — ער ווייס אַליין ניט, צוליב וואָס, נאָר אָט אַזוי זיך, ער האָט פּשוט אַ פאַרגעניגן פונם עצם ענין קלייבן. — דער צווייטער איז געווען אַ פאַרברענטער שאַכמאַטיסט, אַ מיטגליד פון סובאַלקער שאַכמאַטן־קלוב, און האָט פאַרטויבט דעם וואַגאָן מיט זיין התפעלות פונם ד״ר לאַסקער און עקיבא רובינשטיין, וואָס וואָלטן ביי אַנדערע באַדינגונגען „געוויס" געקענט זיין די גרעסטע סטראַטעגן אין דער וועלט, „יידישע הינדענבורגס און לודענדאָרפס" — — —

אין ר ו ד ז י ש אָ ק האָט זיך מיט אַ שטורעם אַריינגעריסן אַן עלטערער, שוין נישקשהדיק גרוי געוואָרענער ייד אין מלבושים שוין אַמאָל פיר איבערגעניצעוועטע, אין אַ פאַרשמאָלצענעם היטל מיט אַ האַלבן „ברילעק", אַרויפגערוקט אויף דער פּאָטילניצע,

מיט אַ צעשויבערטער באָרד, אַ פאַרסאָפּעטער און אַ פרייכנדיקער, מיט צוויי פולע קערב אין די הענט און מיט אַ היבשן פולן זאַק אויף די פּלייצעס, אָן אויפהער איבערחזרנדיק מיט אַ האַלב־פאַרשטיקטן קול: „גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען — דורך״! און אַוועקשטעלנדיק די קערב אין מיטן דורכגאַנג צווישן די בענק און אַרויפשטופּנדיק דעם זאַק אויף איינער פון די ביידע, אַזוי אויך שוין פולפאַרפּאַקטע „פּאָליצעס״, האָט ער אָן אָפּרו, מיט אימפּעט און מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן גענומען דערציילן פאַר ווילד פרעמדע מענטשן וועגן זיין „נעכטיקן דורכפאַל״, וואָס האָט אים גורם געווען אַ גרויסן היזק, און וועגן זיין היינטיקער בריהשקייט, וואָס וועט דעקן דעם דאָזיקן היזק און נאָך זיכערן אים אַ וואָך חיונה פאַר זיינע דריי אייניקלעך, די יתומים פון זיינעם אַ זון, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אויפן דריטן חודש נאָך זיין אַוועקגיין אויפן פראָנט, — אומגליקליכע עופהלעך, וואָס האָבן נאָכדעם פאַרלאָרן אויך די מוטער, וואָס איז בעת דער מהומה פונם גירוש דערטרונקען געוואָרן אינם ניעמאַן — — —

אַפילו דער גראָבער צוקערניק, וואָס האָט געשאָטן שוואַרצע מאָן אויף די „היינטיקע״, דער קצב און דער בעקער מיטן קרומען צדיק דעם בעל־הבית פון דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם, וואָס האָבן געמאַכט אַש און בלאָטע פון די „נעכטיקע״ און וואָס וואַרפן זיך אַרויף אויף די קונים און אויף די מיטגלידער מיט אַ לשון פון פישנמאַרק — זיינען אַנטשטומט געוואָרן נאָך דער דאָזיקער פּשוטער געשיכטע — — —

פון אָ ל ק ע נ י ק האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עטליכע פאַרשווינען:

אַ געוועזענער קאָלאָניסט, וואָס קאָן זיך בשום־אופן ניט צושלאָגן צו אַ פערדל און צו די נייטיקסטע פעלדגעצייג, וואָס זיינען געשטויגן אויף טויזנט און נאָך מער פּראָצענט, און ווילנדיק — ניט ווילנדיק מוז ער זיך פאַרנעמען מיט קליין־שמוכל, מיט שה״י־פּה״י, — אַ גרויסער בעל מטופל אין אַזאַ שווערער צייט! דאָס האַרץ טוט אים וויי אויף זיין שטיקל ערד, וואָס פּוסטעוועט, אָבער

בײַ דער ערשטער מעגליכקייט וואַרפט ער דעם דאָזיקן „מיאוסן עסק" „צום קאַדיק" און באַזעצט זיך צוריק אויף זיין ערד „אונטער זיין בעריאָזקעלע און אונטער זיין ראַבינע", וואָס זיינען נאָך גאַנץ געבליבן...

אַ ווילנער קאָלאָניאַל-קרעמער — אַ טאַטע פון פינף בנים און איין בת — וואָס האָט בעת דער אַמעריקע-בהלה אין 1916 קיין שכל ניט געהאַט, האָט פאַרקויפט האַק און פאַק בחצי-חינם, האָט דאָס ביסל אויפגעקלאַפטע געלט אַוועקגעשיקט אין רייזע-ביוראָ אויף שיפס-קאַרטעס קיין אַמעריקע פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און נאָכדעם ווי די בלאָפערקע האָט געעפנט די קאָרטן און אַליין אָנגעוואָגט אַ נייע מלחמה, האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע, זיך מייאש געווען פון אַמעריקע, איז בדיל-הדל געוואָרן און, כדי צו ראַטעווען זיך פון אַ פולשטענדיקן באַנקראָט, האָט ער זיך מיט זיין גאַנצן געזינטל אַריבערגעכאַפּט אין אַ קליינשטעטקע אין דער סביבה פון אָליטע, די עלטערע בנים צעשיקט פאַר שרייבערס אין קאַנצעלאַריעס פון פאַרשיידענע אַמט-פאָרשטייערס, — זיי זיינען ביי אים „שטודירטע", די דאָזיקע בנים, זיי האָבן זיך געלערנט אין „טאָרגאָווע שקאָלע", און דער עלטערער אַפילו אין קאָמערץ-שול, — אַליין געעפנט דאָרטן אויך אַ קאָלאָניאַל-קרעמל, כאַפּט שוין ריידן ליטוויש און אַרבעט אויס, אַדאַנק דעם „העגט ניט געוואַשן", חיונה. איצט פאָרט ער פון דער „קאָלאָניע", וואו ער האָט געמאַכט עפּעס אַ קניה. אַלץ וואָלט שוין געווען גוט, אָבער ער איז זיך שטאַרק מצער, וואָס פון די קינדער ווערט גאָרנישט... אמת, די באַשעפטיקונגען פון די עלטערע זיינען אויך קיין תכלית ניט, אָבער אויף די ייִנגערע איז גאָר אַ ביטערער רחמנות — ניטאָ קיין לערער, קיין רעכטער רבי אַפילו, — כאָטש נעם און מאַך זיי פאַר שמוכליאַרעס...

אַן אויסגעדאַרטע פאַרמעט-פּנימדיקע און איינגעדרייען-געבויגענע ווייבל פון אַ יאָר פינף-און-דרייסיק מיט אַ זעקל פון אַ פוד צוויי, איינמיטן דורכגעבונדן מיט אַ שטריקל, אויף די פּלייצעס. ס'האָט איר געוואָרפן עפּעס ווי אין אַ מין קדחת, געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און די אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויף האַלב-טויט

צעשראָקענע. זי האָט זיך איטליכע רגע אומרואיק און מיט אַ ציטער אַרומגעקוקט אויף די זייטן, הינטער זיך, אין די ווינק־לען, אויף די פּאָליצעס, אונטער די בענק און האָט סוף־כל־סוף אַראָפּגעלאָזן דעם זאַק אונטער די פיס. „קאַם וואָס כ׳האָב זיך אַריינגעכאַפּט, געטיינט, דער צוג גייט שוין די רגע אָפּ". „איי־ערגעכטן בין איך אומגליקליך געוואָרן, פרעמד געלט געוועןן״, „נאָר געזונט זאָל זיין רב זרח יעוויער, ט׳מיר ווידער 50 מאַרק געליען, און — אַז גאָט ט׳וועלן — וועל איך האָבן אויף עטליכע טעג פאַר מיינע לעבעדיקע יתומים — און אפשר שוין, אויף וויסטע פעל־דער, אמתע יתומים, — שוין פון דער „ביליזאַציע" אָן האָב איך פון „מיינעם" גאָרנישט געהערט, און איצט — אַלע קומען, נאָר ער איינער ניט!" — „איך האָב אָן אמתן צער: אין איילעניש האָב איך די קינדער כמעט גאָרנישט איבערגעלאָזן צום עסן אויפן גאַנצן טאָג. נאָר הלוואי זאָל דער „הענט ניט געוואַשן" געבן, איך זאָל אַריבערקומען „אַראָן" און בשלום דערפאָרן ביז פּאַשניע, וועט שוין אַלץ גוט זיין" — — —

אָ ר אָ ן האָט געקאַכט, ווי עפּעס אַ גרויסע קנופּ־סטאַנציע. ס׳האָט געשוויבלט און געגריבלט פון מענטשן, ס׳האָט געדרודערט מיט דער „פּערעסאַדקע" אין עקספּרעס, וואָס גייט אַוועק קיין וואַרשע, און פון אים אין שלעפּ־צוג, וואָס שלעפּט זיך ווייטער קיין סובאַלק. דאָס האָט אָבער געדויערט אַ קליינע ווײַלע. ווי די צוגן זיינען זיך צעגאַנגען איטליכער אין זיין וועג, איז די סטאַנ־ציע ווידער פּוסט געוואָרן. אַמאָל איז דאָ געווען אויף אַ שטעטל, איז לעבעדיק געוועןן. איצט איז פון גאַנצן שטעטל אַ תל געוואָרן.

אָ ר אָ ן האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער וואַגאָן, ווי אויך אין אַנדערע וואַגאָנעס, אַ גאַנצן שטראָם פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן איבער פאַרשיידענע סיבות פאַרשפּעטיקט, אָדער גלאַט נייטיק גע־האָט זיך אָפּצושטעלן דאָ און זיינען פאַרבליבן נעכטיקן.

צוערשט איז אַריין אַ 23־יאָריקער אביטוריענט אין אַ סטו־דענטישן היטל עטוואָס אויף אַ זייט אויפן קאָזאַקישן שטייגער. ער פאָרט־צו ביז אָליטע, וואו ער דאַרף מאַכן עפּעס אַ „ספּראַווקע", און פון דאָרטן מאַכט ער די נסיעה קיין מאַריאַמפּאָל, וואו ס׳האָט

זיך, לויט ווי ער האָט געהערט, געעפנט אַ יידישע גימנאַזיע, וואָס איז אויסגערעכנט אויף 400 תלמידים און תלמידות, און ס׳האַלט זיך ביים עפענען אויך אַ בשותפותדיקע ליטוויש-יידישע גימנאַזיע — וועט אַרבעט זיין אַ סך, — בכן האָפט ער דאָרטן צו באַקומען אַ „געווינטשטע מעגליכקייט אויסצונוצן זיינע ידיעות” — — —

דאָ האָט זיך פּאַמעליך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן יידישע שולן און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַלץ ברייטער און טיפער און האָט אַריינגעצויגן אַלץ מער פּאַסאַזשירן. דאָ זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מערקווירדיקע רעיונות, אָריגינעלע, גאָרניט ענליכע אויף די, וועלכע מיר זיינען געוויינט געוואָרן צו הערן אין דער מעטראָפּאָליע פון ליטע, אויף וועלכער די פּראָווינץ קוקט נאָך, אמת, אַלץ מיט גרויס דרך-ארץ ווי אויף אַ „עיר ואם בישראל”, פונוואַנען ס׳דאַרף אַרויסגיין די תורה פאַרן גאַנצן לאַנד, אָבער שוין ניט אַזוי בלינד, שוין מיט אַ קריטיק, און אַ שאַרפער, אַ בייסנדיקער. ווילנע רעדט, ווילנע דברט, אָבער קיין מעשים זעט מען ניט; די רייד צערט אויס די ענערגיע, זייט ווילדע מחלוקת און לעכערליכע שנאה.

„נישקשה, מ׳קען אייך, איר זייט אַלע, אָן אַ יוצא מן הכלל, גוטע שמוכלער, די ערגסטע בורזשויעס. עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, קולטורעל און נאַציאָנאַל זייט איר פּאַקטיש און פּסיכאָלאָגיש די גרעסטע רעאַקציאָנערן, אָבער אַ מענה-לשון האָט איר אַן עקסטיס-טישן, ליגקן, — מ׳קען אין אייערע ד׳ אמות ניט שטיין... איר רעדט און איר קריגט זיך און איר זייט גראָב עגאָאיסטיש צופרידן מיט זיך, מיט אייערע אייגענע וואוילע דרשות, אָבער די פּראָווינץ, דער אמתער מקור פון רעכטער, ניט געקינסטלטער פּאָלקסטימ-ליכקייט אין אַלע צייטן און פונקט אַזוי אויך היינט, ווערט דער-ווילע צוגישט קולטורעל, ליידט פון הונגער אין שולן, מחמת זי האָט ניט קיין לערער און זי האָט ניט קיין ביכער... וואָס איז מיר אייער „העבראַאיזם” און אייער „יידישיזם”, אַז אונזערע קינדער בלייבן פּאַקטיש אָן העברעאיש און אָן יידיש, אָן בילדונג, אָן וויסן

און אָן שום איבערצייגונגען אין עפּעס... איר ווייסט קיין געשיכ־טע ניט, מיינע הערן גרויסשטעטישע, ניט קיין יידישע און אפילו ניט קיין אַלגעמיינע! גיט אַ קוק אויף די ליטווינער: אויך אַ פאָלק מיט אַ סך שפּראַכן — מחמת ליטוויש האָט אַ סך דיאַלעקטן, וואָס זיינען איינע פון די אַנדערע אַזוי ווייט ווי עכטע שפּראַכן — און זיינען צעשפּאָלטן אויף צוויי אמונות, פּונקט ווי די בעלאָרוסן, און אויף אַ סך פּאַרטייען, פּונקט ווי מיר יהודים — און פונדעסטוועגן קאָכט ביי זיי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבעט און זיי גייען פאָר־ווערטס און פּראָגרעס קולטורעל און נאַטירליך־נאַציאָנאַל. דאָס הייסט געזונט־נאַציאָנאַל. וואָס איז די סיבה? — ווייל זיי ליבן באמת און טיף זייער פאָלק און אַלע זיינע קולטור־אוצרות! איר, גרויס־שטעטישע יידן, זייט ווי לערמאָנטאָווס „דעמאָן": איר האָט באמת קיינעם, אַחוץ זיך, ניט ליב און איר האָט באמת קיין שום זאַך, אַחוץ אייער אייגענעם נפשל, ניט האָלט! אמת, איר אַלע האָט גענומען די ליבשאַפט צום פאָלק אין מאָנאָפּאָל און באַגיסט איינע די אַנדערע מיט פּאָמוניצעס, — אָבער איר ליגט אַלע! — — —

אַזוי האָט גערעדט מיט פייער און מיט אַ גיפטיקן סאַרקאַזם אַן אַריינגעקומענער עלטערער בחור, אַן אייביקער עקסטערן, וואָס האָט פאַרבראַכט זיין טרויעריקע קינדהייט אין חדרים און ישיבות אין דענעבאָרג און אין איישישאָק; האָט געהונגערט און געלערנט בהתמדה השכלה אין די קעלערשטובן אויף גיטקע־טויבעס זאַוואַ־לאָק און אין די נאַוואָגרוּדער כאַלופּעס; האָט געפּטרט זיין בעס־טע, זיין גאַנצע יוגנט אין ווילנער „כתרילעווקע" און אויף קאַנדי־ציעס אין אַלע העקן פון „תחום" און אַריבערן „תחום": ביי רייכע גראָבע ישובניקעס ביי אַלט־ריגע, ביי ניי־ריגע און אין טאַבּרישאָק, ביי קרעמער אין בריאַנסק, אין סטאַראָדוב און אין קאַמעלישאָק, ביי יידישע פריצים אונטער באָכמאַטש און אויף סייניער טראַקט, ביי וואַלד־הענדלער, יידן הארטע און תקיפים נעבן פּאָטשעפּ, אין זשאָ־סלי און אין ראַדאָשקוויטש , אין אָריאָל, ביי וואָרניאַן און אויף סטאַנציע „כּיקען"; האָט אַגיטירט פאַרן סאָציאַליזם בעל־הבתישע זאַטע יונגעלייטלעך־לידיקגייערס און קליינבירגער אין אונעטשאַ, ניעזשין און קאָנאָטאָפּ, פּראָפּאַגאַנדירט אין „ראַי"

אין „האָמליטשקע" און אויף ציגן־גאַס אין „ווילנעטשקע", איז געזעסן אויף אַנטאָקאָל, אין „זיבקוי" און אין „קראַסני דאָם" און געשטאַנען מיט אַ „הענטשקע" אויף דער שמירה גרייט צו באַגעגענען די „שוואַרצע" אויף דער באַוואוסטער סוראַזשער גאַס אין ביאַליסטאָק, — און איז סוף־כל־סוף געבליבן אַ לאַ־יוצלח אַ פעסימיסט אויפן גאַנצן לעבן. דאָס לעצטע מאָל איז ער נאָך געפאָרן פּרובן גליק אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן פון „מפיצי־השכלה", וואָס האָבן אויפגעמאַכט מיט זייערע נפלאות אַלע שטעטלעך פון אַבעראָסט, אָבער ער האָט דאָרטן געהאַט דעם זעלביקן קבלת־פּנים, וואָס גוידאָס „הנגר הגאור" אַמאָל ביי שטיינבערגן פון ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט — — און אָן אַ פעניג ביי לייב און לעבן און אָן אַ שטראַל האָפענונג אין זיין נשמה פאָרט ער איצט צוריק — אויף אַ קאָנדיציע ערגעץ אין קאַקטישאָק — — —

די דאָזיקע פיליפּיקע האָט, אַפּנים, געטראָפן אין פינטל אַריין, האָט, משמעות, שטאַרק מרגז געווען די אָפּגעשטאָפּטע גענז, וואָס זיינען, אייגנטליך, אַלע געווען פון איין גאַטונג, פון איין קלאַס, און איין גאָט ווייס, צוליב וואָס זיי זיינען צייטווייליק מגולגל געוואָרן אין צוויי „ראַנגלענדיקע צדדים". די זאַטע און מיט זיך און מיטן אייגענעם „שכל" אייביק צופרידענע קליינקעפּלדיקע פלשתים פון ביידע צדדים זיינען אַפילו געבליבן ביי זייערע „מיינונגען", האָבן זיך אָבער דערשפּירט ניט גוט, האָבן נאָך געוואָלט, אָבער שוין ניט געקענט מער שטעלן זיך אין פּאָסאָן און האָבן זיך אַרויסגעוואָרפן אויפן צעשטערער פון זייער קליינבירגערליכער רו מיט די שפלסטע זלזולים. אַנדערע, ווידער, פון די ווייניקער חוצפּהדיקע, האָבן פּאַר צרות געגומען צובייסן, וואַרפנדיק בייזע בליקן אין דער זייט, וואו ס'איז געזעסן אַ פּאַראומערטער דער אייביקער עקסטערן, און די וואַקלדיקע האָבן זיך אַריינגעלאָזן מיט אים אין אַ „קולוואַרישן" וויכוח. אייניקע, צבועים, האָבן אים אין די אויגן שבחים געזאָגט און אים געדערכט געגעבן, אונטער די אויגן אָבער האָבן זיי אָפּגעלאַכט פון אים, פּשוט חוזק

געמאַכט. ער איז אָבער געזעסן איינזאַם און אַליין נעבן פענסטער און האָט קיינעם גאָרנישט געענטפערט און בכלל שוין מער ניט גערעדט.

אינגאַנצן מסכּים געווען מיט אים האָבן — די באַהעמע פון וואַגאָן, אַ פּאָר יידישע אייזנבאַנישע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געדאַרפט צופאָרן אַ פּאָר סטאַנציעס, און אַ פּאָר קליינשטעטלשע יונגע מיידלעך.

איינע פון די מיידלעך האָט אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה געענדיקט גימנאַזיע, איז באַלד געוואָרן אַ באַרעמהאַרציקע שוועס־טער אין אַ רוסישן לאַזאַרעט און אין אַ קורצער צייט אַרום אויך אין „היימען“ פון יידישע אַנטרונענע, נאָכדעם אַ לערערין אין אַ ניט־נאָרמאַלער פאָלקסשול פאַר יידישע קינדער אין אַ קליינשטעטל, וואָס עס איז איר סוף־כּל־סוף נמאס געוואָרן און זי האָט באַ־שלאָסן — אַוועקצולאָזן זיך „קיין אוקראַינע“ אויף העכערע קורסן. איר האָפענונג איז אָבער ניט מקויים געוואָרן, — און אָט פאָרט זי מיט אַ צעווייטיקט און פאַריאושט האַרץ צוריק אין שטעטל, קיין לאַזדיי, וואו, זי ווייס, ס׳וועט אַוועקגיין דער פרילינג פון איר לעבן אין גאָרנישט — — —

די צווייטע איז געווען אַן אָראַנער מיידל, וואָס אירע על־טערן מיטן געזינטל האָבן זיך נאָכן לעצטן־ביסטן גירוש באַ־זעצט ערגעץ אין דויג, אין מערעטש אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, און זי בענקט נאָך איר געבאָרנשטעטל מיט אירע גרויסע זאַמדיקע גריקע־פעלדער, מיט אירע שיטער־געוואַרענע וועלדלעך און איר מרה־שחורהדיקער — ניט מערעטשער, נאָר דווקא אָראַנער — מערע־טשאַנקע, — אַפילו נאָך די אָראַנער חורבות בענקט זי און פאָרט פון צייט צו צייט אַהער אַראָפּ פשוט געוואָר־ווערן דאָס אַלץ און אויך די עטליכע חברטעס און באַקאַנטע, וואָס זיינען אויף דער סטאַנציע נאָך פאַרבליבן — — —

אויף סטאַנציע אַרטילערייסקאַיאַ איז אַרויפגעשטיגן

אין וואַגאָן אַ מערעטשער יונגערמאַן, לויט אַלע סימנים אַ מיט־גליד פון דער דאָרטיקער (איצט אפשר שוין געוועזענער) „טרו־פּע", האָט זיך אויסגעפּוצט „אין עסיק און אין האָניק" און געקונסטעוועט „אין די דריי וואָכן" אין נעמעניצי (אַ שטעטקע צווישן מערעטש און אָליטע). ער האָט געגאָסן שוועבל און פעך אויף דער „נעמענייצער יוגנט", וואָס האָט ניט געפונען קיין אַנ־דער אָרט פאַרן „ספּעקטאַקל" ווי אַ פויערשן שייער. פונוואַנען דער פויער דער בעל־הבית האָט פאַרגעסן אַפּריער אַרויסצופירן די הינער, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פאַר די פאַיאַציישע קאָס־טיומען און אָנגעהויבן פליען איבער די קעפּ פונם „פּובליקום", און ס'איז געוואָרן אַ גערודער. דאָס, ווידער, האָט גורם געווען, וואָס די „אַרטיסטן" זיינען אויפגעשפּרונגען צעשראָקענע און ס'איז אַראָפּגעפאַלן דער גרים,—און דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדויערט „אָן אַ גוזמא", ביז קינות. — פאַר כעס האָט דערדאָזיקער מערעטשער יונגערמאַן אויסגעזאָגט דעם סוד פון חדר, אַז השטעטקע הזו ק"ק נעמענייצי פאַרמאָגט אַ וואָסער דרייסיק פאַמיליעס גאַנץ תקיפע לייט, וואָס לעבן אַ גאַנץ גוטן לעבן, האָבן אָבער ניט קיין שום גייסטיקע אינטערעסן, קיין שום קולטורעלע און וואוילטעטיקע מוסדות, און אַז אַט דער ספּעקטאַקל האָט עס געזאָלט געבן אַ ביסל געלט פאַר די אָרימעלייט פון שטעטל, נאָר פונם געלט איז עפּעס גאָר־נישט געוואָרן און די אָרימעלייט ליידן דחקות ווי ביז אַהער — —

אויף דערדאָזיקער סטאַנציע איז דעם עולם פּאַסאַזשירן באַ־שערט געווען אַ פריילַכס. אַ פּאָר יונגע שמוכלערלעך, לעב־יונגען, האָבן זיך דאָ אַראָפּגעכאַפּט אָן היטלען אין בופעט אַריין אויס־טרינקען אַ פלעשל ביר און צובייסן, האָבן דאָ געקויפט פּאַפּי־ראָסן, אָבער זיי האָט זיך מעשה קאַפּריז פאַרגלוסט ניט אַנדערש „מיט געלע שטרייפן", האָבן זיך פאַרזאַמט, — און דערווייל איז דער צוג אַוועק, מיטפירנדיק זייער געפּעק — — —

אין וואַגאָן איז געווען אַזוי ענג, אַז דער עולם האָט זיך באמת דערפרייט, וואָס אויף דער סטאַנציע פּאַשניע זיינען עטלי־כע פּאַסאַזשירן אַראָפּגעשטיגן און קיין נייע זיינען ניט אַרויף.

אין דויג זיינען אַריין אין וואַגאָן אַ פּאָר פאַרחלומטע יונגעלייט, דאַכט זיך, לערער, וואָס פאָרן-צו קיין אָליטע דערוויסן זיך, ווען וועט שוין אַמאָל קומען אַהין דער אָפּערן-אַרטיסט וויינאָגראַדאָוו מיט זיין קאַפּעליע, וועלכן מ'האָט שוין לאַנג איינגעלאַדן און ער לאָזט זיך נאָך אַלץ אַזוי ווי בעטן. זיי חלשן אים הערן, „נאָכדעם ווי די „לעצטע נייס" האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַזאַ אָרעאָל און אים צוועקגעזעצט אויבנאָן אין דער „יידישער אָפּערע" און נאָך זיינע טורנעען איבער די גרעסערע שטעט פון אָבעראָסט". איינער פון די יונגעלייט שרייבט שירים און קוקט אַלץ דורכן פענסטערל אַרויס ערגעץ ווייט-ווייט, און דער אַנדערער איז פאַרטאָן מיטן ענין יידישע קונסט, שולן, ביבליאָטעקן, וועגן וועלכע ער רעדט און רעדט אָן אויפהער מיט התלהבות, מיט פייער, און ער וואָלט, דאַכט זיך, געקענט ריידן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און וואָלט קיינמאָל ניט מיד געוואָרן.

אין אָליטע איז מיט אַ שטורעם אַריין אין וואַגאָן אַ גאַנצער פעקל מונטערע יונגעלייט מיט אַ צווויי—דריי פריילנס, וואָס ס'איז כמעט ווי אוממעגליך געווען אָנצושטויסן זיך, ווער זיי זיינען און וואָס איז זייער באַשעפטיקונג, מחמת איייניקע פון זיי האָבן תיכף נאָכן איינאָרדענען זיך אויף די ערטער גענומען לייענען צייטונגען, יידישע און ניט יידישע, און די איבעריקע האָבן כמעט אַלע מיטאַמאָל גערעדט: די—מיט אַ באַזונדערער אַפּריערדיקער התפעלות וועגן ווינאָגראַדאָוון, וואָס וועט מאַכן אַן עפּאָכע אין זייער אָליטע, און יענע — האָבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן נפלאות וועגן דער אָליטער יוגנט (וועגן זיך אַליין, משמעות...), וואָס האָט „אַזויפיל אויפגעטאָן" ווינטיקס אין שטעטל, וועגן אָליטער וואוילטעטיקע מוסדות, וועגן אָליטער אגודות, וועגן אָליטער ביבליאָטעק, וועגן אָליטער קולטורעל-קינסטלערישער געזעלשאַפט, וועגן אָליטער טורן-פאַראיין (וועגן עיקר, וועגן אָליטער שול, האָבן זיי, עפּעס מעשה-שטן, פאַרגעסן...),—בקיצור, האָבן אַזויפיל פאַראָליטעט דעם וואַגאָן, אַז מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך

זיך ערגעץ אין אַ מסיבה פון עכטע ווילנער, וואָס ליבן און רימען זייער „ווילנעטשקע" און קענען זיך גאָר ניט אָפּליבן און אָפּרימען פון איר. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ניט סובאַלק איז די רעזידענץ פון דער גובערניע, נאָר אָליטע, מחמת סובאַלק פאַרמאָגט ניט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס אָליטע פאַרמאָגט... און וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט און דערציילט, האָבן זיי זיך אַלעמאָל תּיכּף געוועגדט נאָך אַ הסכּמה צו איינעם אַ שווייגנדיקן פּאַסאַזשיר, אַ תּושב פון אָליטע און איר געוועזענער לערער, וואָס איז געזעסן ביי זיי אינמיטן און האָט ווייניק ריידנדיק, מיט אַ שטילן שמייכל און שטענדיק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ דערפילט זייער פאַרלאַנג,—און דאַן איז שוין אוממעגליך געווען אַן אפּיקורסישער שמייכל אויף וועמענס־ס'איז ליפּן — — —

וועגן פּאָטאַראַנצי קאָן איך, ליידער, גאָרנישט זאָגן, ניט קוקנדיק אויף מיין שטאַרקן חשק, נאָר אין סימנאָ איז ווי אַ באָמבע אַריין אין וואַגאָן אַ בעל־הביתל מיט געפּאַקטע קעשענעס און בוזימער צייטונגען און זשורנאַלן, יידישע און העברעאישע, נייע און אַלטע, ווילנער, לאָדזער און וואַרשעווער, אַפילו מעבר לגעוועזענעם פּראָנט, איין גאָט ווייס דורך וועלכע וועגן באַקומענע, און—ניט איינהערנדיק זיך, דאַכט זיך, אַפילו אין דעם ענין, וועגן וועלכן מ'האָט דאָ גערעדט — האָט ער זיך תּיכּף־ומיד אַריינגעמישט אין די לאַנגע און ערנסטע שמועסן, וואָס האָבן זיך געפירט אין וואַגאָן כמעט פון אַכט אַ זייגער אינדערפרי ביז 7 אין אָוונט.

— ניט קוקט,—האָט ער אינמיטן דערינען פלוצלינג אויסגעשאָסן,—וואָס איך שמוכל! ס'איז אַ צייט אַזאַ! אָבער גלויבט מיר, ליבע מענטשן, איך האָב מיין נשמה דעם טייוול ניט פאַרקויפט, איך ווייס אַ גרענעץ! איך ווייס, אַז עס גייט אַן אַנדער צייט, אַ נייע צייט, ווען עס וועט פאַרשווינדן דער שמוכל מיט זיין גאַנצן קלאַפּער־געצייג און אויך דער עצם האַנדל־וואַנדל־שווינדל, און מ'וועט דאָס אַלץ ווי אַ קאָשמאַר אַ בייזן בלויז דערמאָנען! עס

גייט אַ צייט פון אַרבעט, פון וויסן און פון פרייהייט, און — אָט אָ־דאָס איז מיין חיות, איז מיין לעבן! — האָט ער פאַרענדיקט, אַ פּאַטש טועגדיק זיך איבער די קעשענעס און בוזימער גאַזעטן און זשורנאַלן — — —

מיין נסיעה מיטן באַן האָט שוין געהאַלטן ביים סוף און איך האָב מיך געפילט פונקט אַזוי גוט, ווי אינדערכּרי אין די ערשטע מאָמענטן ביזן צוג. די אַטמאָספערע איז פון אָנהייב אַ שטיקנדיקע געווען, אָבער וואָס ווייטער האָבן אַלץ נייערע ווינטע־לעך ווייען גענומען און די לופט איז אַלץ ריינער און פרישער געוואָרן. ס׳רוב פּאַסאַזשירן זיינען ביסלעכווייז צווישנאַנאַנד נאָענט באַקאַנט געוואָרן און מ׳האָט זיך אַפילו פריינדליך געפילט. מיט איטליכן נייעם פּאַסאַזשיר איז עס אַלץ היימליכער און פריילעכער געוואָרן און די וויכּוחים זיינען געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און אינ־טערעסאַנטער. יעדערער האָט זיך גאָר יינגער און מונטערער גע־פירט. אַפילו די אומעטיקע „צוקינפטיקע קורסיסטקע" און דער עקסטערן דער פעסימיסט, וואָס האָבן זיך תּחילת ווייניק באַטיי־ליקט אין די וויכּוחים, זיינען אויך לעבעדיקער געוואָרן, האָבן שמייכלען גענומען און אַ פייערל פון אינטערעס האָט זיך אין זייערע אויגן אָנגעצונדן — און ס׳איז אַוועק אַ סדרה פּראָבלעמעס: נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, אינדיווידועלע און סאָציאַלע, פּאָליטישע, קולטורעלע, קינסטלערישע, און אַבסאָלוטער אמת, און אַבסאָלוטע מאָראַל און יושר, און אייביקער עגאָאיזם, און מאָמענ־טאַלער אַלטרואיזם, און טשייקאָווסקיס „מעלאַנכאָליע", און סאַראַ־סאַטעס סימפּאָניע — בקיצור, מ׳האָט אין וואַגאָן פאַרענטפערט די גרעסטע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט — ביז די נאָענטסטע סטאַנציעס, ווען ס׳פלעגט זיך ווידער בייטן דער באַשטאַנד פון די דיסקוטאַנטן און ס׳פלעגן זיך אָנהייבן שמועסן אויף נייע טעמעס — — —

צום סוף איז אויך מיין ריי געקומען. איך האָב זיך פריינד־ליך צעשיידט מיט מיינע צייטווייליקע וויטע־נאָענטע מיטרייזער, וואָס אייניקע פון זיי זיינען מיר פשוט ליב געוואָרן, בין אראָפּ אין קראַסנע און — אוועק צום ציל פון מיין ווייטערדיקער נסיעה פּער־אַקס — — —

III. אין די שטעטלעך.

ס'איז געווען אַ שיינער זומערדיקער פּאַרנאַכט. די זון האָט ביסלעכווייז גענומען אָנצינדן דעם מערבדיקן האָריזאָנט מיט אַ לאַנגן שמאָלן פּאַס פייער, וואָס האָט ניט געשרפהט ווילד און ניט געריצט, נאָר געברענט שטיל און מילד, געטרייסט און באַ־רואיקט, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיין אַ שיינער, אַ שע־נערער פונם היינטיקן — — אַן עכט־ליטווישע אָוונטרויט — — דער הימל האָט באַקומען אַ מאַטאָוון קאָליר און איבער דער ערד האָט זיך גענומען שפּרייטן עפּעס אַ קוים־באַמערקבארע העל־נעפּל־דיקע הילע, ווי אַ חופה צום פּאַרהיטן פון ברענענדיקער היץ בייטאָג און פון שניידנדיקער קעלט ביינאַכט, ווי עפּעס אַ גוטער מלאך וואָלט דאָס אויסשפּרייטן געוואָלט זיינע העלע, דורכזיכטיקע און באַשיצנדיקע פליגלען איבער די קעפּ פון די אָרימע אויסגע־פּייניקטע קינדער פון ליטע — — —

מיר זיינען געפאָרן זאַלבעפערט אין אַ גרויסער, ברייטער און טיפער, פעסטגעבויטער מיליטערישער פור. געזעסן זיינען מיר גאַנץ באַקוועם אויף אַ היבשער אויסבעטונג פון שמעקעדיקער היי. דער סאָלדאַט, וואָס איז געפאָרן מיט ליידיקן פון דער סטאַנציע צוריק אין זיין רו אין שטעטל און האָט פּאַראייננגאַנג נעוואָלט פּאַרדינען (—קיין עוולה ניט—) צו פּאָר מאַרק פון אַ פּאַסאַזשיר (—די שטאָטיקע הויטשינדער וואָלטן געוויס „געריסן אַ פּאַס״ — ניט ווייניקער ווי 100 רובל פּאָר „אַ יאַזדע״!—), איז זיך געזעסן אויף דער קעלניע שטיל און רואיק, ניט אויסריידנדיק מיט קיי־נעמען קיין וואָרט. און בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער אַ פּאָך

טאָן אין דער לופֿט סימעטריש און הילכעדיק מיטן לאַנגן בײטש, באַזונדערס שטרענג אונטערברומענדיק אונטערן נאָז, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַ ווײטן און אַ שטאַרקן שונא שרעקן, און האָט די גאַנצע צײַט ניט אַרויסגעלאָזן פֿון מויל די לאַנגע פֿײַף, וואָס האָט זיך בײַ אים, דאַכט זיך, קײנמאָל ניט פֿאַרלאָשן — — —

איך האָב זיך פֿונאַנדערגערעדט מיט מײַנע מיטפֿאָרער.

אײנער פֿון זײ איז געווען אינגאַנצן גרוי, אָבער די ספּע-ציפֿיש-העלע שטריכן פֿון זײַן פּנים, די צונויפֿגעהאָפּטנקײט פֿון זײַנע ליפּן און די באַוועגונגען פֿון זײַן גאַנצן קערפּער האָבן באַ-וואויזן צו מאַכן די השערה, אַז ער איז גיכער גרוי געוואָרן אָן אַ צײַט — פֿון צרות. זײַנע קינדער זײַנען צעזײט און צעשפּרײט — אויף די פֿראָנטן צי אין „פּליען"; ער האָט פֿון קײנעם פֿון זײ קײן שום ידיעה ניט, און ער גלויבט שוין ניט, אַז זײ לעבן. ווער ווײס, וואו עס איז אַהינגעקומען זײער געביין... ער איז כּל ימיו געווען אַ בוכהאַלטער, אָבער אין מלחמה-צײַט — ווער דאַרף אים? גײט עס אים די גאַנצע צײַט זײער שלעכט. קען בשום אופֿן זיך ניט צו-פּאַסן צו די נײַע, שמוכלערשע, עסקים, — פּאָרט ער איצט צו זײַ-נע אַנומלטיקע גוטע פֿרײַנד, געוועזענע אַמאָל גאַנץ תּקיפֿע אין מעמד, וואָס זײַנען איבער דעם אימהדיקן יקרות אין שטאָט אַרויס-געפֿאָרן און באַזעצט זיך אינם שטעטעלע לאַזדײַ. אפֿשר וועט זיך אים דאָ עפּעס אײַנגעבן.

דער צווײטער איז געווען אַ ברײטבײניקער ברונעט אין די מיטעלע יאָרן מיט אויסדריקליכע געזיכטסשטריכן און מיט אַ פּײַ-ערל אין די שוואַרצע אויגן: זײַן מאַנופֿאַקטור-געשעפֿט אין שטאָט האָט זיך שטאַרק פֿאַרבראָכן. דער רוס האָט אָנגעהויבן דעם חורבן און דער טײַטש האָט אים דערענדיקט. ער איז אָבער גליקליכער-ווײַז געבליבן בײַם נפֿש און האָט דעם מוט ניט אָנגעוואָרן, — איז אָט פֿאָרט ער איצט אין שטעטל צו אַן אויפֿגעקומענעם קרובֿ — חלילה, ניט צו פֿאַרהעלפֿן זיך, — ער איז נאָך, דאַנקען גאָט, גע-זונט און גענוג ענערגיש, — ער וויל נאָר פּשוט פֿאַרבינדן דורכן קרובֿ געשעפֿטליכע באַציאונגען מיטן קאַנט. און אים איז גאַנץ גלײַך, מיט וואָס פֿאַר אַ מין צו האַנדלען.

דער דריטער, אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בן־שבעים, האָט געפירט אַמאָל גרויסע פלאַקס־געשעפטן מיט אויסלאַנד. די מלחמה האָט אים אינגאַנצן רואינירט און ער איז געוואָרן אַ מחוסר לחם. דאָס אַרט אים אָבער ניט. ער טראָגט אין האַרצן טיפע וואונדן, וואָס וועלן קיינמאָל־קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערן! אַליין איז ער אַ פּראָווינישקער און איז בעתן גירוש קאָוונע אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אוקראַינע, וואו ער האָט פאַרלאָרן זיינע צוויי טעכטער און דריי זין — אינם פּאָגראָם אין דער יידישער קאָלאָניע אינגוליעץ, וואו עס האָט געבושעוועט אַ משומד, אַן אָנפירער פון אַ באַנדע רוצחים... — וואָס האָט ער אין די פאַרשאָלטענע פיר יאָר ניט איבערגעטאָן? ער געפינט זיך אין עריגעץ ניט קיין אָרט. ווען ניט די אומגליקליכע מוטער פון זיינע אומגעקומענע פינף קינדער, וואָלט ער זיך שוין לאַנג אויך... נאָר נו... נאָכדעם ווי דער טייטש האָט פאַרנומען אוקראַינע, האָט ער, דער געטרייער פאָטער, געמוזט פאַרלאָזן דעם ברודער־קבר פון זיינע קינדער אין דער פאַרוויסטער קאָלאָניע, וואָס איז אַריבער אין ניט־יידישע הענט, און זיך אומגעקערט צוריק—אין דער פאַרוויסטער ליטע. דאָ גייט אים ווידער ניט. איצט פאָרט ער אין שטעטל צו איינעם אַ יונגנמאַן, וואָס ער דאַרף אים פירן צו דער חופה קיין סעריי — דער ערשטער חופה אין דעם קאַנט פאַר די גאַנצע פיר יאָר שחיטה... ער האָט ניט זוכה געווען צו פירן זיינע אייגענע קינדער צו דער חופה, פירט ער פרעמדע...

אַ שווידער האָט דורכגענומען אַלע צוהערער פון דער דאָזיקער עפּאָפּעע, און אין דער פור איז שטיל געוואָרן. אונזערע רייד האָבן זיך אויסגעשעפּט, און יעדערער איז געבליבן פאַרטיפט אין די אייגענע רעיונות — — —

דער וועג איז געווען אַ גלאַטער און אַ שטילער. דערפער האָבן זיך באַגעגנט וויי־ניק: זיי האָבן אין די מלחמה־יאָרן זיך אָפּגערוקט אַלץ מער אין דער טיף, וואָס ווייטער פון די „גאָסצינעצן", פון די גלייכע וועגן, כדי עס זאָל זיי אַן אויג ניט זען, אַ בייז אויג ניט שאַדטן... סירוב פון אַט די וויניקע דערפער ביים וועג

זיינען געוועזן חרוב... די געציילטע תבואה־פעלדער זיינען געווען אָפּגעשניטן און די לאָנקעס אָפּגעקאָשעט; די שווינדזיכטיקע סקיר־טעס קאָרן און די שיטערע סטערטעס היי זיינען געשטאַנען איינ־געשרומפּענע אומעטיק און עלנט... ווייניק דורכפאָרער האָבן זיך באַגעגנט, מערער דורכגייער מיט גרעסערע און קלענערע פּעקלעך און זעקלעך אויף די פּלייצעס, איבערגעבונדן מיט שטריקלעך אין דער מיט. אַלע באַגעגנטע האָבן פאַרן סאָלדאַט שטיל אָן ווערטער די היטלען אַראָפּגענומען, כאָטש ער האָט גאָר אין זייער זייט אַפילו ניט געקוקט... אויפן גאַנצן וועג, אויך אין די געציילטע באַזעצטע דערפלעך, איז אַפילו „אויף אַ רפואה" ניט געווען צו זען אַ הונט אָדער אַ קאַץ, ווייל די טייטשן האָבן צעשאָסן אַלע „אומזיסטע פרעסער"...—אַט זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן אַ סטאַראָ־ווערישן בית־הקברות מיט אַ טיילוויז צענומענעם און איינגעבאַנצן חורבן הילצערנעם פאַרקאַן. אַ חורבן איז געווען אויך איינעווייניק; עס האָבן דאָרטן זיך געפּיטערט פערד און חזירים...

אַ טרויער האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום פון אַט די חורבות; אַ טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף פעלד און לאָנקע, אַזערקע און טייכל, אויף דער גאַנצער אָנוועלדערדיקער געגנט אונטן און אויף דעם שוין גרוי געוואָרענעם, ווי פאַרשטויבטן, הימל אויבן. אַן אומהיימליך געפיל האָט אַרומגענומען ס'האַרץ און געדאַנקען פון פאַרצווייפלונג זיינען מאַסנווייז אויפגעשוואומען פון דער טי־פעניש פון מוח וועגן דעם חורבן פון דער וועלט — — — און אין אַזאַ שטימונג איז מען צוגעפאָרן צום שטעטל — — —

אין לאַזדיי.

קיין לאַזדיי האָב איך געוועלט אַריינגיין צופוס, און בין אַראָפּגעשטיגן פון דער פור באַך פאַרן אַריינפאָר אין שטעטל.

בילדער — איינס טרויעריקער פונם אַנדערן.

קליינע גרופּקעס און איינצלנע פאַרמורזעטע בהמות לאָזן זיך צוריק פון פעלד דורך דעם חורבן ברוק פון דער שטעלטשער

ברייטער און לאַנגער, קענטיק, אַמאָל געווען שיינער גאַס: איינגעשרומפּענע קי מיט ליידיקע אַייטערס שלעפּן זיך קוים; אויף די עטליכע פאַמעליך נאָכגייענדיקע מאָגערע קעלבלעך איז אויסגעגאָסן אַ מין משונהדיקע פוילקייט; די קליינע אויסגעדאַרטע שעפּסלעך, מערסטנס אָן אַ באַשטימטן קאָליר, פאַרטויבן די אויערן מיט זייער מעקען און בלעקען... מן הסתם אַלע הונגעריקע צוריק געקומען פון די וויסטע לאָנקעס. די קליינע פאַסטעכלעך שלייכן זיך אויך דורך מיט זייערע בייטשלעך שטיל ווי שאָטנס.

אָט שטייט אַ שיין הויז מיט אַ חרובער וועראַנדע און מיט פעסט פאַרשלאָגענע טיר און פענסטער; אָט נאָך איינס, אַ געווייניכס, אַ צווייטס, אַ דריטס — מיט ברעטער אָנשטאָט טיר און פענסטער. צווישן יעדע דריי-פיר הייזער אין דורכשניט איז לכל הפחות איין פאַרקאָן צענומען. אָט שטייט אַ שטיבל מיט לגמרי אויסגעבראָכענע טיר און פענסטער, דאָ נאָך איינס — איינדרייען איינגעבויגן באַלד צום איינפאַלן, און דאָרטן — אַן אַרומגעצופּט הויז מיט אַן אַראָפּגעריסענעם דאַך. נאָך עטליכע טריט — אַ רייווינען מיט אַרויסגעשטאַרצטע חרובע אויוונס און קוימענס, — אַ רעזולטאַט פון שריפות. און אַזוי ווייטער און אַזוי כסדר. העכער אַ דריטל שטעטל — חורבות. זעלטן וואו אַ גערטעלע, אַ סעדל.

אַן אומעט כאַפּט אַרום דערפון דאָס האַרץ: איך וויל וואָס גיכער דורכלויפן די גאַס, — איך דערמאָן מיר אָבער, אַז איך האָב גאָר ביי קיינעם פון די דורכגייער נאָך ניט געפרעגט אַפילו די וואוינונג, וואוהין איך דאַרף. אַזוי פאַרטראַכט בין איך געגאַנגען — — —

באַלד איז צוגעפאַלן די נאַכט, — און איך בין געזעסן ביי פסח מאַרקוסן, מיין פריינד, דעם אַרויסגעבער און מיטאַרבעטער פון „ליטע“, וואָס צו אים בין איך עס אייגנטליך געקומען. אַ גוטער ברודער, האָט ער גוטמוטיק אַ סך גערעדט און אָנגעציילט זיך פון די טייטשן און פון די שטעטלשע געשעפטן און באַציאונגען מיט זיי. דער שמוכל האָט פאַרסמט דאָס שטעטל, מיינט ער, מער ווי די שטאָט; דער סאַכאַרין האָט פאַרגיפט די עצם לופט. איך האָב ניט געוועלט מסכים זיין מיט אים, — ער קען ניט די

שטאָט, ווי דעמאָראַליזירט זי איז געוואָרן. איך האָב נאָך אַלץ געגלויבט אין שטעטל, אַז עס איז נאָך אַלץ דאָך דער רעזערוואואַר פון תמימותדיקן אידעאַליזם. אין קאָפּ איז מיר אָבער דורכגעפלויגן ביאַליקס „עָם כִּי יֶחֱרַב״ — אַ פאָלק ווען ס׳ווערט אין אַלע זיבענס חרוב...

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ צונויפקום מיט דער יוגנט.

דערווײַלע אָבער, איידער ווי־וואָס־ווען, דאַרף מען זיך באַקענען מיטן שטעטל בכלל.

פאַר דער מלחמה האָבן דאָ געלעבט איבער 300 יידישע משפחות. דערפון זיינען געווען אַ 30 בעלי־מלאכות און ביי 50 פעלד־אייגנטימער, וואָס האָבן מערסטנטיילס געאַרבעט אַליין צוזאַמען מיט די ווייבער און קינדער: אַ פּאָר צענדליק קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די האַנטווערקער, און כמעט אַזוי פיל ניטקוואַליפיצירטע טאָגלוינער, וואָס האָבן געהאַט באַשעפטיקונג ביי יידישע פעלד־אייגנטימער צוגלייך מיט די „פּאַראָבקעס״ — ליטווינער. עטליכע צענדליק בעלי־עגלות. די איבעריקע זיינען געווען קרעמער, קאַראַבעלניקעס, קליינהענדלער, אויך אַ ביסל סוחרים פון גרעסערן מאַסשטאַב, כלי קודש און מענטשן אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס. דאָס איז געווען איינס פון די מערקווירדיקסטע אַרבעטזאַמע יידישע שטעטלעך אין ליטע, וואָס האָט ניט געוואוסט פון דחקות און איז געשטאַנען אויך גאַנץ פיין אין קולטורעלן זין. פון אָט דעם שטעטל שטאַמט דער באַוואוסטער פּובליציסט פון לאָנדאָנער „צייט״ א. צ. ראָמאַנאָווסקי.

אין דעם ערשטן יאָר מלחמה איז דאָס שטעטל לײדיק געוואָרן אויף אַ גוטער העלפט פון איר איינגעבאָרענער יידישער באַפעלקערונג און אַ תל איז געוואָרן פון אירע פריערדיקע פּראָפעסיעס. אין משך פון דער דײַטשער אָקופּאַציע איז דער יידישער ישוב דאָ צוריק פאַרגרעסערט געוואָרן — ביז 200 פאַמיליעס, אָבער די צוגעקומענע זיינען געווען כמעט אינגאַנצן אַן עלעמענט אַ פרעמדער. איצט געפינען זיך דאָ סך הכל ביי אַ 20 בעלי־מלאכות, — דער עיקר שוסטער, שניידער, שמידן, זייגערמאַכערס, —

אויך אַ שערער, וואָס שערט ניט ראש חודש און אין די ספירה־טעג און ראַזירן ראַזירט ער בכלל ניט. די צאָל פעלד־אייגנטימער האָט זיך זעער שטאַרק פאַרקלענערט, און דאָס—אַרבעטן זיי שוין ווייניקער אַליין, באַנוצן זיך מער מיט געדונגענע אַרבעטער, כאָטש, אמת, ניט אין אַ גרעסערער צאָל ווי די קריסטליכע בעלי־בתים. דער גרעסטער טייל האַנדלט, שמוכלט סאַכאַרין און אַנ־דערע „ערזאַץ־אַרטיקלען, וואָס דער טייטש האָט איינגעפירט. מ׳האַנדלט, שמוכלט, ווייל דאָס לוינט זיך בעסער, ווייל דאָ קאָן מען מיטאַמאָל נתעשר ווערן...

די קריסטליכע באַפעלקערונג איז דאָ אַלעמאָל געווען אַ קליינע און איצט איז זי אויך ניט גרעסער. בכן—אַן עכט־יידיש שטעטל.

דער קולטורעלער מצב זעער טרויעריק. ס׳אַרבעטן צוויי מלמדים,—איינער מיט 60 תלמידים און איינער מיט 90. מאַטערי־על מאכן די מלמדים גראָד ניט שלעכט; די פעדאַגאָגיק אָבער ליידט. אין אַן ערגערן צושטאַנד געפינען זיך די עלטערע קינדער פון 14—15 יאָר, וואָס לערנען זיך ביי די ישיבה־בחורים פון בית־מדרש. די אָרימע קינדער שטיצט מען דאָ אָן „קאָמיטעטן״ און אָן גבאים, און די אָרדענונג איז דאָ דאָך פיל בעסער און עס גייט צו מיט אַ סך מער יושר, איידער אין די מקומות מיט „אָרגאַני־זירטער״ שטיצע...

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: די סיסטעם פון „טעג״ איז דאָ נאָך ניט אויסגעגאַנגען; לויט אָט דער סיסטעם ווערן דאָ עד היום נאָך אויסגעהאַלטן ישיבה־לייט און אָרימע קינדער־יתומים, מחמתן שווערן הונגער אויסגעוואַנדערטע פון די גרויסע שטעט און געקומענע אַהער אַפילו אַזש פון ווילנע...

דאָ, אין דער ליטווישער לאַזדיי, איז אין דער איינגעבאָ־רענער יידישער באַפעלקערונג נאָך שטאַרק דער פאַטריאַרכאַלער שטייגער לעבן. און כאָטש עס פעלט שוין עפּעס פון דער אַמאָ־ליקער קליינשטעטלשער וואַרימקייט און האַרציקייט, דאָך איז דער קאָלאָריט נאָך דערזעלביקער פאַרבליבן.

די יוגנט איז שוין אייגנטליך אַ נייע, טראָגט שוין נייע

בענקשאפטן אין הארצן, לעכצט נאך עפעס א נייעם ווארט, — דאך, אז ס'קומט אין שטעטל א מגיד, אן אלטפרענקישער בעל־דרשער, גייט די גאנצע יוגנט אין בית־מדרש מיטן גאנצן ערנסט הערן אים.

דא איז פארהאן א גאנץ גרויסע יוגנט. פאר דער מלחמה איז געגאנגען א יוגנט־שטראם פון שטעטל אין דער גרויסער שטאט אריין. איצט האט עס זיך געענדערט. די יוגנט שטראמט פון שטאט אין שטעטל. זי ווערט געטריבן פונם הונגער, וואס איז אין שטאט אומאיבערטרעגליך, און זי האט זיך שוין מער־ווייניקער איינגעלעבט אין שטעטל. מחמת דער אוממיגליכקייט פון קאמוני־קאציע האט זיך אין די שטעטלעך אנגעקליבן א קאנטינגענט יוגנט, וואס וועט נאך אפשר שפילן א וויכטיקע ראלע אין דער קולטורעלער אויפלעבונג הן פון די שטעטלעך הן פון די גרויסע שטעט, אויב זי וועט נאר שפעטער ניט צעלויפן זיך אין די פאר־שיידענע אויסלאנדס, וואס וועלן נאכן שלום זיך אויפעפענען פריי. דאס איז אויך די סיבה פון איר גייסטיקער גאנצקייט, פון איר מאראלישער ריינקייט, ניט געקוקט אויף דער דעמאראליזירנדיקער השפעה פון מלחמה און אקופאציע. די קליינשטעטלשע מיידלעך זיינען נאך געבליבן דיזעלביקע אידעאליסטיש־פארחלומטע יידישע קינדער ווי אמאל, ניט געאכט אויף די קלייגליכע אמביציעס און אנדערע קליינשטעטלשע חסרונות.

דאס אלץ האט זיך ארויסגעוויזן אויפן צונויפקום מיט דער יוגנט אינם „שטאט־גארטן", וואס האט אייגנטליך געהערט גאר צו א רייכן פריץ.

ס'איז בייגעווען די גאנצע יוגנט. אויפן סדר היום איז גע־שטאנען די פראגע וועגן דער ביבליאטעק, וואס איז אינגאנצן פארלאזן געווארן — ניט איבער מחלוקת צווישן פארטייען, וואס האבן דאן אין שטעטל ניט עקזיסטירט, נאר צוליב פערזענליכע אמביציעס און קלייגליכע חשבונות מיט א צומיש פון ליבע־איב־טריגעלעך... א ביבליאטעק אין א שטעטל איז אבער א אינסטי־טוציע, וואס קאנצענטרירט ארום זיך די יוגנט, ארגאניזירט און דיסציפלינירט זי, טראגט אריין קולטור און האלט־אויף אין איר

ס׳פייערל פון אידעאַל.—אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דורכצו-ריידן זיך מיטן עולם, און עס איז מיר אין רעזולטאַט געלונגען אַריינצוטראָגן שלום און האַרמאָניע צווישן דער אין עצם וואָילער יוגנט. אויף אַן אָרט איז געוואָרן 1400 מאַרק אויף דער ביבליאָ-טעק און ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ האַרמאָנישע אַרבעטס-פעאיקע פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אימפאָנירט אַלעמען אָן אויסנאַם. די פאַרוואַלטונג האָט שוין גענומען פּלאַנעווען אַ דראַמאַטיש-וואָ-קאַלישע אונטערנעמונג, און די יוגנט האָט אויפגעלעבט.

אין שטעטל האָט מען אָבער געשפּירט, אַז דער באָדן וואַקלט זיך אונטער די פיס: עפעס איז די לופט אָנגעזאַפּט מיט אומרו. עפעס איז די לאַגע אומבאַשטימט. עפעס טוט זיך הינטערן רוקן אַזוינס, פון וואָס מוראַשקעס הייבן אָן איבער אָט דעם רוקן לויפן... מען איז ניט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. עס ציטערן די הערצער. וועט עס טאַקע ווערן שלום? און וואָס פאַר אַ שלום וועט עס זיין? וואָס וועט ער, אָט דער שלום, קאָסטן? א פ ש ר דעם זעלביקן פּרייז, וואָס די מלחמה?... וואו וועט מגולגל ווערן, אַהינקומען דאָס שטעטל? מען גלויבט שוין ניט און מען וואַרט שוין ניט אויף גליקן אין אָט די לענדער. דאָ איז בלויז אַ צייטווייליקע דירה, אַ נאַכט-אַזיל. דאָ איז אַ פאָרהויז בלויז, וואו מען דאַרף זיך גרייטן צו דער צוקונפט—ערגעץ אַנדערשוואו. די גאַנצע יוגנט און דער וויטגרעסטער טייל עלטערע טראָגן זיך מיט געדאַנקען וועגן ע מ י ג ר א צ י ע — קיין ארץ ישראל, קיין אַפריקע, קיין אַמעריקע, קיין אַווסטראַליע,— וואו עס וועט זיך נאָר עפענען אַ טיר — — —

איך האָב געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן חורבן ליטע פאַר דער זאַמלונג „ליטע״, און איך בין מיט מאַרקוסן אַרויסגעפאָרן אויף זיין פור אין וועג — קיין ס׳ייני.

סוף פון יידישע מאַיאָנטקעס און חורבן פון די שטעטלעך.

גאַנץ פרי באַגינען. עס כמארעט זיך, אָבער קיין גרויסע רעגנס וועלן, קענטיק, ניט זיין. מיר מאַכן אומוועגן און שטעלן זיך אָפּט אָפּ אין דערפער, אין מאַיאָנטקעס, אין שטעטלעך. אומעטום חורבן און חורבן, טיפער צער און טרויער. אָבער — מַה בֵּין בְּנִי לְבֶן חָמִי! גרויס איז דער חורבן ביי די ליטווינער, אָבער — זיי זיצן פעסט אויף זייער באָדן און אַ כּונטערקייט קוקט אַרויס פון זייערע אויגן, וואָס פינקלען מיט עפּעס אַ ניטאַרויסגעזאָגטער האָפענונג אויף אַ בעסערן, אָנוואָלקנדיקן מאָרגן, מיט אַ גוטמוטיקן, אָבער געהיימניספולן שמייכל. צוריקגעהאַלטן זעער איז דער ליטווינער, היט זיך מיט אַ וואָרט, האָט לגמרי גאָר קיין חשק ניט צו זיין צוטרוילעך און אָפנהערציק. ביי די יידן אָבער איז דער חורבן אֵין לשער גרויס, דער צער און דער טרויער — טיף אָן אַ גרונט, דען דער באָדן איז אונטער זייערע פיס פולשטענדיק צעטרייסלט, גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זיי; עס ווערגט און שטיקט דער צער דעם יידן, און ער איז קאַפּאַבל אַרויסצורייד אים פאַר אַ ליאַדע אומבאַקאַנטן, זיך אָפּריידן דאָס האַרץ...

מיר פאָרן אַזוי, — מיט אַמאָל — אַ הויכער שיינער ייד אין וועג צופוס מיט אַ קאָרב פיש אין האַנט און אין אַ הילוך, וואָס האַרמאָנירט בשום אופן ניט מיט דער איידלקייט פון זיין פּנים און מיט דער טיפער נאַטור-אינטעליגענץ פון זיינע אויגן...

— אַך, ר׳ יאַנקל! — רופט אויס מאַרקוס מיט טיפסטן דרך ארץ — קומט, זייט מוחל, אַרויף צו אונז אויף דער פור. וואָס מאַכט איר? שוין אַ צייט זיך ניט געזען.

און ר׳ יאַנקל האָט, זיצנדיק צווישן אונז, גענומען דערציילן די געשיכטע פון זיין לעבן. געווען אַ רייכער גוטבאַזיצער אויף סובאַלקער טראַקט, באַהאַנדלט מענטשן מיט יושר, געהאַט שטענדיק גאָט אין האַרצן, קינדער דערצויגן צו גאָט און צו לייט. האָט אָבער די מלחמה געמאַכט אַ תּל פון זיין עשירות און פון זיין תּקיפות. דער מאַיאָנטעק — איינגאַנצן חרוב געוואָרן, אַ שטיין אויף

אַ שטיין ניט פאַרבליבן. די זין — פאַרפאַלן אויף מלחמה אָן אַ שום שפור און די ווייב פון צער אַוועקגעשטאָרבן אָן אַ צייט. געבליבן אַליין מיט דער בת־יחידה אינם גאַנץ־פאַרבליבענעם פולווארעקל, וואָס ער האָט געקויפט פאַר דער מלחמה מיטן חשבון אויף נדן פאַר איר. מורא באַקומען צו פאַרבלייבן אין אַזאַ אומרואיקער צייט אויפן לאַנד אַליין מיט זיין איינציק קינד, — פאַרקויפט דאָס פולווארעקל איינעם אַ פריץ בחצי חינם און פאַר דאָס ביסל געלט חתונה געמאַכט די טאָכטער מיט אַ פיינעם אָרנטליכן האָרעפּאַשנעם מאַן. איצט גייט ער צום טייך, שלעפּט זיך מיט אַ קאָרב פיש און וואַרט נאָך אויף אַ ידיעה פון די זין, — עס טליעט נאָך ביי אים אין האַרצן אַ פונק האָפענונג, אפשר לעבן זיי נאָך... אַ סוף געוואָרן פון לייפון, לאָסעוויטש, פון אַלע יידישע מאַיאָנטקעס און פון אַלע יידישע גוטבאַזיצער אין דעם קאַנט, — בלויז פון די יידישע!...

ווען ער האָט דערמאָנט לאָסעוויטש, האָט עס מיך טיף אַ ריס געטאָן אין האַרצן. איך בין אַמאָל דאָרטן געווען אַ לערער. אַ זעלטן הויז געווען אָט דאָס הויז פון די בראַמסאָנס, די אייגנטימער פון לאָסעוויטש. דער אַלטער בראַמסאָן, ר׳ מנחם מענדל, אַ האַרציק־גוטער מענטש און אַן אויפריכטיק־פרומער ייד, איז געזעסן ימים ולילה על התורה ועל העבודה און געשריבן אַ ספר „תורת מנחם" אויף מסיכתא יומא; זיין ווייב, שיינע־לאה, איז געווען אַ טיפּ פון אַ פאַרצייטיק־יידישער אשת־חיל, וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן. זייער עלטערער זון, אלכסנדר, האָט זיך געפירט ווי אַ פוילישער פריץ, אָבער דער ייִנגערער, וואָלף, ביי וועמען איך בין עס אייגנטליך געווען אויף קאָנדיציע, איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער האָרעפּאַשניק און האָט מיט גרויס טאַלענט געפירט אַלע עסקים — הן פונם מאַיאָנטעק, הן פון דער ברויערײַ. פעסט איינגעפונדעוועט איז געווען אָט דער מאַיאָנטעק אין די הענט פון אָט די יידן שוין דעם פערטן דור, און עס האָט זיך געדוכט, אַז בלויז אַן אַגראַרישע איבערקערעניש אָדער רעפאָרם וועט קענען אים אַוועקנעמען פון זיי...

אַן אויסטערלישער יידישער אַריסטאָקראַטיזם האָט געוויי

איבער דער דאָזיקער פאַמיליע. שטיל און איידל זיינען געווען די בראַמסאָנס, האַרציק גוט צו אַלעמען, צו יעדן געדריקטן מענטשן, וואָס איז קיינמאָל פון זיי מיט ליידיקן ניט אַוועק. אָפן איז זייער הויז געווען פאַר דורכגייער, וואָס האָבן דאָ אַ מקום מנוחה אין אַ נויט געפונען. אַרבעטער און פויערים האָבן ליב געהאַט זיי אויף אַן אמת און געשפּירט צו זיי גאָר אַ באַזונדערן דרך-ארץ. זיי פלעגן אויף זיי זאָגן: „מענטשן אָן אַ גאַל". — די באַציאונג פון וואולף און רבקה בראַמסאָן צו אַ לערער איז געווען ווי צו עפּעס אַ העכערן וועזן. זיי האָבן געחלומט, געטעמט מיט דער דערציאונג פון זייערע קינדער. און די דערציאונג איז געווען אַן אידעאַלע, און די קעגנזייטיקע ליבע און אַכטונג אין דער פאַמיליע — אידעאַלע. — פאַרן אַלטן טאַטן פלעגט מען אויסשרייבן די בעסטע ספרים פון דער תלמודישער ליטעראַטור, פאַר דער אַלטער מאַמען — רעליגיעזן לייען-שטאָף; פאַר דאָס הויז בכלל — טעגליכע, וועכנטליכע און חודשדיקע העברעאישע, יידישע, רוסישע, פּוילישע און דייטשע צייטשריפטן; פאַר די קינדער — כל המינים קינדער-ליטעראַטור. מ'האָט דאָ פּרינציפּיעל געשטיצט העברעאישע און יידישע ליטעראַטור און פּרעסע. דאָ איז געווען אַ גראַנדיעזע ביבליאָטעק, פול מיט מערקווירדיקע, יקר-המציאותדיקע עקזעמפּלאַרן. אַ וואונדערבאַר הויז פון אידעאַלע יידן-מענטשן.

און אָט דאָס הויז איז חרוב ומוחרב געוואָרן עד היסוד!

די צאַרטע מוטער רבקה האָט גענומען זיך צום האַרצן אַ גרויסן צער פון אַ קינד, וואָס איז געקומען פון אַן אומאָפּהענגיקער סיבה, האָט עס ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעהויכט איר אָטעם אָן אַ צייט. אַז דער עלטסטער זון, דוד, וואָס האָט שטודירט אין אויסלאַנד, האָט עס דערהערט, האָט ער פון בענקשאַפט נאָך דער הייסגעליבטער מוטער — גענומען זיך דאָס לעבן. — די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי האָט צעראַבירט און פאַרברענט לאָסעוויטש; די טייטשן האָבן אויסגעהאַקט די 60 טויזנטביימער פון די בראַמסאָנס וועלדער און פאַרנומען די גאַנץ פאַרבליבענע קליינע רעשטלעך פונם מאַיאָנטעק. די אַלטע בראַמסאָנס און דער עלטערער זון אלכסנדר זיינען אַוועקגעשטאָרבן, און וואולף איז אַ צעבראָכענער, דערשלאָ-

גענער און פאַרצווייפלטער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער נחלה פון זיינע אבות. די טייטשן האָבן זיך גענומען אָפּבויען דאָס גוט פאַר זיך,—און וואולף בראַמסאָן איז געבליבן אַן אומגליקליכער אביון און אַוועק פון דער וועלט דערטרונקען אין אַ ים טרויער, דערשטיקט פון אומאיבערטרעגליכע טראַגעדיעס — — —

די באַציאונג פון די בראַמסאָנס צו מענטשן איז געווען אַן אומגעוויינליכע. זיי האָבן זיך מיט אַרבעטער און פויערים קיינמאָל ניט געדונגען, נאָר געצאָלט די לוינען און די פרייזן, וואָס יענע האָבן פאַרלאַנגט; האָבן אין לעבן קיין מענטשן ניט באַעוולט, ניט באַליידיקט, און אַרויסגערופן צו זיך פון אַלע זייטן נאָר ליבשאַפט און אַכטונג; אויף רעכטס און אויף לינקס געשאָטן מיט געלט פאַר געדריקטע און ליידנדיקע און אויף צוועקן פון קולטור. אייגנאַרטיקע אייבערמענטשן.

און איך האָב ביי זיי אין שטוב געחלומט די שענסטע חלומות פון מיין פרילינג. דערפאַר קלעמט עס אַזוי און ס'וויינט מיין האַרץ אויף זייער אומקום, אויפן אומפאַרדינטן טראַגישן פינאַל פון זייער לעבן,—און איך לאָז איבער אויף אַן אַנדער מאָל די באַשרייבונג פונם גרויסן חורבן פון די אַלע אַנדערע צענדליקער יידישע ישובים, שטעט און שטעטלעך, וואָס איך האָב באַזוכט אין קאָוונער לאַנד און אין מדינת סובאַלק.

אומעטום דיזעלביקע טרויעריקע בילדער, דיזעלביקע אומרואיקייט און ציטער-פלאַטער פאַרן מאָרגן, אַפילו פאַר דער קומענדיקער שעה, דיזעלביקע פאַרצווייפלונג און געדאַנקען וועגן עמיגראַציע — קיין ארץ ישראל, קיין אַפריקע, קיין אַמעריקע, אַוסטראַליע, וואו עס וועט זיך נאָר עפענען אַ טיר — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אב—אלול תרע"ח.